STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01020

A DOR

Menahem Boraisha

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jerry Treppel
in memory of
the Treppel family*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם באָריישאַ

אַ דור

אָפּקלייב פון
לידער און פּאָעמעס
1907 — 1933
מיט א נאָכוואָרט

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

A DOR
A Generation

SELECTED POEMS

By MENAHEM BORAISHA

Copyright 1947
by
MENAHEM BORAISHA
New York, N. Y.

Published by
Farlag Matones
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.
Printed in U. S. A.
200

פון מחבר

די איצטיקע זאַמלונג ווערט אַרויסגעגעבן פערציק יאָר נאָכ־דעם ווי איך האָב אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע ליד. וואָס איך טראַכט נאָך די פערציק יאָר וועגן זיך און מיין גאַנג מיטן דור דערצייל איך צום סוף פון בוך.

אין דער זאַמלונג גייען אריין די מערסטע זאַכן פון „אַ רינג אין דער קייט" און „זאַמד", ווי אויך דאָס געשריבענע ביז 1933, וואָס איז פריער אין קיין בוך נישט צונויפגענומען געוואָרן. ביז 1933 זיינען אויך אַרויס „זאַוול רימער", „דער גלגול" און דער „פּאַסטעך דוד". זיי האָבן מיט דער זאַמלונג נישט צו טאָן.

דאָס בוך הייבט זיך אָן פון „קדוש" וואָס איז דאַטירט 1907. דאָס פריערדיקע, אויך די „שוואַרצע רויזן", וואָס האָבן אין זייער צייט אַרויסגערופן אויפזען, האָב איך אַרויסגעלאָזט. ביים לייענען עס אַצינד האָב איך געהאַט דעם איינדרוק ווי איך וואָלט אין איבער־גאַנג פון רוסיש צו יידיש (איך האָב אָנגעהויבן אויף רוסיש) פאַר־שיכורט געוואָרן פון יידישן לשון און זיך געלאָזט פאַרטרינקען אין ווערטער. פון אַט דער ווערטער־אַנלאַדונג האָב איך איצט געמוזט אויסשיילן אויך די „תפילות" און נאָך מער „שלמהס טויט". דאָס לעצטע איז כמעט ניי. די ערשטע פראַגמענטן, געדרוקט מיט 38 און 36 יאָר צוריק, זיינען אינגאַנצן איבערגעאַרבעט און עס איז צוגעגעבן געוואָרן דער סוף וואָס איז די אַלע יאָרן געלעגן אין מאַנוסקריפּט. עס איז אויך געקירצט און געענדערט געוואָרן דער ערשטער טייל פון „דער פרעמדער", וואָס איז לכתחילה געווען אַ טייל פון בוך „זאַמד". קליינע ענדערונגען זיינען אויך אַריינגע־בראַכט געוואָרן אין „פוילן" און אַנדערע זאַכן.

די זאַכן זיינען איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען לויט מאָטיוון, און איך האָב זיך געמיט אין יעדער אָפּטיילונג אָפּצוהיטן דעם כראָ־נאָלאָגישן סדר.

נאָך אַ באַמערקונג. דער נאָמען „מנחם" פון די ערשטע יאָרן איז ביי מיר נישט געווען קיין פּסעוודאָנים: דער מלאך וועט ביי מיר מאָנען דעם געהעריקן פּסוק. שפּעטער האָב איך צוגעגעבן דעם פאַמיליע־נאָמען פון מיין זיידן פון דער מוטערס צד. מיטן איצטיקן בוך זאַמל איך איין אַליץ, וואָס כ'האָב געשריבן, אונטער מיין פולן נאָמען.

מ. ב.

קדוש

קדוש

אומעטיק, האַרציקע?... אויגן צעעפנט,
אין טונקעלן הימל פאַרקוקט זיך, פאַרטראַכט...
אומעטיק איז דיר? וואָס זוכסטו אין הימל?
וואָלקן אויף וואָלקן — אַ טרויער דאָרט זעסטו?
גיב מיר דיין האַנט — וואָס, אַ שרעק אין די וואָלקן?
ציטער נישט, ציטער נישט, פאָרכט נישט פאַר זיי.
נענטער צו מיר — כ'וועל דיר עפּעס פאַרציילן.
ס'ציט זיך אַ סוד פון דער ערד צו די וואָלקן,
ס'ציט זיך אַ סוד, אַ רחמנות־געבעט:
— טריף אויף מיר, וואָלקן, איך וויל ווערן פרוכטבאַר!
פילסטו אים, פילסטו דעם סוד פון דער ערד?
ציטער נישט, ציטער נישט... גאָט איז אין סוד.
גלייבסט אין אים? ענטפער מיר, רוים עס מיר איין.
גלייבסטו אין אים?

איך?... דו אַליין האָסט מיך גלייבן געמאַכט.
טרויעריק־העל איז דיין ציטריקער בליק.
שרעק איז אין אים — דאָך עס ציט דיך צו מיר.
פול איז ער ליידן — דאָך קומסטו צו מיר.
סוד איז אין אים, גאָט איז אין אים.
דו האָסט מיר, שטילע, דעם גלויבן געגעבן —
זאָל איך אים זען אויך אין דיין בליק זיך וועבן.
איך? איך בין קראַנק, איך בין שיכור פון גלויבן.
ס'מאַכן זיך צו די באַלדענע אויגן,
שווער קלאַפּט דאָס האַרץ און פאַרשטיקט מיר דעם אָטעם —
איז עס נישט גאָט וואָס באַוועגט זיך אין מיר?
כ'הער זיינע ווערטער — דאָס לעכצן צו דיר,
ס'קלאַפּן די שלייפן אין קאָפּ פון פאַרטרינקונג,
קלאַפּן פון זינקען אין אים.

מיד בין איך, שוואַך און פון הייליקייט שיכור.
קום צו מיר נעענטער, נעם מיך אַרום.
זע ווי דו ציטערסט — דער גלויבן דאָס ציטערט.
טיף, אָפּגעריסן דיין היציקער אָטעם.
אימפּעטיק, צאַפּלדיק הייבט זיך די ברוסט —
דאָס איז דער גלויבן... פאַרמאַך דיינע אויגן,
מאַך דיינע אויגן צו, קוש מיך און האַלדז מיך,
קוש אַן אַ זינען, זאָל קלאַפּן די ברוסט:

ס׳קומט שוין, עס קומט שוין, עס קומט שוין צו אונדז.
הערסט ווי עס גיסט דאָרט פון דרויסן דער רעגן?
ס׳קען נישט דער וואָלקן זיין בעקנשאַפט דערשטיקן.
פרוכטבאַר מוז ווערן די דורשטיקע ערד:
גאָט וויל אַזוי...

גאָט וויל אַזוי, דער אַלמעכטיקער הייסט —
אָטעמט און לעבט מיט זיין ווילן די וועלט.
ער האָט אַ בענקשאַפט פאַרזייט אין דער וועלט —
מורמלט און זינגט אַלץ וואָס לעבט מיט דער בענקשאַפט,
דריקן זיך הערצער און לייבער צוזאַמען,
ווילן זיך וועלדער צום הימל דערציען,
לעכצט די ערד צו די טראָפּנס פון וואָלקן,
רייסט זיך דער ים פון שטיינערנע ברעגעס,
רוישן און ברומען די שוימיקע כוואַליעס —
ער האָט אַ בענקשאַפט פאַרזייט אין דער וועלט,
אָטעמט די וועלט מיט זיין ווילן און בענקשאַפט.
האַלדזן דיך הייסט ער מיך, האַלדזן דיך, בריען,
אויסזייגן ס׳רויט פון די זאַפטיקע ליפּן,
אויסקושן ס׳ווייס פון דער מיידלשער ברוסט,
פאַלן דיר, הייסט ער, פאַלן פאַר מיר...

ציטערסטו? צאַפּלסטו? צאַפּל און ציטער!
הערסט ווי עס רוישט און עס ליאַרעמט דער רעגן?
ס׳בליצט און עס דונערט... די ערד מיטן וואָלקן
זיינען אין ליבע צוזאַמענגעצויגן.
ער איז געקומען, געקומען, געקומען
לעבן אַרויסרופן, לעבן פון לעבן.
ס׳פלאַמט אין די בלוטן דאָס פייער פון ערד,
ס׳אָטעמט די ברוסט מיטן אָטעם פון ערד —
ציטערסטו, צאַפּלסטו — הייליק דער ציטער!
צאַרט איז דיין לייב — ס׳איז אַ בלום פאַרן טראָן,
ווייס איז דיין ברוסט — אַ מתנה אַ ווייסע,
ריינע קרבנות פאַר גאָט.

סאַמעטן־ווייך איז דיין ווייס־קלאָרער האַלדז,
שמעקעדיק זייד איז די מיידלשע ברוסט,
און ווי עס בייגט זיך דער קערפּער — אַ שלאַנג...
הייליק און שיין ביסטו, הייליק און ווייס —
גלייב אין מיר, ווייסער און הייליקער קרבן,
גלייב אין מיר, גלייב אין מיר, גלייב אינעם שעפער.

גרויס איז ער, ווילד איז ער, שרייענדיק שטיל,
שיין איז ער, שטאַרק איז ער, הייליקע מאַכט —
גלייב, מיין געבענטשטער, מיין הייליקער קרבן,
גלייב אין מיר, גלייב אין מיר, גלייב אין באַשאַפער...
אייביק און ווילד איז ער, אייביק בין איך...
קדוש, קדוש, קדוש...

.1907

תפילות

קליין בין איך, גאָט,
און איך קען נישט באַגרייפן דיין זיין
אין דער גרויסקייט וואָס שפּרייט זיך
איבער וועלטן און פינצטערניש,
און איך קען דיך נישט ליב האָבן
אָן אומענדלעכן, אָנגעשטאַלטיקן.

און באַשאַפן האָסטו מיך אַזוי,
אַז מיין קליינע נשמה, דער ניצוץ פון דיר,
בענקט און גאַרט צו זיין שורש;
און באַשאַפן האָסטו מיך אַזוי,
אַז די קאַלטע מינוט
ווען איך בענק נישט נאָך ליבשאַפט צו דיר
איז ביי מיר ווי אַן אָנזאָג פון טויט
און איך ציטער אין פאָרכט פאַרן אייזיקן מדבר;
און באַשאַפן האָסטו מיך אַזוי,
אַז דאָס ליכט פון מיין אויג און דער שלאָג פון מיין בלוט
איז דאָס בענקען נאָך ליבשאַפט,
איז דער גלויבן אין חסד וואָס קומט מיר.
און איך הער נאָך די ווערטער דער מאַמעס,
אַז דיין קרוין איז וואָרהאַפטיקייט,
אַז דיין כסא הכבוד איז לויטער דערבאַרעמדיקייט
און דיין פיסבענקעלע — לויטער לייטזעליקייט.
קום איך בעטן ביי דיר —
אין דיין לייטזעליקייט
טו זיך אָן אין אַן ערדיש געשטאַלט
און אַנטפּלעק זיך פאַר מיר,
אָדער ווייז מיר דעם אָנהייב פון פאָדעם
וואָס דורך וועלדער און נאַכט פון מיין בלאָנדזשעניש
זאָל מיך פירן צו ערגעץ אַ שוועל

וואו אַ ניצוץ פון דיר לויכט באַשטענדיק און לויטער,
אַז איך זאָל מיט די ערדישע חושים
דיך באַנעמען, דערזען און באַהעפטן זיך
מיט דיין אייביקייט, מיט דיין אומענדלעכקייט.

⁂

שוועבט אַ וואָלקן אַנטקעגן דער זון —
איז ער ווייס און מיט לופטיק־באַזילבערטע זוימען,
איז ער לייכט און צעשוועבט
און פאַרשווימט אָן אַ ציל אין דער זוניקייט.
קעגן אים וואָגל איך אָן אַ זין
ווי אַ פלעק פון אַ טונקעלער כמאַרע,
אַ צעקרענקטער, פאַריאושטער.
ווייס איך — דו ביסט אין זוניקן וואָלקן
און איך גאָר צו דיר,
נאָר מיין אייגענע גראָקייט פאַרכמאַרעט, פאַרשלינגט
דיין צעזונגענע זוניקייט.

איז אַ פויגל פון דרום געקומען
און אין בוים זיך צעטרילערט.
קלינגט דאָס העלע געזאַנג און דערציילט
פון באַלאָדענע ווייגגערטנער, גאָלדיקע פעלדער,
פון דער האָפענונג פון זייער און שמחה פון שניטער,
פון דער ברכה פון פלאַנצן און אויפגיין.
און אין מיר ברומען טונקעלע, בלינדע ניגונים
פון פאַרגאַנג און פאַרצווייפלונג.
ווייס איך — דו ביסט אין העלן געזאַנג,
נאָר דער ליכטיקער שליסל פון העלן געזאַנג
קען נישט עפענען
פון מיין יאוש די תפיסה.

און געדאַנק מיינער צינדט זיך
ווי אין זומער פאַרחלשטער אָוונט־בליץ,
צינדט זיך אָן ווי אַ שימער פון בליץ און פאַרלעשט זיך.
און איך ווייס —
אין די סודותדיקע לאַבירינטן פון טראַכטן
זיינען גליאיקע קוילן צעשאָטן,
וואָס צעבלאָזן, צעצונדן פון פיין,
מאַכן העל די פאַרפלאָנטערטע פינצטערע דורכגאַנגען
און עס זעט וואו עס טרעט דער געדאַנק.
ווייס איך — פונקען פון דיר

טוען גליען אין פינצטערע היילן פון טראַכטן,
נאָר ווי קען מיין פאַרחלשטער אָונט־בליץ
ווערן גליאיקע קויל?

און מיין ווילן איז גאַרונג וואָס לייגט זיך
ווי אַ שפּינוועב אויף אַקסל פון די
וואָס באַצווינגען זיי דאַרף ער.
און איך זע די גיבורים מיט אייזערנע אָרעמס,
אָרעמס — מאַכט און באַהערשונג,
אָרעמס — טאַטישע שיצער,
אָרעמס — מילדקייט און חסד.
ווייס איך — דיין איז דער כּוח
אין דעם ווילן און גאַנג פון גיבורים,
נאָר ווי זאָל איך פון שפּינוועב פון גאַרונגען
שמידן שטאָל פון באַהערשונג?

און די וועלט, דיין אומענדלעכע וועלט,
פון דער מוראַשקע ביזן פאַרהוילנסטן שטערן,
איז אין סודות און ניסים פאַרטונקען.
קען איך גיין צו חכמים און זקנים
און זיי וועלן דאָס וויסן אַנטפּלעקן מיר.
קען איך גיין צו די מילי־מיליאָסן
שוואַרצע שורות פון ביכער
און זיי וועלן באַהעלן מיין אומוויסן.
אָבער ווער וועט דיין וועלט און דיין זיין אין דער וועלט
אין מיין בלוט, אין די אברים אַריינגיסן,
אַז איך זאָל דיך דערקענען ווי לייב מיינס,
און דיין זיין און די סודות און ניסים פון זיין דיינעם
זאָל ווערן מיין אָטעם?

***

ס'האָט מיין בענקשאַפט צו דיר זיך פאַרוועבט
מיט אַ לעכצונג צו אויגן און ליפּן און אָרעמס,
און אין וואָגל און גאַרונג נאָך ליבשאַפט צו דיר
גאָר איך אויך נאָך אַ ליבשאַפט
וואָס זאָל לייב מיינס באַהעפטן מיט לייב
און באַבליצן די אָדערן מיינע
מיט אַנטפּלעקונג פון זיין.
זיינען ביידע נישט איינס?
האָסט פאַרזאָגט דאָך: והיו לבשר אחד —
און ביז צוויי ווערן איינס איז דער איינער נישט איינס.

נאָר אַ העלפט, נאָר אַ חלק פון זיך,
און ווי קען אַ נישט־גאַנצער, אַ האַלבער, צעשפּליטערטער
ווען שפּירן די גאַנצקייט פון דיר
און זיין איינס מיט דער איינקייט
פון דיין וועלט און דיין זיין?

ס'האָט מיין בענקשאַפט צו דיר זיך פאַרפלאָכטן
מיט אַ בענקשאַפט צו פרוי,
נאָר אויך דאָס ווייס איך נישט ווער זי איז
און וואו זאָל איך זי זוכן.
אָבער דו, וואָס דיר זיינען באַוואוסט
די פאַרטרונקענע אינדזלען פון ים
און דער גאַנג פון פאַרהוילנסטן שטערן,
ווייסט דאָך ווער איז דער זיווג
וואָס באַהאַפטן מיט מיר זאָל פאַרפילן די האַלבקייט
און מיך גאַנץ און מיך איינס מאַכן.
קום צו מיר, ברענג דעם זיווג צו מיר.

ווי אַ קינד צו דער מוטער
וועל איך צופאַלן דאַרשטיק צו דיר,
וועל צעלויכטן אין איינקייט מיט דיר,
וועל די וועלט און דיין זיין אין דער וועלט
דורך דער פרייד פון דיין קומען דערקענען,
און ערשט דעמאָלט וועסטו אין מיר אָנהייבן לעבן.
ווייל ווי בראַנדיק ס'פאַרצערט מיך די גאַרונג צום לעבן,
איז זי דאָך בלויז אַ נישטיקער פונק
פון דיין אייגענער אייביקער גאַרונג,
און דו לעבסט נאָך אין מיר נישט.
קום צו מיר, ברענג דעם זיווג צו מיר
און ווער לעבן אין מיר און מיט מיר.

***

ביסט געקומען צו מיר —
קער נישט אָפּ דיין געזיכט — בלייב מיט מיר.

ווען דו האָסט זיך צום ערשטן דערנעענטערט צו מיר —
כ'ווייס נישט וואָס איך האָב דעמאָלט דערפילט.
נאָר אַזוי מוז אויך שפּירן אַ בלינדער
ווען עס נעמען זיך מיניען צעלויכטענע פלעקן
פאַר די פינצטערע אויגן.
און ווען כ'האָב שוין געגאַפט אין די שוואַרצאַפּלען דיינע,

האָב איך נאָך זייער בליק נישט באַנומען;
און ווען כ׳האָב שוין די ליפּן באַרירט,
האָב איך נאָך נישט געוואוסט וואָס עס פליסט מיר
דורך די אָדערן דורך;
און ווען כ׳האָב שוין די אָרעמס געקרייזט אַרום דיר,
האָב איך אַלץ נאָך דאָס ליכט נישט געשפּירט
וואָס גייט אויף פון דיין לייב.
נאָר געשטאַנען ביסטו איבער מיר
אַ פאַרשלאָסענע, פריידיקע רעטעניש,
ביז עס האָט מיך דיין נאַענטקייט דורכגעהעלט
ווי פאַרטאָג־ליכט דעם בעפל,
און איך האָב דיך דערזען.

אָט די רעטעניש־טיפקייט און אומרו אין אויג —
ס׳איז דער אומרו פון תוהו ובוהו
איידער האָסט זיך אַנטשלאָסן אַ וועלט צו באַשאַפן.
און די טונקעלע כוואַליעס פון האָר
זיינען שטראָמען פון נאַכטיקן ים
איידער האָסט אים מיט שטערן באַצונדן.
און די ציטער פון וואָרעמע, אָפענע ליפּן
איז דער ציטער פון וואָרט איידער ס׳האָט זיך געפורעמט
און צעקלונגען דורך תוהו: זאָל זיין!
און דער העלער געזאַנג פון די שולטערן,
און די שעמעוודיק־טראַציקע בשורה פון זיין
אין דער מיידלשער ברוסט —
איז דאָס ליד און די בשורה פון דיינע מלאכים,
אַז די וועלט איז געוואָרן.
און די העלקייט אין דיר און פון דיר
איז די העלקייט פון זיין.

און איך האָב דיך דערקענט,
האָב דעם הייליקן נאָמען גערופן
און דער נס איז געשען.
כ׳האָב דיין אָטעם דערפילט אין געברום פונעם ווינט,
אין גערויש פון די ביימער און שורשקען פון גראָז;
כ׳האָב די וועלט ווי אַ צעלט אַ געוועלבטן דערזען —
כ׳האָב אין זיבעטן הימל דיין טראָן אויפגעשטעלט
און דעם רעש דערהערט
פון די פלאַמיקע חיות הקודש מיט טויזנטער אויגן
ווי דאָס ברומען פון וואַסערן פילע,
כ׳האָב אין רוישן און ברומען דאָס זינגען פאַרנומען

פון די שרפים און ווייסע מלאכים וואָס היטן דיין כסא הכבוד;
נאָר מיין אייגענע האַנט איז געבליבן
ווי אַ שטרוי אויפן ווינט,
נאָר מיין אייגענער אָטעם איז געבליבן פאַרשטיקט
און אַליין בין איך אַלץ נאָך אַ קינד אַ פאַרשטויסנס
אויף דער ערד וואָס מיין גאָט האָט באַשאַפן,
און איך בעט:
קער ניש אָפּ דיין געזיכט!

***

און אַז ס'קומען מינוטן
ווען טאָג־טעגלעכע קליינלעכע זאָרגן
פאַלן אָן ווי אַ מחנה פון בינען אויף מיר
און באַטויבן מיין מוח;
און אַז ס'קומען מינוטן,
ווען דער פחד פון זיין פלעכט מיך איין
אין אַ נעץ פון געדיכטער און גיפטיקער שפינוועבס
און איך פלאָנטער זיך, רייס מיך אומזיסט;
און אַז ס'קומען מינוטן
ווען דאָס בייז פון דער ערד און די שטומקייט פון הימל
און די שוואַכקייט און קליינקייט פון מענטש
שפרייט זיך אויס ווי אַ זומפּ וואָס פאַרשלינגט
און איך טרינק זיך אין אים —
דעמאָלט זיי מיט מיר,
דעמאָלט פלייץ פון דיין העלקייט אויף מיר
און צעטרייב די שליחים פון שטן,
דעמאָלט ווייז מיר דיין כוח,
איך זאָל זען, אַז דער ניצוץ אין מיר
האָט זיין שורש געפונען,
איך זאָל וויסן, אַז דו ביסט עס דו —
מיין באַגער און מיין בענקשאַפט און ליבשאַפט.

זאָל די לאַסט ניט זיין שווער,
זאָלן מיינע פאַרלאַנגען און מאָנונגען
ניט פאַרשווענכן דיין ליבשאַפט!
קראַנק בין איך,
און אין קראַנקהייט אַ קינד וואָס זיין ווילן
איז צעריצט און צעבראָכן.
קליין בין איך,
און אין קליינקייט אַ שפּילכל פון לצים און שדים
וואָס פון תאווה צו תאווה מיך וואַרפן אַרום ווי אַ באַלעם.

שלעכט בין איך —
אַלע מיאוסע, בייזע פֿאַרלאַנגען פֿון דר׳ערד
האָבן זיך אין מיין מוח פֿאַרקליבן
און זיי ראַיען אין מיר ווי אין שלאַנגען־נעסט —
און וואָס קלענער און קראַנקער און בייזער איך בין
מוז דיין ליבשאַפֿט זיין גאַנצער,
מוז דיין גרייטקייט אַ קרבן צו ווערן זיין מוטערלעכער,
ווייל אויב נישט — ביסטו דאָך נישט פֿון גאָט,
ביסט דאָך נישט — גאָט.

און געדענקסט:
אויפֿן הייליקן באַרג האָסטו אָנגעזאָגט: כבד!
דאָס האָב איך דיך פֿון תוהו ובוהו אַרויסגעבעטן,
דאָס האָב איך דיך אין אַנגסטן באַצוואונגען צו זאָגן: זאָל זיין! —
דאָס האָב איך דיך אויף הימלען אַרויפֿגעטראָגן,
און אויב איצט, אַ פֿאַרלאָרענער, קום איך צו דיר
און איך ברענג פֿאַר דיין טראָן אַלע זינד און געפֿאַלנקייטן
און איך בעט זיך תחנונים,
אַז איך קען נישט אַליין מיין נשמה דערלייזן,
מוזסטו אויסשיילן זיך פֿון פֿאַרהוילנקייט
און אַראָפּנידערן און מיך נעמען ביים האַנט,
מוזסטו שפּאַנען מיט מיר
דורך מיין עלנט און שלעכטס און אָפּהענטיקייט
ביז דו וועסט צו דיין היכל מיך ברענגען
און דיין ניצוץ מיט גבורה און לויטערקייט אָנטרינקען
און מיך אומקערן שטראַליק צו זיך,
ווייל אַליין אויפֿן הייליקן באַרג
פֿאַרן אייביקן פֿאָלק האָסטו אָנגעזאָגט: כבד!

און געדענקסט:
ווען עס איז דיך באַפֿאַלן אַן אימה
פֿאַר דער וויסטקייט אַרום דיר און אין דיר
און באַגער זיך אַליין צו דערזען אין דיין זיין,
האָסטו דיינע חיילות געזאָגט וועגן מיר, דעם באַגערטן:
בצלמנו!
און אויב דאָס וואָס צעבויערט מיין לייב און פֿאַרשלעפּט מיך
אין די פֿינצטערע זומפּן אַריין איז דיין זיין —
זאָלן שווייגן די שׂרפֿים,
זאָלן שטומען די חיות הקדש,
טונק זיך אויס אין די זומפּן מיט מיר

אָדער הייב מיך צו זיך אויף,
גלייך מיט דיר זאָל מען זינגען מיר שירה.

קענסט פון מיר זיך נישט אָפּטיילן!
ווי איך האָב דיך פון תוהו אַרויסגעבענקט,
האָסטו מיך אויך פון תוהו באַגערט,
און ווי איך זע דעם טויט אָן דיין נאָענטקייט,
איז פאַר דיר אויך אָן מיר
הוילער חלל און מדבר און נישט.
לאָז מיר בלייבן באַהאַפטן אין דיר, אַז מירביידע
איינס אין אַנדערנס זיין
זאָלן זיין, זאָלן לעבן.

***

קליין בין איך, גאָט,
און איך קען נישט באַנעמען דיין זיין אין אומענדלעכקייט.
האָסטו זיך אין דיין חסד אַנטפּלעקט צו מיר,
אין דער האַלב, דער געגאַרטער, וואָס דאַרף מיך דערגאַנצן,
האָסט מיט וואַרעמע ליפּן מיך אָנגערירט,
האָסט מיט צערטלעכע פינגער אַריינגעטריפט
אין מיין לייב דעם באַגער צו דערגאַנצונג,
האָסט דאָס מויל מיר געעפנט
פאַר געבעט און פאַר ווידוי און מאָנונגען,
און עס ליכטיקט די ברכה אין מיר
פון דיין חסד און נאָענטקייט.

קען איך מאָרגן אַרויסגיין אין גאַס
מיט דער ברכה באַמאַנטלט
ווי אַ גביר אַ בעל־גאווה
און זי ברענגען אין אָוונט אַהיים
אַ פאַרטונקלטע, אַ פאַרחושכטע
און זיך שטיקן פון טרערן דערנאָך;
קען איך מאָרגן אַרויסגיין אין גאַס
מיט צעלאָפּענע, גיריקע אויגן
און דאָס ליכט פון דער ברכה צעבייטן אויף מינץ
פון צעצונדענע רגעלעך רעגונג און רייץ,
און דערנאָך זיך באַוואַשן מיט טרערן —
זיי מיר מוחל די זינד,
ווייל צעברעקלט און קליין בין איך, אָרעם און קליין.

כ'ווייס נישט וועמענס די קליינקייט איז.
האָט דער דור, דער צעברעקלטער דור, מיך באַשאָנקען מיט איר,

האָט די ערד, די נישט־זיכערע אונטער די פיס,
מיך צעטרייסלט אַזוי,
אָדער אָרעם און קליין איז דער ניצוץ אין מיר
און האָט מורא אַליין צו פאַרבלייבן
מיטן ליכט פון דער ברכה —
כ'ווייס נישט וועמענס מיין נישטיקייט איז,
נאָר אין בלענד פון דער ברכה' פון זיין מיט דיר
שמייסט זי מיך איבער פנים און לייב
און כ'האָב מורא —
טאָמער בין איך נישט זוכה מיט דיר צו דערגאַנצן זיך,
וועל איך זינקען נאָך קלענער,
וועל איך פאַלן נאָך גראָער און נישטיקער.

העלף מיר בייקומען זיך!
העלף מיר נישט צו פאַרלירן דיין חסד.
טו נישט אָפּ די אַנטפּלעקנוג פון מיר
ביז איר ליכט וועט פון זיך מיך אַרויספירן
צו באַהעפטונג און איינקייט מיט דיר.

כ'קען נישט זיין אָן דיר, גאָט!

.1908

על חטא

בליענדיקע קעפּלעך איבער ווייסע העלדזער,
ציטערדיקע אָטעמס אונטער ווייסן זייד,
אויגן וואָס צעגליען מיט אַ שטילן צוזאָג
האָבן מיינע בליקן מיר געמאַכט פאַרשייט,
און פאַרשייטע ליפּן האָבן דינע נעצן
פאַר די יונגע פּיס וואויל־יונגעריש געשפּינט —
כ'האָב פאַר דיר געזינדיקט מיט אַ שווערער זינד.

כ'האָב מיט לינדע ווערטער, ווי מיט קערנער זריעה
אין אַ פרילינגדיקער ווייכער בייט,
זיך פאַרפלאַנצט אַ ליבשאַפט אין די יונגע טעכטער
און אַ בענקעניש צו מיר אין זיי פאַרזייט.
כ'האָב זיי דורשט געצונדן אין די פרישע ליפּן
ווי אַ פונק דעם גראָז אין הייסן זומער צינדט —
כ'האָב פאַר דיר געזינדיקט מיט אַ שווערער זינד.

גאַר דעם ברען פון ליפּן, דעם באַגער פון בליקן
האָב איך נישט געלאָשן, האָב איך נישט געשטילט.
ס'האָט דיין אויג באַגליט מיך אויף די פרילינג־ברייטן
און די טריט געוואָרנט און פאַרהאַלטן מילד,
ביז איך בין פאַרשעמט פון זיי אַליין אַנטלאָפן
ווי ס'אַנטלויפט אַ גרויסער פון געגנאַרטן קינד —
כ'האָב פאַר דיר געזינדיקט מיט אַ שווערער זינד.

אַל דאָס הייסע גאַרן וואָס דורך פרעמדע ליפּן
אָנגעצונדן, האָט מיר אינעם בלוט געוואַכט,
אַלע אָרעם־ציטערס, אַלע אָטעם־דורשטן,
אויפגעוועקט דורך פרעמדע, האָב איך דיר געבראַכט,
און די ליבע־ווערטער דיר געזאָגט, וואָס פרעמדע
נישט אין מיינע אָרעמס, האָבן נישט פאַרדינט —
כ'האָב פאַר דיר געזינדיקט מיט אַ שווערער זינד.

***

וואָס מערער זינד איך טראָג אויף מיינע אַקסל,
וואָס בריאיקער די גלוסט צו פרעמדע ברענט,
וואָס גרעסער ס'איז די צאָל פון די וואָס פאַנגען
וויל איך דורך דיר, אין איינציקער, אין מיינע הענט,
וואָס טיפער כ'פאַל פאַר דיר אין זינדיקן באַגערן
פון רייץ און שטילונג און פאַרשמאַכטער רו —
אַלץ הייליקער ביסטו.

דער קרבן הייליקט זיך דורך יענע שלעכטע מעשים,
פאַר וועלכע ער דעם שולדיקן פאַרגעבן ברענגט,
דאָס וואַסער הייליקט זיך אין יענע שולד וואָס ווערן
דורך אים פון זינדערס לייב אָראָפּגעשווענקט,
און דורך דער זינד וואָס גליט אין מיינע אויגן,
און דו נעמסט זי מיט דיינע ליפּן צו —
מיין הייליקע ווערסטו.

אַזוי האָט גאָט, מיין גאָט, אין ליבע דיך באַשאַפן,
דו זאָלסט מיין היטערין און בייהעלפערין זיין,
און וואָגלענדיק אין טונקל פון מיין שאָטן
מיך פירן צו דער וויטער העלקייט פון מיין שיין,
ביז אַ געלייטערטער וועל איך דורך דיר געפינען
צו זיך אַליין אין הייליקייט די טיר —
צו זיך אַליין — פאַר דיר.

פאַר וועמען דען אויב נישט פאַר דיינעטוועגן
נעמסטו פון שלעכטס מיינעם אויף זיך דעם יאָך ?
און ווער איך אויסגעלייטערט אין דיין שויס און אָרעם —
פאַר דיר די אויסגעלייטערטקייט איז דאָך,
און וועל איך פון מיין לויטערקייט אַ פּאַלאַץ בויען,
ווער, ווען נישט דו, וועט אין מיין העלער שיין
די קיניגין דאָרט זיין?

***

קום, לאָמיר ביי אַן אַלטער מאַמען פרעגן
מיט וואָס זי האָט דורך טעג און נעכט זיך איינגעקויפט
דעם ערשטן שמייכל פון אַ קינדערש מיילכל
און „זיי געזונט" פון בחור וואָס אַנטלויפט,
און וויפל פלאָג און מאַטערניש און טרערן,
און וויפל ס'האָט געקאָסט אי ווײ אי פּיין
פון אייגן לייב און בלוט געליבט צו זיין.

יאָ, אמת — נישט דיין קינד — געליבטער בין איך.
נאָר איז דען נישט אַ מאַמע יעדע פרוי ?
און זוכט דען נישט דער אַלטער אין דעם יונגן מיידל
די מאַמע וואָס זאָל אָפּווישן דעם עלטער־טוי ?
און איז נישט יעדער מאַן אַ גרויסער ייִנגל
וואָס זוכט זיין אומרו און פאַרלאָרנקייט און לוסט
באַהאַלטן אויף אַ מוטערס ברוסט ?

עס פלאַקערט איבער דער באַגער פון ליבע,
און שטיל פאַרבלייבט דער מאַן אין ליבסטער שויס
און נורעט זיך אין אירע ווייכע אָרעמס
נאָך מאַמע ווערטער לעכציק ווי אַ קינד אַ גרויס,
און נישט די ליבע־דורשט פאַרצערט דעם אַלטן בחור —
עס מאַכט אים פאַר דער צייט אי קראַנק אי גראָ
דאָס וואָס קיין מאַמע איז נישטאָ.

מיר זיינען אַלע, אַלע בלויז ווי גרויסע קינדער —
און ליבע ווערט פון קינד מיט לייד געקויפט.
מיר זיינען אַלע, אַלע בלויז ווי גרויסע קינדער,
און לויפן פון די מאַמעס ווי אַ קינד אַנטלויפט.
און דו, דו ביסט אַ מאַמע שוין פון קינדער־וויגל,
און ווילסטו ליבשאַפט פון אַ גראָען גרייז
באַצאָלסטו מיט אַ מוטערס פרייז.

***

ס'איז שוין אַזוי זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.
דו האָסט צוערשט דעם פאַרבאָטענעם עפּל געביסן,
דו האָסט די ערשטע די אויגן צום זען געעפנט
און זיי געשלאָסן אין פרייד און פאַרשעמטקייט פון וויסן.
דיינס און פון דיר אַ געשאַנק האָט דער מאַן עס באַקומען,
ערשט פון דיין ווילן געצונדן די עפּל געריסן
פריידן און לייד צו געניסן.

ביסטו אַ מוטער געוואָרן נאָך איידער געבוירן.
דו, וואָס דו ביסט פון אַ ריפּ פון זיין קערפּער גענומען,
האָסט אים געפירט ווי אַ קינד פאַרן הענטל צום לעבן
ביז ער האָט דיך און דאָס וויסן אין דיר בייגעקומען.
ביסטו אַ מוטער געוואָרן — און דעמאָלט מיט ווייען
צאָלן געמוזט פאַרן זען, פאַרן וויסן און פירן
און פאַרן גליק זיך אַ מוטער צו שפּירן.

מוטער געבענטשטע! ווי גרויס איז דיין שכר פאַרן ליידן.
דיינס איז דאָך אַלצדינג און אַלץ וואָס מיר האָבן אין לעבן.
נישט נאָר דער קינדערשער שמייכל און מענלעכער שווייגן,
נישט נאָר דאָס לייב און דאָס בלוט וואָס דו האָסט אונדז געגעבן —
דיינס און פון דיר איז דאָס טראַכטן און שאַפן און בויען,
אַלץ וואָס מיר טראָגן אַריין אין דער אייביקער לעבנס־לעגענדע —
דו ביסט דער אָנהייב פון אַלץ און די ענדע.

קען איך דען שטיין און נישט פאַלן פאַר דיר און נישט קניען,
פאַלן און קניען פאַר יעטוועדער שפּור פון דיין ליידן,
ווען אויף די קני פאַר דיר ווער איך צו הימלען דערהויבן,
ווען יעדער שפּור פון דיין לייד איז אַ טראָט צום גן־עדן?
לעבט דאָך אַ פאָלק אינעם זכות פון אַ שכינה וואָס טרויערט,
לעבט דאָך אַ וועלט אינעם זכות פון אַ הימלשער מוטער —
לאָז מיר אויך לעבן אין זכות דיינעם, מוטער!

1912.

פון א בריון

דו שרייבסט מיר — דו ווייסט, אַז איך ליב דיך נישט מער.
איך לייען און הער אין די ווערטער די טרער
וואָס האָט מיך נישט איינמאָל מיט ווייכקייט צענומען
איך זאָל קענען ווילן אַנטקעגן דיר קומען.
איך בין אויך אַצינד אַ צענומענער גרייט

דיך טרייסטן, פאַרוויגן מיט קושן און רייד,
נאָר זוך נישט מיין ווייכקייט און וויל נישט מיין טרייסט,
ס'איז אמת — איך ליב נישט, און וויים אויב דו ווייסט.

ס'איז אמת — איך ליב נישט. און זוך מיך נישט מער
און זאָל דיר נישט באַנג טאָן: נישט איך בין עס דער
אויף וועמען דו האָסט אין צעשפּילטע פאַרלאַנגען
דעם חלום פון מיידלשן גליק אָנגעהאָנגען,
נישט איך בין דער ריטער נאָך וועלכן דו בענקסט, —
דו האָסט מיך אומזיסט מיט דיין ליבע באַשענקט.

אין מיידלשן צימער, אין שימער פון שטערן
דעם פענצטער פאַרהאַנגען, און ס'האָט זיך דיר הערן
געדאַכט: סטרונעס ציטערן אונטער דיין פענצטער,
עס ציטערן פינגער, עס צאַפּלט דער שענסטער
דער איידלסטער ריטער פון גלוסטונג צו דיר,
דאָס האַרץ גייט דיר אויס און עס ציט צו דער טיר
די ליפּן און שויס אים אַנטקעגן צו ברענגען,
נאָר ס'ווילט זיך די נאָגעניש אויסציען לענגער,
איז ציילסטו די רגעס פון נאַכט ביז באַגינען
דו זאָלסט אים ביים שוועל אַ פאַרשמאַכטן געפינען.
און אפשר האָט חלום געטראָגן אויך ווייטער:
עס קערט זיך פון שלאַכט אום דער העלדישער שטרייטער
מיט בלוטיקע וואונדן, מיט טויט אין די אויגן
און גוססע בליקן אין דיר איינגעזויגן
און שעפּטשעט: פאַר דיר בין געגאַנגען אין שלאַכט,
אין פייער פון דיר, פון מיין הימל, געטראַכט,
און שטאַרב איך פאַר דיר איז דער טויט מיר אַ זכיה.
דו לאָזסט זיך אַרונטער ביים גוסס צו קניען,
פאַלסט צו מיט די ליפּן צום געלבלעכן שטערן
און וואַשסט אים די וואונדן מיט גליקלעכע טרערן.

פון מיידלש־צעשפּילטע חלומות פאַרבלענדט
אַ ריטער האָסטו אין מיין שטימע דערקענט,
אין בליקן פאַרחושטע — פון בענקשאַפט אַ זינגער
און ציטער פון סטרונעס אין בייג פון די פינגער;
די אויגן פאַרמאַכט — און אָט זעסטו שוין מיך
אין מאַנטל פון סאַמעט און גילדענע שיך,
די מעכטיקע ליטקעס אין זיידענע זאָקן,
אויף מעכטיקע שולטערס ברוין־גאָלדענע לאָקן,

איז זעצסטו זיך ציטערדיק, חלומדיק וואַרטן
ווען ס'וועט זיך דערהערן דאָס ליד, דאָס געגאַרטע,
ווען וועל איך שוין אויפשפּילן אויף דער גיטאַר...
געוואַרט און געוואַרט און האָסט זיך נישט דערוואַרט.

ווייל מיך, אויב גערופן האָסטו פון דער צייט
פון ריטערשע ליבעס און ריטערשן שטרייט
און זען מיך אין שטיינערנע שלעסער געוואָלט —
איז ניט צווישן זיילן וואָס בלאַנקען מיט גאָלד
און שווערדן געשליפטע, וואָס בלאַנקען נאָך העלער,
נאָך נידריקער, טיפער, אין קעלער, אין קעלער...

יאָ, ס'פלעגט יעדער שלאָס אויף אַ קעלער זיך הייבן.
מ'האָט נאָפלען צעגליט ביי די בראָט־אויוונס אויבן
די אָקסן געשטאָפּטע צום טיש צו דערלאַנגען —
און אונטן אין קעלער צעגליט האָט מען צוואַנגען
פאַר לייבער צעפּייניקטע. אויבן אין בעכערס
געלייטערטע ווינען, און אונטן אויף שטעכערס
פון אייזערנע קאַמען — פאַרגליווערטע צויטן
פון לויטערע לעבנס און לויטערע טויטן.
און ווען מען האָט אויבן די צינגער געשליפט,
די סטרונעס געשטייפט פאַרן לידער־געוועט,
און ווען מען האָט אויבן די תאוותס געשלייפט,
מיט ווייז זיך געצונדן צום ליבע־געוועט —
האָט תליון מיט פויסטן דעם כאַרכל דערוואָרגן
פון גסיסה און ווידוים פון טרוקענע גאָרגלען,
און נאַכט האָט די ווערטער פון ווידוי דערזאָגט
און איבער די מתים אַליין זיך צעקלאָגט.

אויב מיך צווישן ריטער געפינען איז דאָרט,
אין קעלער געווען מיין ריטערלעך אָרט.
און אויב ס'האָט פאַרפירט דיך מיין פּנים און קול
צום העלדן־ראָמאַן פון אַ פרעמדן אַמאָל —
פאַרגיב מיר!... און ס'איז נישט געווען מיין כוונה
דיין יחוס פון קעלער אַרויס דיר דערמאָנען,
די זיסע חלומות מיט פּיין דיר באַטריבן.
איך זאָג נאָר: נישט איך בין דער העלד פון דער ליבע
וואָס חלומט זיך דיר און מען דאַרף נישט קיין טרייסט.
דו ווייסט שוין אַצינד, און ס'איז גוט וואָס דו ווייסט.

1913.

שלמהס טויט

טיפע נאַכט און שלמה שלאָפט נישט. זעכציק קריגער פון ישראל,
אָפּגעקליבענע גבורים מיט די שווערדן ביי די זייטן,
האַלטן וואַך אַרום זיין קאַמער אים צו שיצן פון די שרעקן
וואָס באַפאַלן זיין געלעגער. ביי דער זייט אַ צאַרטע יונגפרוי
פון די טעכטער פון יהודה אָטעמט איין אין אים חלומות
פון אַ לייב אַ פריש־צעבליטן. נאָר דער רינג פון שעהן דרייט זיך
מיטן גאַנג פון דער לבנה, און דעם קיניגס אויג איז אָפן,
און דאָס האַרץ — אין קלעם פון פחד, און די ליפּן מורמלען, מורמלען.
טיפע נאַכט, און רגעס גייען. הייבט דעם ווייסן קאָפּ דער קיניג,
זעצט זיך אויף אויפן געלעגער, און דער ציטערדיקער באָרוועס
זוכט דעם מירמלשטיין, דעם קאַלטן. אויפגעגליווערט, אויפגעציטערט,
און אָט שפּאַנט ער הויך און טראַציק, און צעשראָקענע גבורים
טרעטן אָפּ אויף הינטערווייליעכס און זיי קוקן שטום און פאַרכטיק
ווי עס שפּאַנט אין נאַכט דער קיניג ווי אַ ווייסער זייל אין פינצטער.

פינצטער איז אין ווייסן היכל. אין די שטיין־געוועלבטע היימען
רוען זיבעציק חכמים, ווייסע בערד און קלוגע שטערנס,
און די נאַכט אין היכל הויערט צווישן ווענט און ווייסע זיילן,
לייגט זיך אויפן מאַטן שימער פון די גאָלד־געדעקטע שטולן,
און דאָס פּוסט גערויש פון גאָרנישט ברומט מיט טויזנט ווידערהילכן
פון שוין לאַנג פאַרשטילטע ווינטן. פינצטער איז אין ווייסן היכל.
שפּאַנט צום טראָן דער ווייסער קיניג, הייבט זיך אויף אַ בלאַנקער שטאפּל,
מיטן בלאַנקן שטאפּל שטייגט ער צווישן גאָלד פון לייב און אָדלער
און בלייבט זיצן צווישן טראָלדן פון דער גאָלד־געשטיקטער חופּה.
פליען טויבן צוויי אַרונטער, טראָגן אים אַ פּאַרמעט אונטער,
פליען אָדלערס צוויי אַרונטער — אויפן קאָפּ די קרוין אים אָנטאָן.
בלייכט אַן אָרעם — ליגט דער פּאַרמעט ביי אַ לייב צווישן די לאַפּעס,
בלייכט אַן אָרעם — און צופוסנס פינקלען פון דער קרוין די שטיינער,
מיטן קאָפּ דעם הוילן וויגט זיך, וויגט זיך אויפן טראָן דער קיניג
און די ליפּן מורמלען ווערטער צו דער פינצטערניש פון היכל:

— טויב און אָדלער, קרוין און ספר, מאַכט און חכמה, שוץ און ליבשאַפט!
זאָל נישט באַנג טאָן אויפן קיניג וואָס מיט ציטערדיקע אָרעמס
ברעכט ער גאַנג פון יאָרן שטענדיק, שטויסט ער אָפּ אייער געטריישאַפט.
יאָרן שטענדיק האָבן ליפּן אונטער קרוין און שוץ פון פּאַרמעט
קוואַלן ווערטער, שטראָמען ווערטער איבער אויערן צעכוואַליעט
און צעשיקט דורך לאַנד און לענדער צו דעם גרויסן ים פון גאָרנישט.
איז צום ווייס־געוואָרענעם קיניג די באַשערטע צייט געקומען

ליינען אָנגעקלײדט שטאָט פּורפּור, מיט אַ קרוין צופוסנס ליגן
אָן שליחים זיינע ווערטער צו דעם ים פון גאָרנישט שיקן.

אַלץ איז הויל און אַלץ איז נישטיק ווי אַ ווינט וואָס אָטעמט איבער.

ס׳ווערט אין פּיין אַ מענטש געבאָרן, בּרעכט זיך דורך פון נישט צום לעבן.
אויף אַ מוטער־בּרוסט אַ טרייער דרימלט אָטעמדיקער גאָרנישט,
זויגט די מילך מיט בלינדע ליפּן, שפּירט די וועלט מיט בלינדע חושים,
זויגט און פּלאָטערט, זויגט און וועקט זיך ביז עס עפענען זיך אויגן
מוטערס שמייכל צו דערקענען, און אין שיין פון זון און ליבשאַפט
שמעלצן זיך די הייטלעך בלינדקייט, ווערן זעעוודיק די חושים.
ווערן זעעוודיק די חושים, רייסט זיך נייגעריקע קינדהייט
יעדן בלעטל אָנצורירן, יעדן שטיינדל אָנצוטאַפּן
און דעם טעם פון אַלץ דערשפּירן, ווי די אויפגעוועקטע חושים
זאָלן אַלץ נאָך בלינד זיך ראַנגלען מיטן בלינדן תהום פון גאָרנישט.
צינדט זיך אָן די הייסע יוגנט קרעפּטיק, הונגעריק און דאָרשטיק,
יאָגט זיך איבער פעלד און גאָרטן, בּרויזט און שלינגט און קוועלט פון זאַטקייט
אַלע בלינדקייטן צעטריבן, אַלע שרעקן בייגעקומען,
נאָר אין נעכט פון יונגער בענקשאַפט הויערן איבער צוקאָפּנס
וויסטע, שרעקעדיקע גרוילן — פונעם תהום געדעכעגישן.
קומען ווידער פּרוויען־ליפּן, ליפּן פון דער אויסגעגאַרטער,
בייזע שאָטנס צו פאַרטרייבן מיט די בּליצן פון באַהעפטונג —
שמעלצט זיך לייב און לייב צוזאַמען, און אין זיסער וויי פון ליבשאַפט
ענטפערט לייב: איך בין באַצוואונגען, דו ביסט זייער, דו ביסט זיגער.
ס׳לויכט נאָר איינמאָל אויף אין בּלוטן ווי אַ בּליץ דער סוד פון ליבשאַפט —
ווייטער בּויערט די דערקענונג פונעם סוד, דעם שוין אַנטפּלעקטן,
ווייטער טרייבּט די זעט פון וויסן, פון באַהעפטונג און נצחון.
ווען וויל דער מענטש פאַרטרייבן אין געיעג נאָך זעט און שטילונג?
ווען בּרענט ער בייצוקומען, אויב ניט שרעק פאַר בלינדע תהומען,
פון דער מוטער־טראַכט די תהומען, וואָס אים רוישן אין געהירן?
טיילט ער בּעט מיט פרוי און ווייבער, מערט ער שטיבער, פעלדער, גערטנער,
גלעקלען שפּילעוודיקע קינדער, שפּרודלט לעכצנדיקע יונגוואַרג.
און אין העלן רעגנבויגן פון נצחון, זעט און בּליאונג
וויגט זיך מענטש פאַרשיכורט־גייציק איבער כוואַליעדיקע רגעס,
וויגט זיך, שווימט און יאָגט דעם שאָטן פון פאַרשווינדנדיקע רגעס.
בּלייבּט דען מער ווי אַש פון גליאונג? בּלייבּט פון אויפלויכט מער ווי שאָטן?
טוט אַ בּליק דאָס אויג אַהינטער — זעט עס שטויב פון אָפּגעוועלקטן —
פאַלט אַ מידקייט אויף די אויגן, ווערט דאָס ליכט געמישט מיט שאָטנס,
גלי מיט אַש און פרייד מיט ווייטיק, נאָר די רגעס יאָגן ווייטער,
און אָט זעט זיך שוין פון ווייטן גראָער הימל אָנגעכמורעט,
בּרוינע צווייגן הוילע שטאַרצן, דאַרע בלעטלעך פאַלן, פוילן,

און אַט פאַלט אַ שניי אַ ווייסער, זילבערט באַרד און ברעם און לאָקן,
זינקט דער קאָפּ צום ווייסן באָדן, פאַלן אָפּ די הענט אין אָנמאַכט,
און אַזוי קומט אָן דער ווינטער, דער פאַרגליווערטער, דער ווייסער —
לעצטער גאַנג צום פארן אָנהייב, אומקער צו דעם תהום פון גאָרנישט.

כ׳בין אין פאָטערס הויז געוואָקסן ווי אַ צעדער אין לבנון.
וואָרצלען בויערן זיך שפּיזיק אין דער שטיינערדיקער באַרג־ערד,
צווייגן שפּילן זיך מיט ווינטן, קרוין צערייסט דעם ווייסן וואָלקן,
און פון ווייטן יונגע פּאַלמען, שלאַנקע טעכטער פון דער מדבר
ציען זיך מיט ברייטע בלעטער ווי מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.
אויסגעוואָקסן, אויפגעטורעמט, אויסגעצייטיקט זיך פאַר הערשאַפט
און געלאָזט זיך, יונג און דורשטיק, איבער אויסגעשפּרייטע שטעגן.

און דער ערשטער פון די שטעגן איז אין מילדער נאַכט געלעגן.
צויבער־שימער, ליבע־שימער האָט פון נאַכט אַרויס געבלינצלט,
און אַרום פון זאַנפטן טונקל האָבן מיר דעם גאַנג פאַרשווינדלט
אויגן — רופנדיקע פלעמלעך, אָרעמס — פאַלטערדיקע העלקייט,
און געלאָזט האָב איך זיך פאַנגען פון דעם שימער און געפלאַטער,
בין געפאַלן, אויפגעשטאַנען, און אליין אין נאַכט א פאקל
פלאטערלעך צו זיך גערופן און געברענט מיט זיי צוזאַמען.

און דער צווייטער פון די שטעגן איז אין העלן טאָג געלעגן.
ס׳האָבן פעלדער אין די טאָלן זיך ווי ימען גאָלד געכוואַליעט,
בערג מיט קעפּ פון וועלדער־קרויזן האָבן זיך צו הויך געריסן,
ס׳האָט אַ טייכל, דימענט־שטראַליק, זיך צום ים ערגעץ געצויגן,
און געוועלב פון בלאָען הימל האָט די וועלט אַרומגענומען.
האָב איך אַ באַפּעל באַפוילן, זיינען דינער אָנגעלאָפן,
האָבן זיי פון בערג די פעלזן אויסגעריסן און צעפּערטלט,
האָבן זיי די שטאַרקסטעביימער אויסגעריסן פון די וועלדער,
און אַ פּאַלאַץ, גאָלד געפלאַסטערט, אויסגעטורעמט פאַרן קיניג.
האָב איך קוואַלן אויסגעגראָבן, האָב איך וואַסערן געזאַמלט,
האָב איך איינגעפלאַנצט זיך גערטנער — פרוכט און בלום און בשמים־ריחות,
האָב איך איינגעקויפט זיך שקלאַפן, דינסטן, הויז־לייט אָנגעזאַמלט,
פערד ווי מדברדיקע ווינטן, רייטוועגן ווי גרינגע פייגל —
נאָר אַלץ ברייטער, העלער, פרייער האָבן טאָל און פעלד געשפּרייט זיך,
נאָר אַלץ בלאָער האָט דער הימל זיך געוועלבט אין זון צעגליטער,
נאָר אַלץ פלאַמיקער דאָס גינגאָלד פון די אָוונטיקע וואָלקנס
און אומציילעכער די שטערן אין די נעכט איבער מיין פּאַלאַץ.

און דער דריטער פון די שטעגן איז דורך דאָרף און שטאָט געלעגן.
אונטער רויטער זיידענער חופּה צווישן בלאַנקע זילבערשטאַנגען

האָב איך זיך געוויגט אויף אַקסל — לעבעדיקן שוואַרצן מירמל —
און אַרום האָט אַ געווימל מיט געבעט די הענט געהייבן:
— זון פון דוד, לאָז דיין קול אונדז אויפן פּאָטערס האַרפע הערן!
האָבן סטרונעס אויפגעציטערט אונטער זינגענדיקע פינגער,
האָט דער מילדער קלוגער קיניג איבער קעפּ זיין קול דערהויבן
און צעזונגען זיך מיט לידער: וועגן רויזן אין די טאָלן,
וועגן יונגע פאַסטעך־טעכטער צו די פעלד־בלימלעך געגליכן,
וועגן זומער־נעכט פון ליבע אין די טוי־באַהויכטע גערטנער —
און מיט יובל און מיט ליבשאַפט האָבן שטימען מיטגעזונגען
און מיט יובל און מיט ליבשאַפט נאָכבאַגלייט דעם קיניגס חופּה.

און דער פערטער פון די שטעגן איז דורך אַקערפעלד געלעגן,
דורך די געסלעך פון די שמידן, פון די וועבער און די טישלער,
דורך די מערק פון טעפּ און קרוגן, טוך און ליינען, פרוכט און בוימל.
ווי די בינען אַרום בינשטאָק האָבן מענטשן זיך געשטויסן,
יעדער מיטן טראָפּן האָניק אין זיין נעסט און צעל צו ברענגען,
און ביי וועמען טראָט איז פלינקער, האַנט איז שטאַרקער, ציינער שאַרפער —
דער פאַרשטעלט דעם וועג דעם צווייטן און פאַרכאַפּט, רויבט אָן, געוועלטיקט,
און עס יאָמערן די שוואַכע, די פאַריאָגטע און באַרויבטע.
און וואו נאָר דעם קיניגס פּורפּור האָט זיך אין געפעכט באַוויזן,
וואו זיין אויג איז דורכגעדרונגען — איז דאָס רויב פון הענט געפאַלן,
זיינען אומרעכטן צעלאָפן ווי די מייז אין שוואַרצע לעכער
און עס ציען זיך אַנטקעגן הענט מיט ברויט און הענט מיט האָניק
און פאַרטרערטע אויגן בענטשן: אייביק לעבן זאָל דער קיניג!

און דער פינפטער פון די שטעגן, און דער זיבעטער, דער צענטער —
אַלע זיינען זיי געווען בלויז וואַסערקוואַלן, רעגנוואָלקנס
פאַר דער דאָרשטיקער נשמה וואָס האָט מענטש און וועלט געטרונקען
ווי אַ טרוקן פעלד דעם רעגן. און עס האָבן זיך די שטעגן
אויסגעגאָסן און געאייניקט — אַל די טיפקייטן פון הימל
און פון גאָרער ערד די אָטעמס צו דערשפּירן און דערקענען.
ס׳האָט קיין בלימל נישט צעבליט זיך אין די וויטסטע, פרעמדסטע לענדער,
וואָס זיין ריח, זיס צי גיפטיק, זאָל מיך האָבן אויסגעמיטן.
ס׳האָט די ערד אַזאַ מין קלאַנג נישט וואָס האָט נישט דערגרייכט מיין אויער,
ס׳האָט נישט מענטש אַזאַ מחשבה וואָס איר זין איז מיר פאַרהוילן.
אַלץ וואָס לעבן איז און וויל זיין האָט עס שלמהן צוגעטראָגן,
ווי עס ברענגט זיך אַ פאַרליבטע גאַנץ און פול צו איר געליבטן.

שלמה איז דער אויסגעגאָרטער אין צעבליטן שויס פון לעבן,
ס׳לעבן איז די טריי־געליבטע אין די שטאַרקע אָרעמס שלמהס.
און אַמאָל אין זיסער רגע פון באַטרונקענער פאַרטרויאונג

האָט זי זיך אַזוי צעחלומט: — פונעם אָנהויב ערשטע דורות
האָב איך אונטער אַלע הימלען אומגעזוכט מיין אויסדערוויילטן.
כ'האָב געזוכט אים יאָרן־טויזנט צווישן העלדן און חכמים —
ווער עס האָט געבריט מיט גבורה האָט מיין שיינקייט נישט באַנומען,
ווער עס האָט געבלענדט מיט חכמה האָט מיין בענקשאַפט נישט פאַרנומען.
ביז כ'האָב אויף אַ גרינער פאַשע אויפגעזוכט אַ יונגן פאַסטעך
מיט אַ בויגן, פייל און פייפל, האָב איך ווילן אים געגעבן
זינגער, האַר און קיניג ווערן, און ער האָט אין גרויסער ליבשאַפט
אַ געליבטן מיר געבאָרן. שיין און גרויס איז מיין געליבטער —
וועט ער זיין מיין שטאָלצער קיניג, איבער דורות איין און איינציק,
און אויב מענטשן זיינען זאַנגען אויף די ברייטע פעלדער מיינע —
איז מיין האַר אַ בוים אַ שטאָלצער איבער זאַנגען אַ צעצווייגטער,
און אויב מענטשן זיינען ביימער אין די אַלטע וועלדער מיינע —
איז מיין האַר אַ באַרג אַ הויכער מיט אַ שנייען־קרוין אין הימל.
שלמה איז דער אויסגעאַרטער אין צעבליטן שויס פון לעבן.

שלמה איז אַ באַרג אַ הויכער מיט אַ ווייסער קרוין אין הימל.
ס'איז געווען אַ לינדער אָוונט. איידער נאַכט איז צוגעפאַלן
האָב איך ביי אַ גאָרטן־וואַסער נאָכגעפאָלגט דעם לעצטן פורפור
פון אַ טאָג וואָס גייט צום חושך. הינטער מיר האָט נאַכט איר קומען
אָנגעזאָגט מיט קילן ווינטל. כ'האָב דעם ציטער פון די ביימער,
קעפּ אַרונטער און צעמורמלט, נאָכגעקוקט אין וואַסער־שפּיגל,
כ'האָב מיין קאָפּ דערזען אין שפּיגל — עפּעס האָט זיך דורכגעטראָגן
מיט אַ רינצלדיקער כוואַליע איבער מיינע האָר אין וואַסער,
כ'האָב די פינגער איינגעגראָבן — צווישן פינגער האָבן פעדעם,
ווייסע פעדעם זיך געקרייזלט. נאַכט איז צוגעפאַלן. קילער
האָבן ווינטן זיך גערוגזט, און איך האָב דערהערט פון וויטן —
עמעץ גייט צו מיר. אַלץ נעענטער רוקן זיך די טריט — די שווערע,
שלעפּעדיקע טריט פון פיס וואָס קענען קוים אליין זיך טראָגן,
און איך האָב דערזען אים — שלמהן . . . ווי אַ בויגן אַ צעקרימטער
האָט ער ציטערדיק געטרייסלט מיט דער ווייסער באָרד און לאָקן
און באַפּלייצט מיך מיטן גליווער פון די אויסגעשטאַרצטע אויגן:
— וואו איז דיין געליבטע, קיניג? וואו זיינען די פּורפּור־צעלטן
מיט די רויטע רויזן־בעטן? ווער האָט אויסגעבערענט דיין לעכצן
און דיין הונגער אויפגעגעסן? אָפּגעזאָגט און נישט געוואָרן.
פון די בלעטער האָבן ווינטן נאַכטיקע דאָס לייב געגליווערט.

אין דער נאַכט האָב איך גערופן גאָט פון מיינע פאָטערס ווידער:
— קום, אַנטפּלעק זיך, קום באַלער מיך ווי אין יענער נאַכט ווען ס'האָט זין
פאָלק פון גאָרן לאַנד געזאַמלט דיך מיט יובל צו באַגריסן

אין דיין וואוינונג אויף מוריה! קום, באַלער מיך ווי דעם גליוועך
אין אַ לויב דיר צו צעשמעלצן, אין געזאַנג פאַר מיר און דורות . . .
כ'האָב גערופן און געבעטן. ס'איז קיין ענטפער נישט געקומען.
נאָר דער ציטערדיקער אַלטער איז געשטאַנען ביים געלעגער
און געליווערט מיט די אויגן: — מענטש פאַרנאַרטער! ס'איז שוין צייט דיר
נישט ביים גאָט פון דיינע אבות — גאָט פון שאַפן און פון לעבן,
גאָט פון חסד און נקמה, גאָט פון שטראָף און פון פאַרגעבונג —
נישט ביי אים מער לערנען וויסן. ניין, אַן אַנדערער דערוואַרט דיך:
גאָט פון נישט, פון אייביק גאָרנישט, שטומער גאָט פון טויטן שוויגן,
אייביק־זעלביקער אין גאָרנישט — ער וועט דיר דערקענונג לערנען.
אָפּגעזאָגט און אויסגערונען ווי פאַרנאַכט ביים קילן וואַסער.
טעג האָבן געגרינט מיט לעבן, נעכט געבליט מיט נייער ליבשאַפט,
אַלע קיניגלעכע שטעגן האָבן זיך געשפּרייט ווי פריער
צווישן אַלץ וואָס לעבט און רייסט זיך ביסנס גרעסערע צו שלינגען,
נאָר דאָס אויג באַהויכט מיט וויסן האָט אַן אַנדער וועלט באַנומען.

וועלט פון גאַנג צו נישט און חושך, וועלט פון אויפלייז און נישט ווערן.
פליג און עלפאַנט, גראָז און צעדער, קליינער שרץ אין די זומפּן
און לויתן אין די ימען, האַר און דינער, קנעכט און הערשער —
איבער אַלע, אַלע, אַלע הויערט אויג פון גאָט פון גאָרנישט:
ס'איז איין סוף און ציל פאַר אַלע אין זיין אייביקייט פון גאָרנישט.
און דער וועג פון גראָז און צעדער איז אויך וועג פון פאָלק און פעלקער:
שבטים נישטיקע, פאַריאָגטע אין די עקן פון מדבריות,
פעלקער מעכטיקע, צעשפּרייטע, מיט חילות אומגעציילטע.
און דער וועג פון פאָלק און פעלקער איז אויך וועג פון גאָט און געטער:
געטער אָרעמע, באַזעצטע אין די שאָטנס פון די ביימער,
געטער מעכטיקע אין טעמפּלען מיט אַ וואַך פון טויזנט פּריסטער —
איבער אַלע הויערט פּראַסטיק אויג פון גרויסן גאָט פון גאָרנישט
און ווי שטויב וועלן זיי פאַלן ווען זיין אָטעם וועט זיי גרייכן.

הונדערט פופציק טויזנט שקלאַפן — זיבן שוויס־געוויקטע יאָרן
האָבן זיי אין שטיין פאַרמויערט אויפן גרינעם באַרג מוריה.
באַקסנביימער, איילבירטביימער, פון לבנון טענענביימער
זיינען צו דער ערד געפאַלן און געשפּאַלטן און געשניטן
און געשניצט, געפּיילט געוואָרן. ווייסע שטיינער, האַרטע זקנים,
וואָס דער אָנהייב פון די צייטן איז אויף זייער לייב פאַרשריבן,
זיינען אויסגעפּליקט געוואָרן. רייפע תבואה פון די פעלדער,
פולע פרוכטן פון די גערטנער האָבן זיך אין גאָלד פאַרשמאָלצן,
וואַנט און באַלקן צו באַדעקן פון גאָטס וואוינונג אויף מוריה.
ס'האָט קיין אייזן נישט געקלונגען, נישט קיין האַמער, נישט קיין בויער —

פונעם לאַנד פון אַלע שבטים צו באַזעצן גאָט פון אָבות
און מיט גאָלד פון פעלד און גאָרטן זיי באַדעקט און אויסגעפּלאַסטערט.
כרובים גאָלדענע, צעשיינטע, האָבן אויסגעשפּרייט די פליגל,
און צום וואָרט פון קיניג זיינען מחנות שטראָמענדיק געפלאָסן
שטיל און פאַרכטיק, שטיל און הייליק האָט מען שטיין און האָלץ געפלאָכטן
אין זיין וואוינונג אויף מוריה. צוויי מאָל זיבן טעג צעפלאַמטע
האָט דאָס פריידיק פאָלק געפייערט. צוויי־און־צוואַנציק טויזנט רינדער,
הונדערט צוואַנציק טויזנט שעפסן אויף מזבחות אויסגעשאָכטן.
קנוילן־קנוילן, וואָלקנס־וואָלקנס האָט זיך פלאַם און רויך געוויקלט,
ס'האָבן נאָזלעכער געציטערט: לאָגלען וויין פון טויזנט קעלטערס
ברענגט אַהער דעם דורשט צו שטילן, דורשט פון פאָלק וואָס איז פאַרשיכורט
מיטן גאָט פון זיינע אָבות אין זיין וואוינונג אויף מוריה...
און אַמאָל נאָך צייט און דורות וועט אַ שטורמיק חיל קומען
ווי אַ היישעריק מיט פייער. קנוילן־קנוילן, וואָלקנס־וואָלקנס
וועט זיך פלאַם און רויך צעוויקלען, ס'וועט זיך האָלץ מיט פלאַמען קושן,
און די פליגלדיקע כרובים — שוואַרצע טויטע שטיקער שמעלצגאָלד —
וועלן אין די הענט פון גאָלדשמיד ווערן הערנער אויף מזבחות
פון אַן אַנדער גאָט און טעמפּל אויף אַן אַנדער באַרג אַ גרינעם.
ביז אויך אויפן גאָט, דעם זיגער, וועט אַן אַנדער זיגער קומען
און צעשמעטערן זיין גדולה און צעשטויבן זיין נצחון.
איז צו וואָס געווען דאָס בויען און די הייליקט און יום־טוב,
און צו וואָס די מאַכט פון פעלזן און דער האַפט פון גאָלד געשמעלצטן
אַז וואָס גרעסער ס'איז די גדולה, בלוטיקער דערנאָך דער ווייטיק,
און וואָס מעכטיקער דער בנין, גרעסער איז דערנאָך די חורבה?

ערגעץ איבער שטערן־רוימען שפּרייט זיך אויס אַן אַנדער הערשאַפט —
וועלט פון אייביקייט וואו קיינמאָל ווערט קיין אָטעם נישט פאַרלאָרן,
ווייל עס אָטעמט דאָרטן גאָרנישט. נישט געגלוסט און נישט באַפרידיקט,
נישט געליבט און נישט געבוירן, נישט געזייט און נישט געפיטערט,
נישט געבויט און נישט געטרויערט, נישט געווען און נישט פאַרגאַנגען —
ווייל ס'איז אַלץ דאָרט נישט און גאָרנישט אין דער אייביקייט פון גאָרנישט.
דאָרט אין יענעם הוילן מדבר לעבן אומגעציילטע וועלטן
וואָס די זון מיט אירע שטראַלן וועט זיי קיין מאָל נישט דערגרייכן.
דאָרטן שטומען יענע פעלדער וואָס קיין אַקער וועט נישט רירן,
יענע וועלדער וועמענס וואָרצלען וועלן פון דער ערד נישט אויפגיין,
דאָרטן לעבן יענע דורות וואָס קיין לייב וועט נישט געבאָרן,
יענע געטער וואָס קיין תפילה וועט זיין קיינמאָל נישט באַלעבן,
און עס הערשט איבער זיי אַלע איין אַלמעכטיקער באַפעלער
אייביק איבער אַלע אייביקייטן — טויט, דער גאָט פון אַלע געטער.

יאָ, איך זע אַ פעלד אַ וויסטן — וויסער שניי דאָרט ליגט פאַרגליווערט,
אַן אַ שיין די טויטע וויסקייט ווערט פון זיך אליין פאַרשלונגען,

און אין מיט פון טויטן מדבר שטייט אַ ווייסער בית־המקדש.
וועגט — פאַרשטיינערט־ווייסער נעפל — הויבן זיך פון טויטער ווייסקייט,
אין אַ גליווערדיקער תיבה הויערט אַ געדיכטע שוואַרצקייט,
און צווײ חושכדיקע פליגל שפּרייטן זיך איבער דער תיבה,
איבער ערד און איבער הימלען, איבער שטערן און מזלות,
און עס הענגט אונטער די פליגל אַ פאַרגליווערטער און טויטער
קול פון אַלע אייביקייטן: — איך בין טויט, דער האַר פון אייביק!
ס'דאַרף דער טויט נישט קיין כהנים, נישט קיין דינער און מזבחות —
ערד אליין איז דער מזבח, און זי ברענגט אירע קרבנות
יעדע רגע, יעדן אָטעם, און נאָר איינער איז דער כהן
וואָס באַדינט דעם בית המקדש, רויכערט קטורת, ברענגט קרבנות —
גאָט פון לעבן און פון שאַפן — ער איז כהן און באַדינער
ביי דעם מעכטיקערן הערשער, ביי דעם גאָט פון טויט און גאָרנישט.

גאָט פון גאָרנישט, גאָט פון אייביק! זי איז דיינע, מיין נשמה.
שלמה דאַרף נישט קיין שליח אָפּצוטראָגן זיין נשמה
אויפן אייביקן מזבח — ער אליין טראָגט זי אַנטקעגן
דיר, אָ, גאָט פון אַלע געטער — נעם זי צו און מאַך זי אייביק
אין דעם איינציק־וואָרן אייביק, אין דער אייביקייט פון גאָרנישט.

העלקייט ברעכט זיך דורך אין היכל, העלער ווערן וועגט און זיילן
און אַ מאַטער שיין צעשפּילט זיך איבער לייב און אָדלער־פליגל.
מיטן קאָפּ אַראָפּגעזונקען זיצט אין טראָן דער טויטער קיניג.

.1909

ע ל ט ע ר

.1

אויף דיינע שמאָלע אַקסל
געפאַלן איז די משא פון מיין עלטער —
אַ שווערער זאַק פון נישט דערוועבטן ווילן —
און ס'האָט דעם קאַרק דיר איינגעבויגן.

עס האָט אַ גליווערדיקע אַלטע קלוגשאַפט
זיך איינגעגעסן אין דער יונגער פרייד,
און קוקט מיט ביטערניש אַרויס
פון דיינע קלאָרע אויגן.

ס'האָט אויף דיין פנים אָנגעהויכט אַ גראָקייט,
ווי קילע ווינטן הויכן אָן

אַ גלעקייט אויף די גרינע בלעטער, —
און ס'איז די פאַרב פון אים אַנטרונען.

און כאַטש איך זע די צייכנס פון פאַרוויסטונג,
וואָס איך האָב מיט מיין האַרבסטיקייט געבראַכט,
דאָך גיי איך אַלץ נאָך דיר,
צו טרינקען פון דיין יוגנט
און ביזן סוף צעשטערן דאָס,
וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן חרוב.

2.

די פיינטשאַפט, וואָס דו האָסט מיך פיינט,
זי איז נישט דיינע בלויז —
און אייביק וועט עס זיין אַזוי.

עס איז די שנאה פון דער יונגער וועלט
צום אַלטן מאַן,
וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשטויסן,
נאָר וואַרפט זיך אומרואיק
און איז אויף אַלע וועגן פול.

וואָס קאָנען מיר דען טאָן,
ווען אונדזער שווערע עלטער
וויל אַלץ נאָך נישט אין קבר גיין
און ראַנגלט זיך מיט דער אומענדלעכקייט!
און אייביק וועט די שנאה זיין
צום לעבעדיקן אַלטן,
וואָס טראָגט אַרום דעם שווערן שאָטן
פון זיינע אייגענע און פון דער וועלטס חטאים
און מאַכט דעם היינט זיי טונקל
מיט דער געדעכעניש פון נעכטן און פון מאָרגן.

3.

ביסט נישט די ערשטע, אַ צעבראָכענע פון עלטער,
וועסט נישט די לעצטע זיין,
און אויב עס ברענט אין דיר אַ שנאה —
ביסטו אויך נישט די איינציקע.

דאָרט ערגעץ שטייגן פייערדיקע צונגען
פון כמאַרעס רויך,

אין פלאַמען סמאַליעט זיך דאָס לייב
פון מתים צעקאַליעטשעטע,
און ס׳רעווען, כּאַרכלענדיק פון שרעק,
די לעבעדיקע נאָך, וואָס וואַרפן זיך ווי מייז
אין ברענעדיקן פאַנגער־שטייג.

דאָס ברענט אַזוי און שרייט
די קלוגע עלטער, אַ געפאַנגענע אין פייער
פון האַס און אָפּצאָל פון דער יונגער וועלט,
וואָס איז, ווי דו, פון איר פאַרקריפּלט.

ווילסט אפשר צושטיין צו דער הייסער יוגנט,
וואָס פלאַקערט דיין נקמה אויס?
גיי דאָרט, וואו ס׳ברענט דיין טאַטנס הויז,
און וואַרף אין פייער נאָך אַ שייטל אונטער,
און ווען עס ליגט נאָך עמעצער און זשיפּעט
אין זיינע רויטע וואונדן אָן אַ זייט —
דו שטופּ אים מיטן פוס אַריין אין פייער
און זאָל זיין לעצטער אָטעם מיטן רויך פאַרגיין.

דאָס ברענט דאָך יענע עלטער,
וואָס האָט זיך אין דיין האַרצן איינגעגעסן.

.4

דו האָסט די שולד געוואָרפן מיר אין פּנים:
ווען כ׳האָב געזוכט דיין ליבשאַפט,
האָב איך געקושט אַ צווייטע
און צו אַ דריטער זיך געצויגן.

און ערגעץ האָט מען ווידער מיך באַשולדיקט,
אַז כ׳קען קיין פאַטערלאַנד נישט ליבן,
און וואו איך בין, דאָרט בענק איך ערגעץ ווייטער,
ווי ס׳בענקט אַ נישט געטרייער מאַן
פון ווייבס געלעגער צו נאָך נישט־דערגרייכטע אָרעמס.

וואָס איז אַ פרוי,
וואָס איז אַ פאַטערלאַנד פאַר יענעם מאַן,
וואָס טראָגט די לאַסט פון אַלטער קלוגשאַפט?
אַ ווילע אָפּרו אויף אַ וויכן באָדן,
וואָס זאָל די זוימען אויפנעמען

און אויסטראָגן זיין דראַנג:
די פרוי — דאָס בלוט,
דאָס פאטערלאַנד — דעם פייער פון דעם אַלטן אמת,
וואָס וועט זיך אָנצינדן אַמאָל.

און מעג די יונגע וועלט זיך לאָזן שעכטן
אויס ליבשאַפט פאַר דער פרוי,
וואָס רופט זיך — פאָטערלאַנד,
און פאַר דעם זיסן פאָטערלאַנד מיט קלאָרע אויגן,
וואָס רופט זיך — פרוי, —
מיר זיינען צופיל אַלט,
אַז מיר זאָלן פון פרייען ווילן
אַוועקגעבן דאָס אייביקע, דאָס גישט באַזיגטע לעבן,
פאַר דאָס, וואָס איז אַ פרוי,
זאָל זיין איר נאָמען ווי עס איז.

5

נאָך אַלעמען — ביסטו דאָך אויך געבוירן
מיט שווערע פאַלדן אין דער קינדערשער נשמה
און מיט אַ מאַרך, צעגראָבן ביזן גרונט
פון קלוגשאַפט טויזנטיעריקער.

האָט דיך די יונגשאַפט פון דער וועלט פאַרשווינדלט,
און האָסט געמיינט
מיט קינדער־שפיל צו אויסגלעטן די פאַלדן
און אין דעם לייכטזין איינוועבן די חכמה.
ביז איך האָב דיר די שפיל צעשטערט
און אומגעקערט אַהין, וואו דו געהערסט.

צו וואָס די שפיל? מען קען זיך נישט גענאַרן.
און ווילסטו גיין מיט גלייכע וועגן,
ווי ס׳גייט די וועלט אין יוגנט —
נעם אויף דיין עלטער, ווי אַ טייערע מתנה,
און טראָג זי פאַר דער וועלט אַזוי,
ווי ס׳טראָגט זיין קרוין אַ קיניג,
ווי ס׳טראָגט אַ הייליקער די ליידן,
ווי אַ געזאַלבטער טראָגט דעם צייכן פון זיין זאַלבונג.

1919.

רחב

.1

— דיין לייב איז צייטיק, טאָכטער,
דיין לייב איז גאָלדיק, טאָכטער,
נאָר ווי ביים פיצל קינד אין וויג
די אויגן קוקן אומשולדיק,
און נישט קיין פונק פון רייץ אין זיי,
קיין שאָטן איבער זיי.
— איך ווייס נישט, מאַמע, דערפון.

— מיט ציטערדיקע גאָזלעכער
די יונגען ציען זיך אַהער.
די יונגען זיינען הויך און שטייף,
און דיינע יונגע היפטן רייף.
צי גייט נישט אויף אַנטקעגן זיי
דיין ברוסט אין לוסט צו זיי?
— איך ווייס נישט, מאַמע, דערפון.

— שדכנים שיקט דער אַלטער גביר
און ער וואָלט טויזנט רענדלאך גאָלד
מיר אָנגעציילט פאַר דיר
ווען דו וואָלסט נאָר געוואָלט.
— כ׳וועל טאָן ווי דו וואָלסט געטאָן.

— דיין בעט וועט זיין פון פוך און זייד,
דיין קלייד פון גאָלד געשפּינט.
און ווי מען טוט מיט אַלטע לייט
וויסטו אַליין, מיין קינד.
— כ׳וועל טאָן ווי דו וואָלסט געטאָן.

.2

אָ, מאַמע פון מדבר־ברעגן!
נישט אין דער חופּהדיקער נאַכט
האָט זי פאַרשעמט געגרייט איר טראַכט
צום זוימען פאַר איר קינד,
נאָר ס׳האָט פון מדבר דער סאַמום
אין העלן טאָג, פאַר ווייסער זון
פאַרפלאַנצט אין איר דאָס קינד,

אין העלן טאָג פֿאַרפּלאָנצטע קינדער
ווערן געבאָרן מיט אויגן בלינדע.
מיר איז געבאָרן בלינד דער שויס,
דאָס אויג, וואָס קוקט געהיים אַרויס,
מיט קינד און דורות ווייטע
צו וועלט און אייביקייטן.

אַ בוים אָן צווייג, אַ הוילער שטאַם,
אַרויסגעשפּראָצט פֿון מדבר־זאַמד,
און הייסער מדבר־הימל גליט
דעם זוימענהוילן צוויט.
אָ, מאַמע פֿון מדבר־ברעגן!
אין מדבר־טאָג און מדבר־נאַכט
וועט בלייבן וויסט דער בלינדער טראַכט,
און זינקענדיק אין טויזנט זינד,
וועט אויג צו וועלט אַלץ קוקן בלינד
און נישט דערקענען וואָס איז זינד —
אָ, מאַמע פֿון אַלע וועגן!

.3

פֿעלד, שוועסטער־פֿעלד!
וואָס וואָלסטו טאָן, ווען מיטאָג־זון
זאָל אויסברענען פֿון בויך ביי דיר
די לעכצנדיקע מוטער,
און אַלץ, וואָס גרינט און בליט אויף דיר
זאָל זיך אין אַש צעשיטן?
וואָלסטו מיט גאָלד פֿון געלבן זאַמד
אַ מדבר־אינדזל אויפֿגעגליט
אין ים פֿון פֿרוכטבאַרקייט,
ווי איך אויף דיר האָב אויפֿגעגליט
אַ מדבר־אינדזל אין דער מיט
פֿון ים פֿון מוטערשאַפֿט.
פֿעלד, שוועסטער־פֿעלד!

פֿון אַלע זייטן שוואַרצערד גרינט
מיט גראָז און זאַנג און בוים.
פֿון אַלע זייטן טראָגט דער ווינט
צו דיר דעם שטויב פֿון בלינדן זוים
אין טויב און שטום באַגערן
פֿון שטויב אַ לייב צו ווערן.

און דו אין גאָלדיק־וויסטן זאַמד
שלינגסט אַלע זוימען איין,
שלינגסט איין, זאַפּסט איין
און ס׳בלייבט אַלץ ריין
דאָס וויסטע גאָלד פון זאַמד —
אַ הייסער מדבר־אינדזל
אין ים פון מוטערשאַפט.

אין הייסע נעכט הויכט אויס די ערד
איר לעכצעניש און טראָגעניש
אין קלעפּיק־דעמפּן טוי.
מיט בלייכע שאָטנס אויסגעמישט
פון אַלע זייטן קריכנדיק
צוקנוילט זיך עס אויף דיר.
און דו ליגסט העל און קיל אַזוי
מיט גאָלד אין טונקל פינקלדיק,
און ס׳שלאָגט דיין גאָלדן לייב צוריק
די פרעמדע אָטעם־קנוילן —
אַ קילער מדבר־אינדזל
אין נאַכט פון טוי פאַרהוילן,
ווי איך אין הייסער נאַכט אַזוי
אַ קילער מדבר־אינדזל
אין ים פון מוטערשאַפט.
אָ, פעלד, שוועסטער־פעלד!

.4

ווי ביי אַ טויט־פאַרשכורטן דער רויטער ווין
פון באָרד און אָנטאָן רינט
און קאַפּעט פון די אויסגעווייקטע פינגער
און טריפט פון רויטע אויגן, —
אַזוי פון זקן פליסט דער צער
און רינט אַריבער באָרד און קליידער,
און זיינע שטראָמען וואַשן, וואַשן
דעם דיל אונטער די טריט.

איך וואַש די טריט מיינע, די גאָלדענע,
אין רויטן ווין פון אַלטן צער,
און הויב דעם ווייסן זייד פון קלייד,
איך זאָל נישט איינגעצן די זוימען זיינע —

אין גאָלדענער און ליכטיקער
אַריבער רויטע שטראָמען שיינען
די קנעכלעך פון די פיס.

און אפשר זאָל איך גאָר פון זיך אַראָפּוואַרפן
דאָס זיידן קלייד
און שטיין פאַר דיר אַ גאָלדענע אַזאַ?
און אַז דו וועסט אַ טויט־פאַרשיכורטער
זיך אויסגליטשן און אומפאַלן,
וועל איך מיט דיר צוזאַמען פאַלן
און קאַטשען זיך מיט דיר אין רויטן צער,
ביז דו וועסט, אַ פאַרכלינעטער אין אים,
דעם לעצטן אָטעם איינוואַרגן,
און איך, אָן אויסגעבאָדענע אין צער פון מאַן,
פון אייביק־לעכצנדיקן, אייביק־דורשטיקן
און אייביק אומבאַהאָלפענעם,
וועל צו דער וועלט אַרויס
אין רויטן אויסגעטונקט, און זאָגן:
— איך בין רחב!

5

ווי אַלט איז רחב?
דער שטערן אירער — זיבן יאָר,
די היפטן — דריי מאָל זיבן.
דער שמייכל בלייך ווי זיבעציק
און פון די אויגן ציט די ווייט
פון טויזנטער מאָל זיבן —
ווי אַלט איז רחב?

פון וואַנען קומט זי, רחב?
די האָר אירע — פון מדבר־זון,
די הויט — פון קאַלטע פלאַכן.
אויף אַלע שפּראַכן אירע רייד,
און אין איר קלייד די שפּורן
פון וואו אַ לאַנד און ווען אַ דור.
פון וואַנען קומט זי, רחב?

6.

דורות גייען
וועגן גייען,
טרעפן זיךביידע

אין מיטן פון וועלט.
און אויפן קרייצוועג
פון דורות און וועגן
שטייט ווי אַ קרעטשמע
רחבס געצעלט.

רחבס געצעלט — אַ הויל געלעגער.
איבערן הוילן געלעגער
אָנגעצונדן אַ קנויטל.
ציען צו רחב געצעלט
שטעגן פון גאַר דער וועלט:
שטעגן פון מזרח,
שטעגן פון מערב,
שטעגן פון צפון,
שטעגן פון דרום,
ווערט איבער שטעגן אין נאַכט
צו רחבס געלעגער געבראַכט:
פלאַם פון רויטע זונען,
גליווער פון גרינע לבנות,
בלינדער גאַרן
צו פרעמדע זשארן
גייט איבער נאַכטיקע שטעגן
צו רחבס הוילן געלעגער.

זיצט זי אין מיטן פון צייטן,
און דורות קומען און בייטן
די שפייז פאַרן פלאַם פון קנויטל:
אויל פאַרן קנויטל,
וואַקס פאַרן קנויטל,
נאַפט פאַרן קנויטל,
פונק פאַרן קנויטל —
פאַר יעדן דור אַ קנויטל
צו ברענען אין שיין אין רויטן
דאָס מיסט פון וועלן,
דעם שימל פון עלנט,
דעם אָפּפאַל פון בעטן
און שוים פון זעטן
אויף רחבס הוילן געלעגער
אין מיטן געפלעכט פון וועגן.

דורות גייען,
וועגן גייען,
טרעפן זיך ביידע
אין מיטן פון וועלט.
און אויפן קרייצוועג
פון דורות און וועגן
שטייט ווי אַ קרעטשמע
רחבס געצעלט.

.7

ווער קען די שרעק דערציילן פון דעם בלייכן חתן,
וואָס שיידט זיך מיט דער כלה ביי איר מאַמעס טיר,
און טראָגט די פיס, מיט הייסן קופער אָנגעגאָסן,
אַהין, וואו עס וועט פלאַצן דער געשוויר
פון יונגן בלוט, איבערגעזאָטענעם
ביי גרענעצן נאָך נישט באַטראָטענע?

ווער קען די שרעק דערציילן פון דעם בלייכן פאָטער,
וואָס גנבעט זיך באַנאַכט פון פרומען ווייב,
און לאָזט זיך אין דער פינצטער אויסברענען דעם בלאָטער
פון גלוסטן שענדלעכע, וואָס טרייבן
דאָס כשרע געלעגער צו באַשיצן
פון זייערע פאַרציקערישע בליצן?

ווער קען דעם אַלטן בחורס גיריקייט און ציטערן
ווי ביי אַ הונט איבער אַן אָפּגעפּליקטן ביין?
ווער קען פון גראָע לייט די פויסטן שיטערע
און פינגער טרוקענע אין בעטלערשן געוויין?
ווער קען דעם האָניק פון די בייסיק־ביטערע
געזיפּטע רייד פון קאַליקעס מיט וואָלפן־ציין?
ווער קען פון אַלע עלנדע דאָס פיבערדיקע צאַפּלען,
וואָס טוקט זיך אינעם גליען פון דער הויט,
ווי ס'טוקט זיך אין די גוססע שוואַרצאַפּלען
דער לעצטער ווילן אין געפאַנג פון טויט?

זיי אַלעמען קען רחב. און פון יינגלס פלאַטער
ביז צו דעם זקנס פויזען ביי די פיס פון טויט,
פון אָרעמס אויסגעזויבערטע אין וואוילטאָג זאַטן
ביז אָרעמס איינגעדאַרט אין בעטלערישן קויט —
ביי אַלעמען האָט רחב אָפּגעשוימט די שוימען
פון הייוון טייוולשן, וואָס אין די בלוטן יערט,

און ווי דער מדבר־זאַמד פֿאַרצערט די זוימען,
האָט זי, אַליין אַ וויסטער מדבר, זיי פֿאַרצערט,
און פֿון איר טיר געשלייכט האָבן זיך שטומע רוקנס
ווי שטיינער מדברדיקע, האַרט און טרוקן.

.8

אַמאָל איז עס געווען אַן אַכצניעריקער
און צאַרטער יינגל, וואָס האָט אין די ליפּן רחבֿס
דערפֿילט דעם אומבאַגריפֿענעם און ווייטן ים
פֿון צערטלעכקייט, וואָס דאַרף זיך עפֿענען פֿאַר אים,
און האָט געבעטן:
— לאָז בלייבן דאָ מיט דיר.

אַמאָל איז עס געווען אַ מיטליעריקער
און אויסגעמאַטערטער פֿון זאַטקייט,
וואָס האָט מיט רחבן דערשפּירט דעם אומקער
פֿון הונגעריקער יוגנט,
און ער האָט זיך געבעטן:
— לאָז אויסבויען אַ שלאָס פֿאַר דיר.

אַמאָל איז עס געווען אַ וואַנדערער,
וואָס האָט אין רחבֿס אויגן
דערזען די גאַנצע וועלט, אַן איינגעזאַמלטע
אַרום דער שוואַרצער זון פֿון איר שוואַרצאַפּל,
און ער האָט זיך געבעטן:
— לאָז האָבן דאָ אַ היים מיט דיר.

און אַלטע לייט זיינען געווען,
פֿאַרטרויערטע אין חכמה און געלייטערטע אין לייד,
וואָס זיינען גרייט געווען
די לאַסט פֿון אַלע זינד פֿון רחבן
צו נעמען אויף די אַלטע אַקסל,
אַבי זי זאָל די גאַנצע לאַסט אירע
צו זיי, די איינציקע, נאָר שענקען.

און רחב האָט געשמייכלט: אירע זינד,
איר זין פֿון זין, זיינען געלייטערט
אין זיך אַליין און דאַרפֿן נישט קיין טרעגער.
און רחב דאַרף קיין דאַך נישט פֿאַר היים.
און ווער עס האָט נאָר איינמאָל
געזען דעם מאָרגן־גראָ פֿון איר געלעגער,

װעט נאָך אַמאָל איר שװעל נישט אָנרירן.
װײַל ס'איז נישטאָ נאָך װאָס
צו קומען נאָך אַמאָל צו רחבן —
װײַל רחב איז בלויז — רחב.

.9

דער ערד,
דער שװאַרצער, בײַכיקער און גוטער,
װאָס טראָגט און קינדלט און דערנערט
און פּרעגלט זיך אין נאָמען: מוטער —
דער זאַטער ערד
האָב איך אַ קריג דערקלערט
אַזוי צו זאָגן:

פֿאַר דיר —
די אָנגעפּױשטע קערנער,
װאָס טראָגן אין די שײדלען בײַכיקע
דעם אױפֿגאַנג פֿון דײַן קינדלען.
פֿאַר מיר —
די נאָדלען שטעכיקע
פֿון בריענדיקע דערנער
מײַן לײַב דערמיט צו שינדן.

פֿאַר דיר —
פֿון אײטערדיקע בריסטן
דאָס װײסע מילך אין מױל פֿון קינד
און זיסער פֿלאָם פֿון זאַטן פֿלאַפּל.
פֿאַר מיר —
דאָס װיסטע, דאָס אומזיסטע
ציטערניש און צאַפּל
פֿון נישט דערלעבטער, אױסגעװעפּטער זינד.

דעם בױך צעשפּרײט
אַנקעגן זון און זומען־זיפּ
און בלאָז אים אָן מיט טראָגעדיקער פֿרײד —
דעם ליכטיקן באַפֿרוכפּערער אַ לויב.
און איך — מײַן טראָפּן פֿרײד
װעל אױסקװעטשן פֿון קרישלדיקע ריפּן,
פֿון בלעטער טרוקענע און גראָזן־שטױב,
און יעדער טראָפּן גאַליקער
פֿון גסיסה'דיקן זאַפֿט

וועט זיין אויף מיינע ליפּן
ווי פרילינג־פלוסן הונדערט־מיילּיקע
אויף פעלדער פון דיין מוטערשאַפט.

.10

אין רחבס געצעלט איז געקומען אַמאָל
לילית, דאָס ווייב פון האַר סמאל,
און פינקלענדיק ברייט מיט איר פינקלדיק קלייד,
גענומען ריידן אַזעלכע רייד:

— וואָס טויג עס דיר, רחב, דעם קריג מיט דער ערד
איינע אליין צו פירן?
אויב פיינט האָבן דאָס, וואָס טראָגט און געבערט,
און צעשטערן די פרייד פון יצירה,
האָט סמאל דער ערשטער צעשטערט דעם גן־עדן
און זיינס איז צעשטערונג עד סוף כל הדורות.
און צו וואָס דיר האַנדלען מיט פרעמדער סחורה,
ווען קלאָר איז דער זיג פאַר דיר מיט אונדז ביידן?

האָט רחב געזאָגט: — דו טוסט זיך שאָדן!
וואו סמאל וועט האָבן אַ חשד אויף דיר,
קען ער מיר נאָך באַפעלן צו גיין פאַרפירן —
און וואָס שענער דער קרבן, אַלץ גרעסער דער חשד —
און מיר איז קיין חילוק נישט — שיין צי מיאוס.
וועסטו דאָס בעסטע פאַרלירן אומזיסט.
דו בעסער סמאלן זאָג אזוי:
רחב איז נישט געבאָרן קיין פרוי
און איז נישט געקומען פאַרשפרייטן קיין זינד,
נאָר אויפנעמען זינד און צעשפרייטן אין ווינט.
און שטאָט צדיקים מיט זינד צו פרואוון,
וועט זי פון זינדער מאַכן בעלי־תשובה.

האָט לילית פון שמחה אויפגעשיינט:
— רחב, דו ביסט מיר אַ אמתער פריינט!
און אויב דיר דערציילן דעם אמת, בין איך עס
געקומען אַהער אין סמאלס שליחות,
און ער וועט מיר איצטער אויך נישט געטרויען,
אַז דו אַליין האָסט געזאָגט אַזוי.

האָט רחב געענטפערט מאַדאַם סאַמאָעל:
— מיר דאַכט, אַז דיין קלייד איז אַביסל צו שמאָל.

און צום גרויסן רובין און בריליאַנטענע קנעפּ
וואָלטן בעסער געפּאַסט דיר די שוואַרצע צעפּ.
האָט לילית כּהרף עין פאַרוואַנדלט
אין שוואַרצע צעפּ אירע גאָלדענע קרויזן,
האָט דאָס קלייד ביים בוזעם צעקנעפּלט לויזער —
און דערמיט האָט זיך געענדיקט דער האַנדל.

.11

רחב האָט געהאַט אַ קליינע שוועסטער,
האָבן אַלע ווייבער זי געשאָלטן.
יעדן אָוונט פלעגט זי הינטער די געצעלטן
אָפּהיטן די מענער,
און וואו נאָר איינער האָט געקלונגען מיטן טייסטער,
האָט זי אים אָוועקגעפירט.
און מאָרגן פלעגט זי קומען
זיך וואַלגערן ביי רחבן
און קלינגען מיטן גאָלד
און לאַכן מיט די ווייסע ציין: — דו ביסט אַ נאַר!
ווען איך בין אַזוי שיין ווי דו, וואָלט איך פאַרמאָגט
אַ האַלבע וועלט. און דו —
צו אַלע קאַליקעס און שלעפּער,
צו אַלע קרעציקע און מנובלים
גיסט אָפּ דיין שיינקייט . . . וועסט זען —
דו וועסט נאָך קראַנק ווערן און שטאַרבן.

נאָר רחב איז נישט קראַנק געוואָרן
און נישט געשטאָרבן.
זי פלעגט די קליינע שוועסטער איינשלעפן,
דערנאָך זי אָפּוואַשן און אָנטרינקען,
און יענע, אַז זי האָט זיך אויסגעצירט און אָנגשמעקט,
פלעגט שטשירען מיט די ווייסע ציין
און אין דער נאַכט אַנטלויפן,
און רחב האָט איר נאָכגעטראַכט:
— קליינע לילית!

דערנאָך איז אַלט געוואָרן
די קליינע שוועסטער רחבס,
פלעגט זי זיך וואַלגערן אין ווינקל,
טאַפּן זיך די איינגעדאַרטע בריסט,
הינטיש נאָכשפּירן די טריט פון רחבן
און שעלטן: — אַז עס נעמט דיך קיין מגפה נישט!

מיט אַלע מצורעים, שלעק און גאוועדדיקע הינט
וואַלגערט זי זיך אויס —
און הוידעט זיך אויף מיידלדיקע היפּטן . . .
עס וועט נאָך אויף דיר אויך קומען אַ סוף!

נאָר רחב איז נישט קראַנק געוואָרן
און נישט געשטאָרבן.
זי פלעגט די קליינע שוועסטער איינשטילן
און איינשלעפן.
און אַז די קליינע איז געשטאָרבן,
האָט זי זי איינגעוואַשן,
אַוועקגעטראָגן אויף אַ פעלד לעבן אַ פּלויט
און אין דער פינצטער צוגעדעקט,
און איז אַהיים געגאַנגען וואַרטן
עס זאָל אַ בייע קליינע שוועסטער קומען.
און רחב איז נישט קראַנק געוואָרן
און נישט געשטאָרבן.

.12

איינמאָל כאָטש זיין — אַ פרוי!
זיין אַן אָרעמען פויערס פרוי,
האָבן אים קינדער,
וואַשן זיי ווינדלעך,
טראָגן אין פעלד אריין הייסע טעפּ,
בויגן דעם רוקן צו צאָרניקע קלעפּ,
טיילן די נאַכט צווישן מאַמע און ווייב:
פאַר קינדער די ברוסט, פאַרן מאַן דאָס לייב,
און שלעפן באַגינען פאַרשלאָפענע פיס
אויף ליימענע דילן און קלעפּיקן מיסט —
איינמאָל כאָטש לעבן אַזוי!

איינמאָל כאָטש זיין — אַ פרוי!
בענקען אַ בענקשאַפט צו דעם, וואָס באַשלאָפט,
ליבן זיין גוטסקייט און ליבן זיין שטראָף.
שפּירן פון ווייטן זיין שווערן טראָט
און גאַרן דאָס וואַרגן פון האַרבן אָטעם,
האָדעווען אים ברייט־ביינִיקע זין
און מורא האָבן פאַר זיי ווי פאַר אים,
טראָגן פאַרגראָבן שטומע חולאתן
און שטום די ליפּן ביז בלוט זיך בייסן —
איינמאָל כאָטש לעבן אַזוי!

איינמאָל כאָטש זיין אַ פרוי!
פילן די אַלטע הויט ווי זי טריקנט
פון גאַליקע קללות ביים מאַן אין די בליקן,
זען אין זיין אָפּענעם מויל דעם הונגער
צו יעדער פרוי, געזינטער און ייִנגער,
בלייבן ליגן נישט אויפצושטיין מער
און ברודיקער ווייקן דאָס בעט אין טרערן,
פּוילן אין ווינקל און טרינקען דעם האָס,
צו דער, וואָס פּאָלט אויפן דלות אַ לאַסט.
און נאָכדעם פאַרמאַכן די רויטע וויעס
און אויף ליימענעם דיל אויסגלייכן די פיס,
מיט יאָרן זאַט און מיט ווייטיק זאַט —
און ווערן צעשטויבט אין אש ווי אַ בלאַט —
איינמאָל כאָטש לעבן און שטאַרבן אַזוי!

.1928

אין שענק

צייט אַהיים צו גיין, ר׳ ייד!

אין דער היים אין קיך דאָס קליינע לעמפּל ברענט נאָך,
און די מידע פרוי צום קישן ציט,
נאָר זי רוקט זיך וואַרטנדיק צום טיר אַלץ נעענטער —
צייט אַהיימצוגיין, ר׳ ייד!

מיידן־בראַנדן טאַנצן דאָ אין שענק
און די שטייפע לייבער בייגן זיך ווי רייפן.
גיי דאָס אָרעם קיך־לעמפּל געדענק
ווען דעם האַרטן נאַקן דינע הענט פאַרשלייפן.

דינע פינגער איינגעפלאָכטן אין דער באָרד,
אויף דער ברוסט דער האַרעדיקער ציינער ברענען,
גוט צו וויסן, אַז מען קען צו פופציק יאָר
זיך נאָך סמאַליען אין אַזאַ גיהנום!

מיידן גלוסטן צו דעם מאַן, דעם גבר,
גלאַטע צינגער זיינען פלינק אויף זיסע ליגנס,
און אין גליען פון פאַרשיכורדיקן זשאַר
ברענען זיי אַליין ווי פייער־פליגן.

אויף דער מויד אויך ערגעץ וואו אַ חתן וואַרט.
קומט זי, לייקנט זי פּאַר אים און בעט זיך.
נאָר ער וויס, דער בחור, ווען זי האָט גענאַרט
און ער שלאָגט זי מכות־רצח.

שווער זיך אויפצוהייבן ווען די פּופּציק זומערס
האָבן זיך צעצונדן אונטער האַרטער הויט.
מוז מען ווי אַ סטאַדע חיות שטומע
זיי אַרויסטרייבן צום מאָרגן־רויט.

זע נאָר! גאָר אַזוי? נו, שעמט זיך, פעטער!
אַזאַ ייד אַ גבר זאָל זיך צעכליפּן ווי אַ קינד,
און פון באָרד און פּנים ווי אַ כסלוו'דיקער וועטער
מיט די ריטשקעלעך פון מוטנע וואַסער רינט.

וואָס־זשע? ליגן ווען אונטער וואַסערן פאַרפלייצטע?
האָט דער זומער זיך פאַרהאַלטן הינטער באַרג?
קראַנק אַ לאַסט אַ הייב צו טאָן די פּלייצע?
וועט אַ קלאָץ נישט אויפהאַלטן דער קאַרק?

נו, געבוג! זיך אָנגעשפּילט און אָנגעכליפּעט —
און אויב ס'וואָיען נאָך די הונגעריקע הינט,
וועלן רעדער אויף די וועגן זיך צעסקריפּען,
וועט דאָס וואָיען זיך פאַרווייען מיטן ווינט.

גייט, ר' ייד! ביז איר וועט אָנקומען צו זיך
וועט די זון שוין לויכטן איבער אייער שטיבל,
און דאָס ווייב וועט גרייטן אָנבייסן אין קיך.
— הייבט אַ כאָליווע און האָט נישט קיין פאַריבל

צייט אַהיים צו גיין, ר' ייד!

.1929

ל י י ב

פון מיר, דעם בלוט און לייביקן, האָט זיך אַ צווייטער אָפּגעטיילט,
אַ ווייסער זקן, און זיך אַוועקגעשטעלט ביים זייט פון מיר,
נאָר צו מיר צוגעוואַקסן, ווי אַ קינד ביים נאָפּל צו דער מוטער.
דערנאָך האָט זיך אַ דריטער אָפּגעטיילט, אַ שפּרודלדיקער יינגל,
און זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זקן. נאָכדעם איז געקומען
אַ שמאַלציקער פאַרשוין מיט ליפּן אויפגעוויקלטע און תאווהדיקע אויגן

און קעגן אים — אַ בלייכער פּרוש מיט אַ שנירלדיקן מויל. נאָך אים —
אַ רויטער קאָפּ מיט גרינע לויפנדיקע אויגלעך פון אַ רמאי,
און קעגן אים, מיט שאַרפע באַקן־ביינער און מיט בליקן אייזיקע
דער גזלן דורכן אמת. ווידער איינער — מיט צעפּירטע עלנבויגנס
און פויסטן אָנגעלאָדענע פון ראַנגלער און צעשטערער,
און קעגן אים — אַ ווינקלדיקער, איינגעשרומפּענער אין זיך
דער פרידן־לעכצער. נאָך און נאָך זיינען געקומען,
און אַלע אויסגעטיילט פון מיר און אַלע צו מיר צוגעוואָקסן,
און איינע קעגן אַנדערע זיך אויסגעשטעלט, און איך אין מיטן.

און אַז איך האָב דערזען זיי איינס אַנטקעגן איינס, ווי מחנות צוויי
אָן האַס און צאָרן, נאָר באַשטימט פון שורש זייערן, פון בלוט מיינעם,
אויף בלינד זיך איינצוועסן איינס דעם אַנדערן אין גאָרגל, —
און האָב דערזען דעם אָנקום פון דער בלוטיקער מלחמה
מיט מיר און אַרום מיר, — און האָב פאַרויס דערשפּירט
די מוראדיקע פּיין פון לייב, געריסענעם אויף אַלע זייטן,
האָב איך פון גרויסן פחד אויפגעשריען: — שנייד זיי אָפּ! פאַרשנייד! —
און ענטפערנדיק אויף מיין שרייען האָט זיך אויסגעטיילט פון מיר
דער לעצטער, דער וואָס מיטן חלף, אַקסל איבער קעפּ,
און פון זיין גולמ׳דיקן בליק און בלאַנק אין האַנט האָט ווי אַ בליץ
די אַנדערע אַרומגעשנירעוועט, און זיך צונויפגעקלאַמערט אַרום מיר,
אין הענט מיך אויפגעכאַפּט, מיט קעפּ און אַקסל צוגעדעקט,
אין לעצטן פחד האָבן זיי גענומען יאָגן זיך, זיך יאָגן, טראָגן מיך
מיט מיין געשריי פאַרשטיקט פון זיי, און ער אין מיטן איבער אונדז.

האָב איך געטראָגן זיך אין הענט אַ בלינדער, אַ געוואָרגענער,
און נישט געזען און נישט דערקענט מער קיינעם, נאָר געוואוסט,
אַז איבער אונדז אין טויט־געלויף לויפט דער וואָס מיטן חלף.
און פון די אימפּעטיקע טריט און וויגן מיך אַרויף־אַראָפּ,
און פון די פּיינען ריטמישע פון לייב, געריסן אין געלויף,
האָט זיך צעוויגט מיין שרייען אין געזאַנג, אַ שריי־געזאַנג,
און כ׳האָב דורך יאָגעניש און וואָרגעניש און פּיין
געזונגען: שנייד זיי אָפּ! פאַרשנייד! . . . און צי געווען אַזוי
צי ניין, נאָר ווי מען הערט דאָס נישט געהערטע איבער טויבע ווענט
און ווי מען זעט דאָס נישט געזעענע דורך ווייטן פינצטערע,
האָט מיר געדאַכט: אָט הער איך בלעטערדיקע וועלדער,
אָט ווינטן פייפנדיק, אָט שטיינערנעם גערויש פון גאַס,
און ווענט פון הייזער זע איך, ליכט און שאָטן מיניען זיך,
און דורך דעם אַלעם אַ געטראָגענער נישט אויפגעהערט
צו זינגען: שנייד זיי אָפּ!

ס'איז טאָג פאַרגאַנגען אויסער מיר
און פינצטער האָט זיך דורכגעשפּאַרט, און פייגלעכער זיינען געוואָרן
די ווייטיקן פון לייב און ברענעניש פון ליפּן און געשוויר פון גאָרגל
און כ'האָב שוין נישט געקענט מער שרייען. בין איך שטיל געוואָרן,
און דורכן אָפּגאַנג פון דער פּיין אין שטילקייט איז מיר אויפגעקומען,
אַז ווען ער וואָלט גענומען שניידן מיטן חלף רעכטס און לינקס,
וואָלט ער פאַרשניטן אַלעמען, חוץ זיך, און איך וואָלט בלייבן
אליין אויף זיינע הענט — בלויז ער און איך . . . בלויז ער און איך . . .
אין הייסע הענט פון מיינע טרעגער, האָב איך מיט אַמאָל דערפילט,
ווי ס'לעצטע חיות גייט מיר אויס נאָך יעדן איינציקן פון זיי:
דעם זקן און דעם יינגל, דעם בעל־תאווה און דעם פרוש,
דעם רמאי און דעם אמת־גזלן, דעם צעשטערער און דעם פרידן־זוכער . . .
אַזוי וואָלט אויך אברהם דערפילט, ווען מיטן שאַרף איבערן האַלדז
פון זון וואָלט ער דעם גלויבן פלוצלינג אָנגעוואוירן
אין דעם, פאַר וועמען ער איז מקריב. און פון זיך אליין
האָט דאָס פאַרשמאַכטע לעכצן אָנגעהויבן שטיל אַראָפּצוזינגען
פון ליפּן גליאיקע: מיר וועלן אַלע זיין צוזאַמען . . .
צוערשט נישט טרויעריק, נאָר ווייטער גלויביקער און זיכערער
האָבן זיי די ווערטער אויפגעכאַפּט, זיך איינגעשפּרייזט
אין נייעם ריטם פון געזאַנג, און איבער אַלע קולות
האָט זיך מיט ברומיקער צופרידנקייט געקאָלערט אויך דאָס קול
פון אים, וואָס מיטן חלף: אַלע וועלן זיין צוזאַמען . . .

ס'האָט אויפגעגראָט אויף טאָג, ווען מ'איז צוריקגעקומען
צום דרויסן פאַר מיין הויז, אוועקגעלייגט מיך, זיך אַרומגעזעצט
און אַלע אַרום מיר זיך שאָקלענדיק האָבן געזונגען:
מיר וועלן זיין צוזאַמען . . . אָבער איך האָב שוין געשוויגן:
געציטערט אין באַגינען־קיל, געשפּירט דאָס מאָרגן־רויט
זיך מיניען מיטן רויט פון לייב צעשמאַרצטן, און געלאָזן זיך
פאַרוויגן, איינזינגען צו רו. ביז איך האָב מיט מאָרגן־גלי
דערשפּירט אויף בליקן זייטיקע און צווישן אויגן־שפּאַרעס
דערזען: מיין ווייב און קינד און ברידער און געליבטע —
די אַלע מייניקע אין לייב דורך ווייען פון געבורט
און אַלע מייניקע דורך טיילן לייב מיט מיר —
זיי שטייען ביי דער זייט און זעען מיך מיט גאָר מיין כנופיה . . .
ווי רויט עס איז געוועזן די זון פון אונטער ערד אַרויס,
איז רויטער נאָך און גרעסער אויפגעגאַנגען איבער מיר
די שאַנד: פאַר זיך און פאַר די אויסגעטיילטע פון מיין לייב,
און פאַר די נאָענטע אויגן, און פאַר מענטש, דער בריאה מענטש,
וואָס כ'האָב זיין בלוט אַזוי אַנטבלויזט אין מאָרגן־גלי . . .

נאָר קיינער האָט זיך נישט גערירט און נישט געוואוסט פון שאַנד
וואָס טאָן מיט זיך אָדער מיט מיר.

די זון האָט זיך געהויבן,
עס האָבן זיך דערהערט פון ווייטן טריט פון דורכגייער,
און די, וואָס האָט געהאַט אַ קינד מיט מיר, האָט צווישן ציין
אַ זאָג געטאָן צו מיינע טרעגער: — טראָגט אים אָפּ אין שטוב!
זיי האָבן מיך ארייגגעטראָגן, אויסגעצויגן אויפן דיל
און איינציקווייז גענומען זיך צוריק אַריינשאַרן אין מיר:
דער זקן און דער ייגגל, דער בעל־תאווה און דער פרוש,
דער רמאי און דער אמת־גזלן, דער צעשטערער און דער פרידן־לעכצער —
און נאָך זיי אַלעמען, דער לעצטער איז אריין צוריק
אויך דער, וואָס מיטן חלף, און איך בין געבליבן ליגן
אַליין און ווידער גאַנץ און נאַקעט אויפן מיטן שטוב.

און די, וואָס האָט געהאַט אַ קינד מיט מיר, איז צוגעקומען
און צוגעדעקט מיין נאַקעטקייט און איז אַרויס פון שטוב.

.1929

אַבו־עדין

אַבו־עדין איז געפאָרן צו זיין כלה
מיט פריינט און דינער — אַ לאַנגער קאַראַוואַן,
און דער וועג איז געלעגן איבער בערג און טאָלן
און פעלזיקע סטעזשקעס, די ברייט אַ שפּאַן.

זיינען זיי געקומען צו אַ באַרג אַ הויכן,
און אונטערן באַרג — אַ פינצטערע הייל.
און די הייל פלעגן אַלע דורכגייער וויכן,
וויל מ׳האָט ווּיסטע שרעקן פון איר דערציילט.

איז אַבו־עדין אַראָפּ פון זיין זאָטל
און געזאָגט: ער וויל צו די שרעקן גיין.
געזאָגט — און די שוועל אַריבערגעטראָטן
און פאַרזונקען אין פינצטער אַזוי ווי אַ שטיין.

זיינען פריינט און דינער געבליבן פאַרבליפטע,
אָבער נאָכגיין אים זיך נישט דערוועגט,
און מיט תפילות און פסוקים פון הייליקע שריפטן
געזוכט צו פאַרטרייבן פון זיך די שרעק.

די זון איז שוין הינטער בערג פֿאַרשוואונדן
ווען ער איז אַרויס פֿון דער הייל צוריק —
אין פּאַסן און קויט, און דאָס לייב אין וואונדן,
נאָר די אויגן צעגליט אַזוי ווי פֿון גליק.

האָבן זיי אים דאָס לייב געוואַשן מיט אוילן
און אין פֿרישע קליידער אָנגעקליידט,
און אַז דאָס פּעטס פֿון לאָם האָט געזאָטן אויף קוילן,
האָט ער געעפֿנט דאָס מויל מיט רייד:

— איך האָב נישט געציילט די שרצים און שלאַנגען,
וואָס האָבן געריסן מיינע טריט,
ווייל אַ ליכט איז אין חושך אויפֿגעגאַנגען
און האָט מיר פֿון יעדן ווינקל געגליט.

האָט איינער געזאָגט: — ס'איז דאָ אַזאַ חיה
מיט אַן איינציקן אויג, ווי אַ ליכט אין אַ הויז,
און זי ליגט אין די נעכט אויף מענטשן פּאַרטאַיעט
און פֿאַנגט זיי און זויגט דאָס בלוט פֿון זיי אויס.

האָט אַבו־עדין געלאַכט: — נישט קיין חיה —
אַן אַנדער פֿלעמל אין פֿינצטער ברענט,
און ווי עס זאָל זיך אויף מיר נישט פּאַרטאַיען —
עס וועט נישט אַנטרינען פֿון מיינע הענט.

— צו וואָס דאַרפֿסטו זוכן אין הייל אַ פֿלעמל,
וואָס האָט זיך דיר אפשר נאָר אויסגעדאַכט,
ווען אַ זון און לבנה שיינען אין הימל
און מיט ליכטיקע שטערן איז פֿול די נאַכט?

— איך קען שוין די זון, איך קען די לבנה,
און פֿון די שטערן איז מיר קלאָר דער זין.
איצט וויל איך דאָס פֿלעמל אין פֿינצטער דערקאָנען —
האָט געענטפֿערט אַבו־עדין.

ביינאַכט האָט די הייל גערוישט און געפֿינקלט
און געיאָמערט פֿון טיף מיט געוואָרגענעם קלאַג,
און באַגינען האָט יעדן פֿאַרכאַפּט אין זיין ווינקל
מיט ווילדע אויגן אַנטקעגן דעם טאָג.

אַז די זון האָט די שרעקן פֿון נאַכט צעטריבן,
איז אַבו־עדין ווידער אַוועק אין הייל,

און מ׳האָט ווידער דערנאָך זיין לייב געריבן
און די קויטיקע וואונדן מיט זאַלבן געהיילט.

און ער האָט געזאָגט: — נאָך אַ שפּאַן אײַנגאַנצן,
און איך וואָלט שוין געווען דערביי.
עס מעג ווי אַ שד פאַר די אויגן מיר טאַנצן,
און איך וועל עס פאַנגען סיי ווי סיי.

נאָר צום דריטן מאָל אַז ער איז געגאַנגען,
האָט מען שעהן געוואַרט ביי דער פינצטערער טיר,
און אים קוים דערקענט ווען נאָך שעהן לאַנגע
איז ער אַרויסגעקראָכן אויף אַלע פיר.

אַז מ׳האָט אים באַנעצט די פאַרשרפעטע ליפּן,
האָט ער די אויגן אויפגעמאַכט
און דורך פאַרשצימעטע ציינער געשיפּעט:
— כ׳האָב אַליין מיט מיין אָטעם עס אומגעבראַכט.

— אַ פלאַם, וואָס לעבט, ווערט פון אָטעם שטאַרקער
און צעפלאַקערט זיך העל, ווי אַ טרוקענער קין.
אַ פלעמל, וואָס לאָזט זיך פון אָטעם וואַרגן
איז נאָר אַ חלום, אַבור־עדין.

איצט איז דיר דער בייזער חלום צערונען,
און האָסט שוין דעם וויסטן אמת אַנטפּלעקט.
הייל אויס דיין לייב פון די ריסן און וואונדן
און לאָמיר זיך לאָזן ווייטער אין וועג.

אַז אַבור־עדין האָט געקראָגן דאָס לשון,
האָט ער געזאָגט צו זיינע פריינט:
— דאָס ליכט, וואָס איך האָב מיט מיין אָטעם פאַרלאָשן,
האָט הינטער מיר ווידער אויפגעשיינט.

צו שטאַרק איז געווען מיין אָטעם, דער הייסער,
פאַר דעם, וואָס לעבט ביים פינצטער אין קלעם.
איצט וואַרט עס אויף מיר, איך זאָל קומען דערלייזן
און בענקט נאָך מיר, ווי איך בענק נאָך דעם.

טראָגט אָפּ צו מיין כלה די קליידער און צירונג
און שענקט איר דאָס שענסטע פון קאַראַוואַן;
אַבור־עדין האָט געלאָזט זיך פאַרפירן,
זאָל אַללאַ זי באַגליקן מיט אַ ווירדיקן מאַן. —

האָבן די פריינט און דינער זיך אויפגעהויבן
און זיינען אַוועק צו טאָן זיין באַפעל,
און ער האָט געזען ווי די זאַמדיקע שטויבן
שוועבן אַלץ ווייטער אַוועק פון זיין שוועל.

פאַרשוואונדן אין שטויב דער לעצטער קעמל,
און ער בלייבט אַליין ביי דער פינצטערניש,
און עס דאַכט זיך אים — ער זעט דאָס פלעמל,
און עס דאַכט זיך אים — ער זעט עס נישט.

קאַראַוואַנען גייען — קעמלען און אייזלען.
ווער ס'גייט אים פאַרביי — טרייסלט אָפּ די שיך.
און ער זיצט און וואַרט, עס זאָל זיך באַווייזן
דאָס פלעמל ביים שוועל און אים רופן צו זיך.

ער וואַרט — און ווי פון דער סטרונע, דער דינסטער,
ציטערט אַ קול אים אין אויער אַריין:
— איז מיין אויג ניט שוואַרצער ווי פון הייל דער פינצטער?
שפילט דאָס פלעמל מער ווי מיין אויגנשיין?

אַבו־עדין דערזעט זיין כלה.
איר פנים פאַרהילט, נאָר די אויגן פריי,
און מיט איר — זיינע פריינט און דינער אַלע
רינגלען אים אַרום געטריי.

ער קוקט אין איר אויג, און ס'ווערט בלייכער, ווייסער
דאָס פנים זיינס, פון פיין צעקרימט,
ווי עקדישן זאָלן דאָס לייב זיינס רייסן
און שלאַנגען שטעכן די גיפטן אין אים.

עס קוקן צעשראָקענע פריינט און דינער,
און ס'בעט זיך אין גרויל די יונגע פרוי:
— וואָס האָסטו געקענט אין מיין אויג געפינען,
אַז דיין פנים זאָל שרייען פון פיין אַזוי?

— דיין אויג איז שוואַרצער ווי פון הייל דער פינצטער.
דיין קול ווי די דינסטע סטרונע דין,
און נעצן פון פלעמלעך מיט די אויגן שפינסטו —
האָט געענטפערט אַבו־עדין.

און ער האָט געזאָגט צו איר: — זיי מיר מוחל!
איך האָב נישט פאַרשטאַנען אַללאַס געבאָט:

אַז וואו כ׳וועל נישט גיין, וועט מיין אייגענער גורל
אַנטקעגן מיר ברענגען דעם זעלביקן סוד.

אַבור־עדין איז געריטן לעבן זיין כלה,
און דאָס פּנים אירס האָט אַ שלייער פאַרשטעלט,
נאָר אַז נאַכט איז אויפן קאַראַוואַן געפאַלן,
האָט ער וויינען געהערט פון איר געצעלט.

האָט ער געהערט, ווי עס יאָמערט געוואָרגן
דער חושך אין הייל אַרום פלעמל, וואָס גליט,
און ער איז געזעסן אַזוי ביז פרימאָרגן
און דעם שוועל פון זיין כלהס געצעלט געהיט.

.1929

אַלכעמיקער

היינט איז מיין טאָג פאַרגאַנגען ליכטיקער און לינדער,
ווייל כ׳האָב אַ נייע תורה אויסגעלערנט נעכטן:
איך בין געוואויר געוואָרן גלייך מיט אַלע קינדער,
אַז מענטשן טיילן זיך אויף גוטע און אויף שלעכטע.

און נאָך האָב איך מיט קינדער גלייך געלערנט,
אַז ליים איז ליים און פערל זיינען פערל.
פון שוואַרצן אייזן וועט קיין גאָלד נישט ווערן,
און ס׳ליגט אַ גאַנצער קאַרשנבוים אין קערל.

אַזאַ פאַרשטענדלעכע און אויסגעפּרואווטע תורה!
און וויפיל פיינען און ירידה זי וואָלט שפּאָרן:
אַלכעמיקער וואָלטן אומזיסט די אויגן נישט פאַרלאָרן,
און שבתי צבי וואָלט נישט געשטרויכלט איבער שרהן.

צו וואָס פון זיך דען אויסקנעטן אַ פאַנצער
אַרום אַ קויל אַן אַשיקער, וואָס טליעט אין אַ ווינקל,
ווען אין דעם שלעכטס איבער אַ וועלט אַ גאַנצער
מיליאָנען פונקען פון צוגליטע שייטערס פינקלען!

ווי וואויל די אַלע קלאָרע זאַכן וויסן
און גרינג די פיס מיט גרינגען האַרצן טראָגן!
און אַז דער רבי האָט ביז ברוינעם בלוט געשמיסן
די קלאָרע תורה מיר אין קאָפּ אַריינצושלאָגן —

איז וואס? דערפאר האב איך געהאט א טאג א גאנצן
פון חכמה, וואס דערלייזט פון אלע עולן.
א דאנק דיר, רבי ליבער, פאר די רויטע קראנצן,
מיט וועלכע האסט מיין לייב ארומגעמאלן!

האסט גוט געלערנט. נאר דער הארטער תלמיד
וועט דיר מיט זיך אליין צוריקברענגען דיין לערנען:
פון הארטן שטיין וועט קיין געבענטשטער רעגנפאל ניט
ארויסרופן צום שפראץ די פרישע קערנער.

געווען א טאג און איז פארגאנגען ווי א צויבער
און וויסן לויטערן און גרינגען שפרייזן.
און מארגן וועט דער נארישער אלכעמיקער און גלויבער
גיין ווידער שמעלצן גאלד פון שווארצן אייזן.

1929.

„ער"

האב איך דען צעבראכן מיט מיין ווילן?
האב איך דען געזוכט די פרייד פון ריס?
און אצינד, ווען כ'קען די מאטערניש ניט קילן
און עס פלאנטערן זיך ליימענע די פיס
— ביי דער שוועל פון דעם, וואס כ'האב צעבראכן
וויל איך דען נישט אפרייסן די קנאכן
און זיך אויסלייזן פון דעם, וואס כ'האב צעשטערט?
ווער זשע האלט מיך ביי דעם וויסטן קלאפטער ערד?
ווער האט אנגעפירט די האנט מיינע: צעשטער!
און געפענטעט מיך דערנאך מיטן צעשטערטן?
שלאגט זיך אן אן ענטפער: ער!
— ווער?
— ער!

גלאט א קלאנג א פוסטער — ער!
הויבט זיך אן דער „עין" אויפצעוויקלען, שטייגן —
מיטן אויג נישט צו דעגרייכן.
נעמט דער „ריש" זיין קאפ ארויפטראגן אויף צו פארבייגן
ערגעץ אין די הייכן.
בלייב איך צווישן ריזן צוויי אין א געפלעפטן שווייגן,
ווי א פראגע־צייכן.

שטיי איך און פארשטיי נישט. גארנישט.
קומט א יונגערמאן א פרעמדער, זעט ער,

ווי איך וויג זיך אַ צעטומלטער אהין און הער,
צווישן עין און דער ריש פון „ער",
זאָגט ער: — וואו איז אייער טלית, פעטער?
אַז מען וואַרפט זיך אַזוי בויגיג ווי אַ שלייען,
מורמלט מען דאָך עפּעס אויף העברעאיש.
איז צו ווענען בעט איר: צו דער לאַפּעטע פון עין,
אָדער צו דער זייל פון ריש?

זע איך,
ווי די לאַפּעטע פון עין האָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד,
און דער קאָפּ פון ריש האָט זיך פאַרלאָרן אין דער הייך.
שפּרייט איך אויס די אָרעמס און איך פיל, ווי בלייך
ס'ווערן מיינע ליפּן: — ער!
לאַכט דער פרעמדער: — ס'איז דאָך בלויז אַ וואָרט, ניט מער!

לאָז איך מיך אַרונטער אויף דער ערד
ביי דער סאַמע שוועל פון דעם, וואָס כ'האָב צעשטערט,
צי מיך אויס, און איבער מיר פוןביידע זייטן — ער.
קוקט דער פרעמדער, טוט ער זיך אַ קרים, אַ ריר,
און וויל אַוועקגיין. רוף איך אים: — קום אויך אַהער!
דאָ איז פּלאַץ גענוג פאַר יעדן איינעם.
שטשירעט ער די ציינער:
— נישט פאַר מיר!

זאָג איך אים: — און דו ווער ביסט?
איז ביי דיר אין ערגעץ נישט קיין ריס?
האָסטו קיינעם נישט געשלאָגן? איז דיין האַנט
אַזוי וואויל ביי דיר אין ווילן איינגעשפּאַנט,
און ווען ס'קומט דער ענטפער, ריזעדיק און קלאָר,
דאַרפסטו נישט, אַנטלויפסטו גאָר?
קוקט ער, דרייט ער מיט דער נאָז:
— אַט־אַ דאָס?
דאָס וואָרט?!

זאָג איך: — יאָ, דאָס וואָרט.
ווער עס האָט אַן אַנדערן געביטער,
זאָל זיך אויסציען פאַר אים אויף דר'ערד.
איך, ווען כ'ליג אַצינד אין קלעמעניש און ציטער,
ווייס איך — מיטן וואָרט האָב איך צעשטערט,
פאַרן וואָרט האָב איך געבויגן זיך אין דרייען,
מיטן וואָרט וועט קומען מיין באַפרייאונג.
אויפן דעק פון מיינע גריבער פינצטערע — דאָס וואָרט.

אויף די העלע שפּיצן פון די בערג מיינע — דאָס וואָרט.
שונא מיינער, פּייניקער, פאַררעטער — וואָרט.
העלפער מיינער, אויסלייזער און רעטער — וואָרט.

אונטער מיר אין באָדן איינגעגראָבן — ער.
איבער מיר צו זון געהויבן — ער.
וועט ער זיך אַראָפּלאָזן פון זון געלייטערט,
וועט ער זיך אַרויפהויבן מיט זאַפטן טריפיק,
וועלן מיר צוריק אַוועק צו וועלט און לייטן,
ווי אַ כשרער, אַ ריינער זיווג.
וואַרפט דער פרעמדער צו אַ לעצטן בליק פון חוזק,
און עס שיפּעט גאַל אין זיינע ווערטער ברויזיק:
— היטער, זיווג, רעטער און פאַררעטער . . .
כ'וועל אייך צושיקן אַ טלית, פעטער!

ביי דער שוועל פון דעם צעשטערטן, ווי אַ כהן
ביים מזבח שטיי איך, מורמל קוים צו הערן:
ווער עס האָט צעשטערט, וועט בויען.
וועט ער דאַרפן — וועט ער קומען און צעשטערן.
וועט ער דאַרפן — וועט ער קומען בויען ווידער. —
אָפּגעמורמלט — זעץ איך זיך צוריק אַנידער,
און אַריבער מיר, ווי פליגלען גרויסע,
שפּרייטן זיך די שאָטנס פון די ריזעדיקע אותיות:
— ער!

1928.

לאַוראַ

לאַורא

שנייעלעך טראָגן זיך, פליען אין ווינט,
טראָגט זיך מיט זיי דורך די גאַסן אַ קינד.

וואָרעם און גרויס איז איר עלטערנס הויז,
ליכטיק איז דאָרטן טאָג איין און טאָג אויס.

זי אָבער איז פון דער ליכטיקער היים
איצט אין דער שניי־נאַכט אַנטרונען געהיים.

ס׳וואוינט אירס אַ חברטע דאָרט ערגעץ ווייט —
זאָגט זי: ס׳איז יום־טוב ביי זייערע לייט.

וואָס מיינט עס: יום־טוב? און ווי איז עס דען?
זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געזען.

באַלד נאָך אַ גאַס, און אַ געסל אַריין
פאַלט אויפן שניי פון אַ פענצטער אַ שיין.

אָט שוין ביים פענצטער — וואָס זעט זיך דערין?
הייבט זיך צום באַלקן אַ נאָדל־בוים גרין,

שימערט מיט ליכטלעך און שפּילצייג און בלאַנקט.
עפּעס די מוטער די קינדער דערלאַנגט.

קינדער, אין ווייסן און ראָזן געקליידט,
שפּילן און בינדן זיך, פלעכטן אַ קייט.

גליווערט פון דרויסן דאָס קינד און זי קוקט —
קלעמט איר דאָס האַרץ, וואָס אַן׳אַקסל זיך צוקט?

שנייעלעך שווּבלען און פליען אין ווינט —
שטייט ביי אַ פענצטער אַ פרעמדן אַ קינד,

הערט נישט, ווי עמיצער עפנט אַ טיר,
נעמט זי ביים אָרעם אין וואונדער אויף איר:

— לאַורא, גאָט איז מיט דיר, דאָ אין שניי!
קום צו די קינדער און שפּיל זיך מיט זיי.

שפּאַרט זיך אין אַנגסטן דאָס קינד צו דער וואַנט,
שטיל — און זי רייסט זיך אַרויס פון דער האַנט,

רייסט זיך און יאָגט זיך אין פינצטער אַריין,
ווייטער פון שניי אין צעיום־טובטן שיין.

שנייעלעך יאָגן זיך, שווּבלען אין ווינט,
יאָגט זיך מיט זיי דורך די גאַסן אַ קינד.

דאָס הויז

אין אַ גאַס, וואו גויים וואוינען,
איז אַ גוייש הויז פאַראַנען
מיט אַ הויף און מיט אַ גאָרטן,
בלומען־טעפּ און ברייטע פענצטער,
נאָר נישט גויים וואוינען דאָרטן.

דאָרטן וואוינען זיבן קינדער:
זיבן קעפּ מיט שוואַרצע קרויזן
און פון קויל געשניצטע ברעמען.
זיבן קינדער זיבן שטיבער
אין דעם גרויסן הויז פאַרנעמען.

זיבן שטיבער און דעם גאָרטן,
וואו עס קומען זיך צוזאַמען
אַלע קינדער פון די שכנים:
אויגן העלע, און די קעפּלעך
פלאַקס און גינגאָלד איינס אין איינעם.

טונקלען זיך די שוואַרצע קרויזן
צווישן פלאַקס און צווישן גינגאָלד,
ווי די קוויטן צווישן זאַנגען:
אָפּגעפּרישט פון זעלבן רעגן
אויף איין באָדן אויפגעגאַנגען;

איז איין בוך און שול פאַר אַלע,
איז איין צייט אַהיים פאַר אַלע,
און צעשטיפּן זיי זיך אַלע
כאַפּט אַ פלאַקס־קאָפּ אָן אַ שוואַרצע
און ער זאָגט: וועסט זיין מיין כלה.

***

האָט די וואָך זעקס טעג צום לערנען
און דעם זיבעטן צום רוען.
קלינגען אַלע קירכן־גלאָקן,
בלייבן דאַן אַליין די קינדער
מיט די שוואַרץ־געקרויזטע לאָקן.

בלייבן זיי אַליין און קוקן,
ווי דאָס פלאַקס און גינגאָלד לאָזט זיך
גיין אַהין, וואו גלאָקן קלינגען,
וואו מען הערט דעם אָרגל שפּילן
און די קינדער־כאָרן זינגען.

בלײַבט מיט זײ דער טאַטע איבער,
פירט ער זײ אַרױס אין גאָרטן
און ער שפּילט מיט זײ צוזאַמען:
װערט זײ מיטן טאַטן ליבער,
װי צו בלײַבן מיט דער מאַמען.

ס'איז די מאַמע אַזאַ פרעמדע!
און װען יענע קינדער קומען,
קערט זי זיך אַװעק אַ שטילע
און װעט קײנמאָל ניט אַרױסגײן
זיך מיט זײ אין גאָרטן שפּילן.

גײט אַװעק צו זיך אין צימער,
עפנט אויף אַ בוך אַ פרעמדן,
אַזאַ פרעמדן און אַ דיקן —
און אַן אומעט יאָגט פון אירע
װײכע, טרױעריקע בליקן.

***

פון דער שול און לערן־ביכער
װערן קינדער, װי פון רײפן
פעסט־געפּאַסטע אױפגעהאַלטן,
אַז דער װײַן פון זײער ליבשאַפט
זאָל זיך אין די רײפן האַלטן.

װאַקסן אויס פון קלעם די קינדער —
װערן רײפן ענג און פּלאַצן,
און דער זיסער װײַן צעגיסט זיך,
װי ס'צעפליסט דער װײַן אין טײַכלעך,
אויך דער קינדער־װעג צעפליסט זיך.

צו זײַן הײם און שװעל קומט יעדער,
און מען זוכט פון דאָרט די שפּורן
פון די װעגן צו דערקענען,
װאו די עלטער־עלטער־זײדעס
דור נאָך דור געגאַנגען זײַנען.

זײַנען אַלטע אַלע שװעלן,
און מיט אַלט־באַקאַנטע װערטער
איז דער װעג פון זײ פאַרשריבן.
נײ און נאַקעט אָן אַ צײכן
איז דער װעג בלויז פון די זיבן.

בלאָנדזשען אום אַליין די זיבן
פון דעם שוועל צום שטילן גאָרטן —
אפשר האָט אין גרינע גראָזן
ווער עס איז אַמאָל אַ צייכן
פון אַ וועג פאַר זיי געלאָזן . . .

שטאַרבט דער פאָטער — קומען פרעמדע,
און מיט גלייכגילטיקע בליקן
וויקלען זיי זיין לייב אין ווייסן,
און מיט שטומע ווערטער הייסט מען
מיט אַ ריס די לאַצן רייסן.

וואָס און ווער זיינען די פרעמדע ?
וואָס און ווער זיינען די מתים,
וואָס באַוואַכט פון גרויע שטיינער,
אומפאַרשטענדלעך־אויסגעקריצטע
נעמען אויף דעם טאַטנס ביינער ?

דאַכט זיך, אַז פון פעלד און קברים
קומען מיט צוריק די שאָטנס,
בלאָנדזשען אום אין הויז אין טרויער
און מיט זיי דער מאַמעס קלאָגן
נאָגן, בויערן דאָס אויער.

פרעמד און קאַלט און אומפאַרשטענדלעך,
ווי עס וואָלטן קאַלטע ווינטן
גאָר די היימישקייט פאַריאָגן.
וואָלט ער שוין, דער ווינט, אינגאַנצן
ערגעץ־וואו אַוועקגעטראָגן !

ווי די ווייטע ווינטן, יאָגן
אויף דער טריקעניש די באַנען
און די שיפן אויף די ימען —
וועלן זיי די קינדער נעמען
און פאַרטראָגן פון דער מאַמען.

וואו עס קען אַ באַן דערגרייכן,
וואו עס קען אַ שיף דערשלאָגן,

וואו עס קען אַ ווינט פאַרבלאָזן —
אומעטום האָבן די זיבן
זייער וואָגל־שפור געלאָזן.

ווער ס'האָט איבער ווייטע ימען
אויסגעגעסט פאַר זיך אַ ווינקל,
איז אין רו זיך איינגעזעסן
און די שפּראַך פון הויז און גאָרטן
אין דער נייער היים פאַרגעסן.

ווער ס'קען אין דער פרעמד נישט נעסטן,
האָט אין וואַנדערן דורך יאָרן
יעדן וואונטש צו היים פאַרלאָרן
און ער וואָגלט דורך די יאָרן,
ווי אַ שטיין וואָלט אים געבאָרן.

טראָגט זיך יעדער ווייט, אַלייניק
איבער טייכן, איבער ימען,
ווי אַ שיפל אָן אַ רודער —
ווי נישט קיינעמס קינד און שוועסטער,
ווי נישט קיינעמס זון און ברודער.

שוועסטער, ברידער, זין און טעכטער
פאַר אַן אַלטער מאַמען אָבער
ערגעץ אין דער פרעמד פאַרטריבן,
וואָס באַווייַנט אין גראָען עלנט
אירע לעבעדיקע זיבן.

דאָך איינמאָל...

דאָך איינמאָל דערוויסט מען זיך, וואו מען געהערט.
אַזוי ווי ס'קומט מאָגנען איר אָטעם די ערד —
אַזוי קומט דער שטאַם אין דער רעכטער מינוט
צו מאָנען צוריק דאָס געשאָנקענע בלוט.
און מעגסטו זיך טורימער האָבן געבויט,
צום אייגענעם זאַמד וועט דיך ברענגען דער טויט.

פאַרענדער דאָס פּנים, פאַרשטעל דאָס געשטאַלט,
פאַרמיאוס דיין לשון, דיין נאָמען באַהאַלט,
פאַרלייקן דעם טאַטן, זיין גאָט און געבאָט —
עס קומט צום בית־עלמין — און אויס איז דער סוד.

און זאָל זיין פון שטאָל דיין באַהעלט'ניש געבויט,
צעשטערט עס און ווייזט דיך אַ הוילן דער טויט.

מעגסט וואַנדערן יאָרן וועלט איין און וועלט אויס —
דאָך ווען עס איז מוזסטו באַוואוינען אַ הויז,
אַ הויז, וואו באַשיצט און געזיכערט אין רו
זאָל דיר דיינס געהערן און דו זאָלסט זיין דו.
און האָסטו ביים לעבן קיין הויז נישט געבויט —
צו אייגענער היים וועט דיך ברענגען דער טויט.

דאָס ליד פון די יתומים

וואו איז אונדזער טאַטנס היים?
— אין אַ קאַלטער גרוב פון ליים.
ווער איז אונדזער טאַטנס פאָלק?
— מתים — זיי זיינען זיין פאָלק.

האָט געוואַנדערט אויף דער ערד
און צו קיינעם נישט געהערט:
די, וואָס קענען זיינע זיין,
שלינגט זיי דער בית־עלמין איין.

אָפן איז פאַר אונדז די טיר.
ערגעץ וואו דאָך גייען מיר,
מיר, וואָס זיינען קיינעמס נישט
און געהערן ערגעץ נישט.

מיר, וואָס האָבן נישט קיין לאַנד
און מיט קיינעם נישט פאַרוואַנדט —
ווערן מיר דאָך אויף דער ערד
מיט איר לופט און ברויט גענערט.

ווי ס'איז אירס דאָס גראָז און בוים
און דער פויגל אינעם רוים —
גיבן מיר זיך איר אַוועק
אויף דעם לעבנס וואָגל־וועג.

זאָל זי טראָגן וואו זי וויל,
אויב ס'איז נישט באַשערט קיין ציל,
אויב סאיז נישט באַשטימט קיין וועג,
האָט דאָך וואו די ערד אַ ברעג.

האָט זי דאָך נאָך קאַלטן ליים
אויסצובעטן אונדז אַ היים,
מיטן טאַטנס פאָלק, וואָס רוט,
איינצושטילן אונדז דאָס בלוט.

צו לאָראַן

צי איז דען דאָ אַ לאַנד, וואָס דו האָסט נישט באַטראָטן?
צי איז דען דאָ אַ פאָלק, וואָס דו האָסט נישט דערקענט?
אויף אַלע ברייטע וועגן וואַנדערט אום דיין שאָטן
און ס'טראָגט אַרום דעם אַש פון דעם, וואָס דו האָסט פאַרברענט.

האָסט פאַר דעם פאַרבן־שפּיל צו זעטיקן די אויגן
דאָס העלע ליכט פון זיי צו ביסלעך אויסגעטיילט.
ס'האָט יעדער דאָרן־בלום דיין שיינקייט אויסגעזויגן,
און יעדער פרעמדער שטראָם דיין יוגנט אָפּגעשיילט.

דו האָסט אין בלינדער דורשט געוואָלט אַ וועלט פאַרצערן.
האָט זי דעם דורשט פון דיר צו ביסלעך אויסגעטרונקען
און פרעמד געלאָזן דיך צו איר און זיך אַליין.
אַזוי פאַרטיילט זיין ליכט אַ וואַנדערנדיקער שטערן,
ביז בלייך און איבעריק ווערט ער אין נאַכט פאַרזונקען
און פאַלט אין תהום אַריין, אַ קאַלטער, טויטער שטיין.

צו דעם...

צו דעם האָט עס מיט יאָרן הונדערטער צוריק
אַ מזרח־פאָלק פאַרלאָזן זיינע בערג
און אויסגעוואַנדערט אין דער פרעמדער קעלט, —
אַז דו זאָלסט אין דער קילער צפון־וויג
אַ מזרח־טאָכטער קומען אויף דער וועלט,
מיט אויגן סאַמעט־שוואַרץ, און הויט, פאַרברוינט פון זון,
און בלענדן מיט דער שיינקייט פון די הייסע בערג,
נישט ווויסנדיק דערפון?

צו דעם האָט עס דורך צייטן בלוטנדיק,
אַ פאָלק די קינדער אויסגעוויגט אין פּיין
און אָנגעזויגט מיט ביטערניש פון גאַל, —
אַז אומעט זאָל פאַרוואָלקענען דיין בליק,
און שאָטנס זאָלן איינהילן דעם שיין

פון שיינקייט, ווי ס׳הילט איין אַ מזרח־שאַל,
און דו זאָלסט צויבערן מיט אונדזער צער, וואָס שטומט,
נישט וויסנדיק, פון וואַנען ס׳קומט?

צו דעם האָבן עס מאַמעס דורות־לאַנג אין קלעם
די טעכטער זייערע געשטיקט, און כשר־פרום
ביים שוועל נאָך זייער יוגנט אָפּגעמעקט, —
אַז דו זאָלסט שעמעוודיק אַראָפּלאָזן די ברעם,
און רייצנדיק די לוסט, וואָס ד׳האָסט דערוועקט,
אַליין זיך שיצן מיטן צוים פון יענעם קלעם,
נישט ווייסנדיק פון דעם?

נישט ווייסנדיק, אַז אַלץ, וואָס אין דיר ברענט,
איז פון די פייערן געוואָרן אויפגעשאַרט
דורך דורות פרעמדע הענט,
וואָס האָבן אויף אַ שכר דערפאַר געוואַרט.
אַז פון דיין שטילן טראָט און ביז דיין אויגנשיין
איז גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט דיין,
נאָר האָב און גוטס פאַרשוועגדט
פון די, וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געקענט.

זיי קענען קומען דאָך, אַ דורות־לאַנגע קייט
פון קינד און עלטערן, פון טויט און לעבעדיק,
פון לאַנד וואו זון גייט אויף ביז לאַנד וואו זון פאַרגייט,
און קומען איינמאָנען דאָס זייערע צוריק.
און אויב זיי קומען נישט — קום איך אַליין און מאָן:
וואו האָסטו אונדזער אלעמענס ירושה הינגעטאָן?

דער גורל

דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.
פאַרטיק זיין יעדערן יעדע מינוט
אָפּגעבן אַלץ פונעם קאָפּ ביז די שיך
און ביזן יורש וואָס קומט פון דיין דיך.
ביימער פאַרפלאַנצן מיט שאָטנס און פרוכט —
שויך פאַר אַ פיינט, וואָס באַהעלטעניש זוכט,
שלעפּן, צונויפקלעפּן ציגל און שטיין,
בויען אין שוויס, כדי אין מידקייט צו גיין
זוכן אַ ווינקל, וואו וואַנדער־בלוט רוט —
דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.

זיינען די עלטערע קלוג און געשייט,
זאָגן זיי: אַלץ, ווי אַ שאָטן, פאַרמיידט.
זאָגן: ס'איז נאָר איבער נאַכט אַ געצעלט
איידער מען קומט אויף דער אמתער וועלט.
וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
ליגן פאַרגראָבן אין שטויב, ווי אַ שטיין.
זאָלן דיך אָנטרעטן פעסטער די פיס —
גרעסער וועט ווערן דער אָפּצאָל און זיס.
שטאַרקער די קלעפּ — איז אַלץ ליבער די רוט —
דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.

נאַרישע קינדער באַגרייפן עס ניט.
מיינען — פאַר זיי האָט דער מאָרגן, וואָס גליט
ווייט און אומענדלעך די הימלען פאַרשפּרייט.
זוכן זיי דאָרט, וואו זיי האָבן פאַרזייט,
אויפזאַמלען שפּעטער דאָס זעטיקע גאָלד,
מיינען — עס קומט זיי פאַר מי דאָס געצאָלט
גלייך ווי זיי וואָלטן פאַר זיך זיך געמיט.
נאַרישע קינדער — באַגרייפן זיי ניט:
לייד איז דער אָפּצאָל פאַר דעם, וואָס מען טוט —
דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.

ליידן און מי איז דער אָפּצאָל פאַר מי.
ווילסטו ניט נידריקער בויגן די קני,
ברעכט זיי נאָך שווערער צום באָדן די לאַסט,
שווערער וואָס מערער די לאַסט איז געהאַסט.
ווערט מען צעקרישלט פון אייגענעם סם
גלייך ווי די שטיינדלעך אין זאַלץ פונעם ים,
ווערט מען צעמאָלן, ווי זאַמד אויפן ברעג,
ביז עס פאַרטראָגט אינעם אומרו אַוועק
דעם, וואָס האָט קיינמאָל אין זיך נישט גערוט —
דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.

אַז מען קען ניט צאָלן...

אַז מען קען נישט צאָלן
פאַר די קלעפּ דעם שונא
מיט קיין קלעפּ צוריק, —
טוט מען גריבער־פאַסטקעס
אויף זיין וועג פאַרציען
מיט אַ נעץ פון שטריק.

אַז מען ווערט פֿאַרהפֿקרט
מיטן לייב און לעבן,
אַן אַ שאָטן שוץ
זוכט מען הינטער־וועגן
צו די פֿרעמדע טירן
און צו יענעמס גוטס.

ביי די הינטער־טירן
ווערט דאָס קוקן קעציש
און דאָס טרעטן שטיל,
און די כיטרע אויגן
אין דער פֿינצטער פֿירן
צו דעם שווינדל־ציל.

קרום און שטיל און גנביש.
און ווען ס'כאַפּט דער שונא
קריצט מען איין די ציין,
און מען לאָזט די קינדער
שטיל און אונטערטעניק
אים צו דינען גיין.

וואָס דער טאַטע דרויסן
וועט נישט פֿאַנגען קענען
מיט זיין כיטרען בליק,
וועט דאָס קינד פֿאַרציען
אין די טרייהייט־נעצן
מיט נקמה־שטריק.

און אויב טריי איז ווייניק,
וועט עס קינדער האָבן
אויף דעם שונאס בעט,
און דעם גיפֿט פֿאַרזייען,
וואָס דורך דור און דורות
אים פֿאַרסמען וועט.

אַז מען קען ניט צאָלן
פֿאַר די קלעפּ דעם שונא
לויטן קלאַפּ־געזעץ, —
טוט מען גריבער גראָבן
און פֿאַרציען נעצן
ביז ער פֿאַלט אין נעץ.

אין האָטעלן

אין האָטעלן לעבן זיי.
פרעג: פאַרוואָס? — פאַרטייטשן זיי:
—אונדזער איז די גאַנצע וועלט.
בויט מען ערגעץ קיין געצעלט,
וואַנדערט מען פון לאַנד אין לאַנד,
וואו ס'האָט נאָר אַ מענטשנס האַנט
שטעט און וועגן אויפגעבויט,
שפּייזט מען זיך מיט פרעמדן ברויט,
טרינקט מען פון דעם פרעמדן וויין
ביז אין צווייטן לאַנד אַריין.

ס'ווערט פון פרעמדע הענט געבעט
צום געלעגער זיי דאָס בעט.
ווער עס טיילט דאָס בעט מיט זיי,
איז פון נעכטן נישט מיט זיי,
און וועט מאָרגן אויך נישט זיין.
נאָר ביים פרעמדן טיש און וויין
קויפט מען זיך די ליבע איין
פאַר אַ ווייל און פאַר אַ שעה
נעכטן דאָרט און מאָרגן דאָ.

ריידן זיי אויף יעדער שפּראַך,
האַנדלען זיי מיט יעדער זאַך.
וואו אַ מאַרק און אַ געשריי —
אומעטום איז פול מיט זיי.
וואָס געקויפט — איז נישט פאַר זיך,
נאָר פאַרהאַנדלט, און אויף גיך,
ביז די שיין פון טאָג פאַרגייט
איז אַנ'אַנדער האַנדל גרייט.

בלייבט מען מיד וואו אויף אַנ'אָרט,
נעמט מען זיך אַ ווייב פון דאָרט.
ביז עס וויינט אַרויס אַ קינד
יאָגט מען ווייטער מיטן ווינט
ערגעץ וואו פאַר טויזנט מייל
אויף א נייער קורצער ווייל.
רעדט דאָס קינד אַרויס אַ וואָרט
אויף דער שפּראַך פון יענעם אָרט,
ווייסט מען נישט, אויב מאָרגן וועט

זיין די זעלבע שפּראַך גערעדט.
גייט עס מיט ביים טאַטנס האַנט:
ערגעץ נישט אין טאַטנס לאַנד,
ערגעץ נישט דעם טאַטנס דאַך,
ערגעץ נישט דעם טאַטנס שפּראַך.

טרעפט דער טויט זיי, פרי צי שפּעט,
ערגעץ אויף אַ פרעמדער בעט.
נישט די זיידעס רוען דאָ,
נישט דאָס קינד וועט ליגן דאָ.
ווערט פאַר זיי דער טויטער שוועל,
ווי אַ צימער אין האָטעל.
בלייבט אַליין דאָס קאַלטע ביין
אונטער דעם געקריצטן שטיין.
קיינער וועט צו אים נישט גיין
פרעגן: ווער איז דאָס געווען?
ווער עס האָט אַ היים, פאַרגעסט
פון האָטעל די פרעמדע געסט,
און דער הויך פון זיי פאַרשווינדט
מיטן רויך און מיטן ווינט.

בלעטער פאַלן

בלעטער פאַלן, מידע פאַלן,
וואַקלען זיך אין בלאַסע שטראַלן,
ציטערן אין קילע ווינטן
און אין גראָער וויט פאַרשווינדן.

גראָער — ווייטער, פריער — שפּעטער
וועלן נאָכגעבן די בלעטער
און פאַרפלאָנטערן זיך לייכטער
אין דער ווינט-כוואַליע, דער פייכטער.

וועלן אויסגיין מיט אַ ציטער
אין דעם ביטערן געוויטער
און די ערד מיט געל באַפלעקן,
ביז דער שניי וועט זיי פאַרדעקן.

בלעטער פאַלן, מידע פאַלן,
וואַקלען זיך אין בלאַסע שטראַלן,
ציטערן אין קילע ווינטן
און אין גראָער וויט פאַרשווינדן.

ווער זי איז...

ס'איז אַלץ איינס, ווער זי איז: דיינס אַ שוועסטער, אַ ווייב,
צי די פרוי, וואָס דו קלאַפּסט אין דער נאַכט אין איר טיר,
צי דיין אייגענע טאָכטער, דאָס לייב פון דיין לייב —
ס'קומט אַ טאָג, און זי איז נאָר אַ שוועסטער פאַר דיר.

יעדע איינע פון זיי — זאָל זי זיין ווער זי איז —
גייט דער אומגליק איר נאָך מיט פאַרביסענע ציין,
שפּירט זי נאָך, לויערט נאָך, ביז ער וואַרפט פון די פיס —
אויב נישט נעכטן און היינט, וועט עס מאָרגן געשען.

יעדע איינע פון זיי טראָגט די זינד אין איר שויס.
טראָגט די זינד פון איר טאַטן, איר מאַן און איר קינד.
און באַהאַלטן פון איר, צו דעם אומגליק אַרויס
קוקט די זינד, און זי וואַרט און זי גאַרט צו אים בלינד.

און זאָל זיין, אַז דיין טראָט איז נאָך פעסט אויף דער ערד,
ווּעסטו אויך נישט אַנטרינען פון אייגענעם בלוט.
ס'איז דיר אויך נאָר דאָס אייביקע וואָגלען באַשערט,
און ס'וועט קומען צו דיר אין דער רעכטער מינוט.

ס'איז דאָס וואָגלעריש בלוט און דער אומרו, וואָס יאָגט.
און זאָל זיין, אַז נישט דו האָסט דיין אומרו פאַרזייט,
ווייס נישט קיינער דעם קוואַל פון דער זינד, וואָס ער טראָגט,
ווייס נישט קיינער, ווער ס'האָט אים זיין שאָטן פאַרשפּרייט.

ס'איז דיין שוועסטער אין לייד — נעם זי אָן ביי דער האַנט,
גיי מיט איר, און ווען ס'שטרויכלט איר פוס — דעמאָלט זאָג:
ס'האָט דאָ עמעץ אין טאָלן צעגראָבן דאָס לאַנד,
ס'האָט דאָ עמעץ מיט וואָלקנס פאַרשאָטנט דעם טאָג.

דו ביסט רייך

דו ביסט רייך.
הינטער דיר שטייען שלעסער געמויערטע
איבער קעלערס, געגראָבן אין דר'ערד.
וועגט מיט רייכטימער אַלטע באַהאַנגענע
און די דילן מיט אוצרות באַשווערט:
פּורפּור־מאַנטלען פון קיניג און קיניגין,

דיאַדעמען און קרוינען געשניצט,
פון פרינצעסינס די פּערל און פּאַנצער־גאָלד,
וואָס האָט ברוסטן פון פרינצן געשיצט,
שווערט און שוץ פון די ריטערשע וואוינונגען,
זייער גאָלדן און זילבער־געשיר —
אין די שלעסער און קעלערס געמויערטע
אַלע רייכקייטן וואַרטן אויף דיר.

נישט געוואוסט?
האָסט געמיינט, אַז אינגאַנצן אַ נאַקעטע,
אָן אַ ווינקל און היימישן שטיין,
וועסטו וואָגלען אויף לעבן אָן עלנטע,
ווי דער טאַטע געלאָזט האָט דיך גיין?
אויב דער טאַטע געלאָזט האָט דיך עלנט גיין,
האָבן זיידעס פאַר דיר זיך געמיט,
האָבן אוצרות געזאַמלט, און דורות־לאַנג,
דורות־לאַנג זיי פאַר דיר אָפּגעהיט.
דאַרטן וואַרטן די שוועלן פון היימלעכקייט —
נעם דיין עלנט און טראָג אים אַהין,
און אין שוץ פון באַפּעסטיקטן פרינצן־בלוט
דיינע היימישע שוועלן געפין.

וואו צו גיין?
ס׳האָט דיין פאָטער אין הויז צו דיין אייגן היים
דיר צו ווייזן די וועגן פאַרפעלט,
האָבן זיידעס געמיט זיך — אַנ׳אַנדערן
דיך צו פירן ביים אָרעם דערוויילט.
האָט מען מיך אויף די וועגן אַרויסגעפירט
און די היילן געהיימע אַנטפּלעקט,
וואו די שליסלען צו שלעסער און רייכטימער
האָבן יאָרן מיט סודות פאַרדעקט.
איבער וועגן פון צייט וועל איך פירן דיך
אינעם קיניגרייך דיינעם אַריין,
און אויב ס׳פליסט אין דיר בלוט פון אַ קיניגין,
וועסטו דאַרטן אַ קיניגין זיין.

ווילסטו זיין —

ווילסטו זיין אַ פּאַסטעך־קינד,
פּיטערן די לעמעלעך
אויף דיין טאַטנס פעלד,

און מיט לאָגלען וואַסער פול
מיך ביים שוועל באַגעגענען
פון דיין ווייס געצעלט —
וועל איך פאַר אַ סטאַדע שאָף
דיך ביים טאָטן אָפּקויפן,
פייפלעך טראָגן דיר.

ווילסטו זיין אַ קיניגין,
דיינע גלידער לויטערן
מיטן בשמים־זאַלב,
און דיין קלייד, פון גאָלד געשטריקט,
זאָלן שקלאַפּן אויספּאַלבן,
יעדער שקלאַף אַ פּאַלב, —
וועל איך אין באַגינען־טוי
שענקען דיר אַ קיניגרייך,
ליבע ברענגען דיר.

ווילסטו זיין אַ הייליקע,
וואַרטן אויף דיין אונטערגאַנג
ביי אַ קעלער־וואַנט,
און אין שטילער זעליקייט
אָפּגעבן דיין האָפענונג
אינעם תליונס האַנט, —
וועל איך אינעם פייער פלאַם
דיר צופוסנס אומקומען
און פאַרגיין מיט דיר.

ווילסטו זיין אַ בעטערין,
זיך גאָטספאַרכטיק אָפּשיידן
מיט דיין מאַן און וואַלד,
ביז עס וועט זיין הייליקייט
פאַר דער וועלט זיך אויפדעקן
אין זיין ווייס געשטאַלט, —
וועל איך זיין אַ מליץ דיר,
צוגרייטן אַ פאַטער־שטול
און אַ קרוין פאַר דיר.

פאַסטעך־קינד און קיניגין,
הייליקע און בעטערין
אין צדיקים־שטול,
לעבנדיק און שטאַרבנדיק,

ווייבעריש און מוטערלעך,
לייד און ליבע־פול, —
אַלע וועגן אויסגעשפּרייט,
אַלע טירן אויפגעפּראַלט
עפן איך פאַר דיר.

ווי פרעמד...

ווי פרעמד פאַר דיר עס קלינגען מיינע רייד!
אַזוי ווי פון דער וועלט און מענטשן אָפּגעשיידט
וואָלט איך זיך ווי אַ בינע־העלד
אין מיטן גאַס אַוועקגעשטעלט
און אויף אַנ'אַלטער און באַפּרענזלטער גיטאַר
גענומען צימבלען אַ ראָמאַנטישן געזאַנג,
וואָס איז מיט מאָך באַוואָקסן שוין פון לאַנג,
און מאַכן זיך פאַר לייט און זיך צום נאַר.

און אויב דו ווילסט באַהאַנדלען מיך מיט גנאָד,
באַשיצסטו זיך מיט גאָר דיין מענטשלעכן געדולד
און טראַכסט: עס איז נישט דעם פאַרליבטנס שולד
אַזוי באַשטראָפט צו זיין פון גאָט
מיט אויגן חלומדיקע, קינדער־שוואונג
און שיינע רייד וואָס פאַלן פון דער צונג.
אָט זאָל ער ווייטער זינגען, קלינגענדיק און זיס —
וואָס וויס ער דען, וואָס ביטער לעבן איז!

כ'האָב פאַרגעסן

כ'האָב פאַרגעסן, אַז פון פרעמדקייט
אין דיין היים צו גיין
איז קיין אַנדער וועג נישטאָ,
ווי דורך דיר אַליין.

אַז צום צויבערדיקן נעכטן,
וואָס פון ווייטן שיינט,
מוז מען מיט אַ שליסל גיין
דורך דער טיר פון היינט.

האָט מען היימען אין די טאָלן
זיך געבויט אַמאָל:

וואָס צום צויבער־נעכטן פירט
איז דער ענגער טאָל.

זיינען דיר די אַלטע וועגן
פרעמד און אומבאַקאַנט —
מוז איך צו דיין היים אַליין
פירן דיך ביים האַנט.

אין אונדזער גאַס

גייען מיר אין אונדזער גאַס.
קומט אַ הילך אַנטקעגן.
בלייבסטו יעדע ווילע שטיין
אויפן קרייץ פון וועגן.
זאַכן אומפאַרשטענדלעכע
נעמסטו ביי מיר פרעגן.

— וואָס איז דער גערייד אַזוי
דאָ פון אַלע זייטן?
— ס'ווערן אַלע שווייגנדיק
צווישע פרעמדע לייט,
רעדט מען זיך פון האַרצן אָפּ
דאָ פאַר אַלע צייטן.

— און פאַרוואָס אַזוי פיל שטויב
פון די אַלטע זאַכן?
— מ'האָט אַמאָל די גאַס געפלעגט
אויף אַ שלאָס פאַרמאַכן,
האָט מען זיך געמוזט פון שטויב
דאָ אַ האַנדל מאַכן.

— ווער זיינען די אַלטע לייט,
עלנט אויף די ראָגן?
— מ'פלעגט אַמאָל פון טיר צו טיר
בעטלען זיי צו יאָגן,
קענען זיי קיין אַנדער ברויט
איצטער נישט פאַרטראָגן.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז
דאָרט הינטער די שטיבער?
— מ'האָט אַמאָל דעם גאָט געשטיקט

אין די קעלער־גריבער.
בויט מען אים אין הינטער־הויף
אַלץ דאָס הויז דעריבער.

— און פאַרוואָס איז פינצטער דאָ,
גליטשיק אויף די שוועלן?
— זאָל שוין זיין גענוג אַמאָל
פראַגן מיר צו שטעלן.
דאָס איז אונדזער אָרעמקייט,
גרייט מיט דעם צו דינען.
ווער עס וויל — וועט בלייבן דאָ.
און אַ היים געפינען.

א ו מ ע ט

צינדן זיך העלע חלומות
צווישן פאַראומערטע ווענט,
צאַנקען אין טונקל און ווערן
לאַנגזאַם, ווי ליכטלעך, פאַרברענט.

וואו דו וועסט ערגעץ פאַרבלאָנדזשען
איבער דער גרויס פון דער ערד —
אייביק דער זעלביקער אומעט
אייביקן עלנט באַשווערט.

וועגן פון רעגן צעשווענקטע,
הייזער פון עלטער צעקרימט,
שטיבער פאַרצאָגט, און פון ווינקלען
עלנט פאַרוואָגלטער שווימט.

קוים נאָך עס גראָט אויף באַגינען
רייבט מען די אויגן זיך אויס,
נעצט מען די הענט און מען יאָגט זיך
שנעל נאָך פרנסה אַרויס.

שפּינוועב און זשאַווערדיק אייזן,
אַלטוואַרג און עופות און גרינס . . .
שפּינוועבס — דאָס ברענגט די חיונה,
אַלטוואַרג — דאָס גרויסע געווינס.

זעקס טעג אַ וואָך מיטן האַנדל
שלעפּט מען ביז פרייטיק פאַרנאַכט.
ווערן אין שטאָל איבער שבת
האַנדל און אַלטוואַרג פאַרמאַכט, —

שלאָפט מען פון מוסף ביז מנחה
און ווען אַ שטערן גייט אויף,
ציט מען צוריק מיט אַן אומעט
ס׳וואָכעדיק מלבוש אַרויף.

יאָגט מען דעם ווינט אויף די פעלדער,
וואַרט מען ביי טירן און שוועל,
ווערט פון די ווינטן און וואַרטן
האַרט, ווי אַ לעדער, די פעל.

האַרט, ווי אַ לעדער, פאַר זאָרגן,
טרוקן, ווי ביין, פאַר דער נויט.
שלעפּט מען גלייכגילטיק דעם אומעט
ביזן גלייכגילטיקן טויט.

וואו קענען ברענען חלומות,
וואו קענען פריידן זיין העל,
ווען, ווי אַן אייביקער שאָטן,
לויערט דער אומעט ביים שוועל?

די צייט

נישט מיט קיין אָדער־פּלי יאָגט אונדזער צייט,
נישט אין קיין פּריצים־קאָטש פאָרט זי.
האָט אונדז אין זינען די וועלט פון דער ווייט —
רעשטלעך פון מאָלצייטן שפּאָרט זי.

קלייבט אונדזער צייט אירע רעשטלעך צונויף,
פּאַקט אויפן וואָגן דעם אַלטן,
וואו נאָר אַ קרעטשמע אין וועג, צי אַ הויף,
שטעלט זי זיך שבת דאָרט האַלטן.

רייסן די ייִנגלעך פון פערדל דעם עק,
שלעפּן וואָס לאָזט זיך פון וואָגן,
ביז ער דערשלעפּט זיך אַמאָל צו אַ צוועק,
האָט ער נישט וואָס צו דערטראָגן.

גרייט מען מיט רעשטלעך פון רעשטלעך דעם טיש,
רייסט זיך צו אים יעדער איינער,
שלאָגט מען זיך איבער אַן עק פון אַ פיש,
איבער אַ הויפן מיט ביינער.

מאַכט מען די ברכות מיט היץ אויפן קול,
בענטשט מען דעם הויכן מזומן.
ביז מען איז פאַרטיק מיט בענטשן אַמאָל,
דאַרף שוין אַ נייע צייט קומען.

רייך איז די וועלט און עס האָט איר געגליקט:
ס׳גיסט זיך אַריבערן שיסל.
האָט זי דערפאַר אונדז צום בענטשן געשיקט
איצטער — אַ הינעריש פיסל.

נישט מיט קיין לופט־מאַשין פליט אונדזער צייט,
נישט מיט קיין אייזנבאַן פאָרט זי.
האָט אונדז אין זינען די וועלט פון דער ווייט:
רעשטלעך פון מאָלצייטן שפּאָרט זי.

הייליקע באָבעס

I

עס האָבן די הייליקע באָבעס
די לייבער אין קליידער פאַרצויגן,
פאַרדעקט זיך די קעפּ צו די אויגן,
די אויגן פאַרגראָבן אין דר׳ערד.

עס האָבן די הייליקע באָבעס
אין תחינות גאָטספאָרכטיק פאַרזונקען,
אין כשרן וואַסער געטונקען
די לייבער צום כשרן בעט.

עס האָבן די הייליקע באָבעס
מלאכים גערופן צום האָבן
און האָבן אין קינדער פאַרגראָבן
די שרעק פאַר דער אייזערנער רוט.

עס האָבן די הייליקע באָבעס
געלאָזט אַ ירושה די קינדער.
וואו איז די ירושה אַצינדער?
אַט קוק אויפן דרויסן און זע.

II

נישט די פאַרחלומטע יונגען וואָס קלעטערן
הויך צו די הימלען דורך פינגער אין בלעטערן
דאָס, וואָס עס מאַכט זיי די הערצער צו ציטערן —
דאָס איז דער מאַן.

העגט, וואָס די פעלזיקע שטיינער צעבויערן,
שמידן די ערד מיט די שטיינערנע מויערן,
רייסן די הימלען מיט אייזערנע טורעמער —
דאָס איז דער מאַן.

באַנען, וואָס מעכטיק פון אייזן געגאָסענע,
רייסן פון בערגער די קייטן פאַרשלאָסענע,
יאָגן פון זון ביז צו ימען געפּראָרענע —
דאָס איז דער מאַן.

שיפן, וואָס וואַרפן די כוואַליעס צעמאָלענע
שניידיק און שאַרף מיט די בוזימער שטאָלענע,
ברומען און רעווען, דעם שטורם פאַרהילכנדיק —
דאָס איז דער מאַן.

קומט זיי אַנטקעגן אַ וואָגט אַ געהאַמערטע —
איז דאָס אַ ברוסט, וואָס אין אַרעמס פאַרקלאַמערטע
וועט זייער לייב אין איר פעלזיקייט איינשליסן —
דאָס איז דער מאַן.

דריקט זיי צוזאַמען די גאָס מיט די מויערן,
בלענדט זיי דאָס אויג און פאַרטויבט זיי די אויערן —
איז עס באַרוישונג פון זיסן אַרומנעמען,
דאָס איז דער מאַן.

ברענען די גאַסן מיט פייערן טויזנטער,
יאָגט עס דאָס בלוט אין די אָדערן ברויזנדער,
לאָקט עס, ווי אויגן, וואָס רופן זיי ווינקנדיק —
דאָס איז דער מאַן.

שטרויכלען זיי, קניען זיי, פאַלן געבויגענע,
לעכצנדיק דורשטיק מיט ליפּן פאַרצויגענע,
ביז עס צעמאָלט זיי אין דורשטיקן פלאַטערן —
דאָס איז דער מאַן.

III

איר באָבעס היילּיקע! אַ שרעקלעכע ירושה
האָט איר די אייניקלעך איבערגעגעבן:
פאַר אייערטוועגן אויסצולעבן
פון יאָרטויזנטער די זינד,
וואָס האָבן אייך דאָס בלוט פאַרסמט,
און איצטער שטיקן זיי די ברוסט
און רייסן זיך פון בלוטן אומגעצאַמט
פאַר אַלע יאָרטויזנטער
צו מאָנען זייער לוסט.

איר באָבעס היילּיקע! ווי האָט איר עס געקענט
אויף אייערע גאָטספאָרכטיקע נשמות
צו נעמען אַזאַ שווערע שטראָף:
פון דור אויף דור צו קלייבן אָן אַ סוף
די גלוסטונגען און דורשטן,
וואָס האָבן אייך דאָס לייב געברענט,
כדי אָנצוזאַמלען אַזאַ לאַסט פון זינד
אַלץ אויף די אַקסל פון אַ דור,
וואָס דאַרף עס אויסלעבן אַצינד?

איר באָבעס היילּיקע! אוממענטשלעך־שווער
פאַלט אויף די אַקסל אַט דער שטיין.
עס ברעכן זיך די קניען אונטער אים
און דריבנע, ברעקלדיק און קליין
אויף שטויב צעמאָלן אונטער אים
ווערט יעדער לוסט און ווילן און באַגער.
איר זינדיקע מיט זינד פון טויזנט יאָר!
ווי נישטיק און צעמאָלן ווערט אַ דור
פון אייער שרעקלעכער ירושה!

דו — דאָ

וואָס קען איך טון מיט דיר דאָ?

האָב איך אַליין דאָ קיין היים נישט געפונען,
בין איך אַ פרעמדער ביי זיך אויף דער גאַס —
איז דאָך עס מיינס, און אויב ס'פלאָגט מיך באַהאַלטן
טרויער פאַרשטיקטער און עלנטער כעס —
איז דאָך עס מיינס, און אין ליבשאַפט און האָס
בלייבט עס דאָך אייביק מיין אייגענע גאַס.

מוז איך טאָג טעגלעך מיט עלנט זיך שפּייזן,
האָב איך אַליין דאָך געגומען דעם יאָך.
האָט איך געירשנט אַ „גם זו לטובה" —
זאַלב פאַר די וואונדן פון איטלעכן בראָך,
האַלט מיך דער שטאָלץ מיטן טראָגן דעם יאָך,
האַלט מיך די טרייסט מיטן וויטן דערנאָך.

דו אָבער ביסט דאָ ביי אייגענע כלומרשט
פרעמדער ווי דאָרטן וואו אַלץ איז זיך פרעמד.
האָט עס דיר גאָרנישט צו געבן פאַר עלנט,
האַלט עס דיך בלויז אין דעם וויטיק פאַרקלעמט,
איז דאָך שוין בעסער ביי פרעמדע פאַרשעמט
איידער ביי אייגענע בלאָנקען זיך פרעמד.

וואָס קען איך טון מיט דיר דאָ?

זאָגט לאַורא:

עס מוז דאָך פּלאַצן דאָס געדולד
ארומצוטראָגן זיך טאָג־טעגלעך מיט אַ וואונד,
און וואו דו קומסט, און וואו דו גייסט
זי אויפדעקן פאַר יעדערן: דו זעסט —
אויף דיר די שולד,
פון דיר די וואונד!

איך קען עס ניט!
זאָל זיין — ס'איז זייער שלעכטס.
נאָר כ'וויל נישט קומען מיט קיין קרעכץ
דאָרט, וואו עס שוימט אויף טישן דער געטראַנק
און ס'הילכט געלעכטער און געזאַנג
אויף יעדן טריט.

מעג זיין — איך טראָג אַ וואונד.
מעג זיין — עס איז מיין בלוטנדיקער בונד
אויף אייביק אייביקייט
מיט די פאַרוואָגלטע פון אַלע צייטן,
נאָר איך וויל טאָג און פרייד
און יום־טוב קלייד!

זיי האָבן שלעכטס געטון?
איז וואָס דערפון?

דאָך שפּילן קענען זיי און זינגען,
און לאַכנדיק פאַרקלינגען,
פאַרפלאָנטערן איןווירבל־ווינט
פון זונעדיקער זינד.

דו זאָגסט — ס׳איז נאָר אַ שטראַל
ביז וואַנען כ׳פאַל
און ווער פון זיי צעטראָטן ווי אַ שפּין אין גראָז.
איז וואָס?
איך וויל נישט זייער גוטס
און וועל נישט קיינעם רופן נאָך קיין שוץ,
ווען כ׳ווער אין שכורדיקע הענט
אויף אַש פאַרברענט.

אַז נישט דערלעבן זאָלן זיי
צו הערן מיין געשריי!
נאָר אויסגיין טאָג נאָך טאָג
צו יעדן טראָגנדיק מיין קלאָג —
דאָס וועל איך נישט!

דו הערסט — איך קען נישט, קען נישט, קען עס נישט!

זייער ליבע

קען זיין, כ׳וועל צו זיי נאָך אַליין אַמאָל שטרעקן
אַ פרידלעכע האַנט.
עס וועט זיך פאַרווישן דער גרויל פון די שרעקן
עס וועט זיך פאַרלעשן דאָס פייער פון שאַנד,
און טרוקן וועט ווערן דער קוואַל פון דער קלאָג,
ביז ס׳וועט זיי דאָס האַרץ אפשר איינמאָל אַ טאָג
פאַרגעבן דעם אייביקן וויי.
נאָר איינס, וואָס איך וועל, אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל לעבן,
קיינמאָל ביז די שערבלעך פון גרוב נישט פאַרגעבן,
נאָר איינס — איז די ליבע פון זיי.

די ליבע פון זיי
צו אונדזערע עופעלעך קליינע, וואָס ווערן
פון וויגן אַרויס
געטראָגן צו זיך אין גאָטספאַרכטיקן שויס.
עס וואַכט איבער זיי באַרמהאַרציק די רוט
און וואַשט זייער אומשולד אין טרערן,

ביז וואַגען די שנאה צום אייגענעם בלוט
צעפּליסט זיך אין לייב, ווי אַן אומריינע קרענק.
און דעמאָלט נאָך ליבע אַ טראָפּן פאַרבענקט,
פאַרוואָגלטע בלאָנדזשען זיי אום
און האָסן זיך שטום.

די ליבע פון זיי
צו אונדזערע יונגע בחורים, וואָס בענקען
פון היימישן הויז
צום צויבער פון דופּטיקע פעלדער אַרויס.
עס ציען זיך אָרעמס ברייטהאַרציק אַנטקעגן
ביים זוים פון די ליכטיקע וועגן,
און אויגן, פול צוזאָג, און הויפּנס מיט גליק.
נאָר קוים ווערט פאַרשלאָסן דער וועג אויף צוריק —
ווערט פרעמד דאָס באַצויבערטע פעלד,
עס פאַלן די אָפענע אָרעמס אַוועק,
און פרעמד צו דער פרעמד און צו אייגענע פרעמד,
פאַרבלייבן זיי וואָגלער אָן שטעג —
דער שטויב פון דער וועלט.

די ליבע פון זיי
צו אונדזערע טעכטער מיט אויגן, וואָס קוקן
אַריבער דעם צוים
און זוכן און גאַרן דעם ריטער פון טרוים.
זיי קומען, די ריטער, מיט שפּיל און געזאַנג,
זיי שפּילן ביז ס'פאַלט אין די פינגער דער פאַנג —
דאַן נעמען זיי צערטלעך און נאָגן אים אויס
און לאָזן אים ווייך פון די פינגער אַרויס.
און דאָס, וואָס איז איינמאָל געפאַלן אין שטויב,
וועט יעדן פאַרבייגייער קומען אין האַנט —
פאַר יעדן אַ רויב.

דער שווערט, וואָס איז איבערן לעבן געהאַנגען,
געבראַכט האָט דעם טויט.
דער וויטיק און שאַנד האָט דורך דורות געבויט
אַ פעסטונג פון האָס און פון וויי.
נאָר זייערע אָרעמס, מיט ליבע באַצירט,
זיי האָבן נאָר קינדער אין פרעמדקייט פאַרפירט
און דאָרטן געלאָזן זיי הויל,
אַפילו דאָס לעצטע פאַרנומען ביי זיי —
די קללה פון מויל.

אין טאָג, ווען דו וועסט זיך אָן משפט דערמאָנען
און קומען צום סוף
צו צאָלן די שטראָף —
נישט בלוט און נישט לעבנס פון זיי זאָלסטו מאָנען!
נאָר אויפמאָנען זאָלסטו דאָס עלנט פון קינד,
וואָס זיי האָבן וואָגלען געטריבן,
ווי שטויב אויפן ווינט
מיט כלומרשטער ליבע.
מיט ליבע באַצאָל,
באַצאָל זיי מיט לייד און רחמנות צו זיי.
און ווען כ'וועל אַמאָל
אין זיבעטן גלגול דערהערן דעם ווײ
פון זייערע הימלאָזע טריט,
וועט איינגעשטילט ווערן דער אומרו, וואָס גליט.
און דאַנקענדיק דיר וועל איך גיין צו מיין רו
און וויסן, אַז דו ביסט עס דו.

די שפּראַך

אַמאָל ווען דו ביסט נאָך אַ קינד געווען,
האָסט פאַרבלאָנדזשעט אומגערן צום מאַרק,
צום אַלטן מאַרק פון אייער שטאָט, וואו ס'שטייען
פאַרצאָגטע יידענעס מיט קערב פון עסנוואַרג,
פון אויבסן, פיש און קרייטעכער, און דאָרט
האָסטו פון ערגעץ וואו געכאַפּט אַ זידל־וואָרט,
וואָס איינע האָט דער אַנדערער געשיקט אין כעס
צוליב אַן אויסגענאַרטן קונד. און יעדעס מאָל,
ווען דו דערהערסט פון יענער גאַס,
דערמאָנסטו זיך אַ הייזעריקן קול,
אַ פרעמדן וואָרט —און לאָז דיך שוין געמאַך
מיט אָט דער מאַרק און קלייטל־שפּראַך!

און ערגעץ וואו פאַרגעסן אין אַן עלנט הויז
דיין מאַמע זיצט און וויינט זיך אויס
די אויגן איבער בלעטער פון אַן'אַלטן בוך
אויף יענער שפּראַך, וואָס האָט זיך דיר דערקענט
אין גאַס־געשריי און פיש־געריך.
און ברעכנדיק די אויסגעדאַרטע הענט,
ביים גאָט פון אירע מאַמעס בעט זי פרום,
אַז וואו דיך זאָל נישט גרייכן איר געבעט,
זאָל דיך דיין גוטער מלאך שיצן אומעטום
און צוגרייטן אַן אָפּרו־בעט,

און בעטן בעט זי אים אין אָרעמען געמיט,
ער זאָל פון אייגן שלעכטס באַוואָכן דיינע טריט.

האָסטו דען ווען עס איז געטראַכט,
אַז אויב עס וואַרט אויף דיר אַ ווינקל רו
און ס'איז באַשערט אַ שטילע אָפּרו־נאַכט, —
איז נישט אין זכות פון דיר, נישט דו
האָסט עס ביים גאָט פון דיינע וואָגלונגען פאַרדינט.
דאָס האָט אַ מאַמע אויסגעבעטן פאַר איר קינד
אין ווייַנענדיקע מוטערלעכע רייד
אויף יענער גוטער שפּראַך, וואָס האָט פון בייז באַשיצט
דיין באָבען, עלטער־באָבען און די גאַנצע קייט
פון מאַמעס און פון קינדער, ביז דער טאָכטער איצט,
וואָס זוכנדיק אַ ווינקל אויף דער ערד,
האָט אויפן מאַרק אַליין איר מאַמעס שפּראַך געהערט.

אַ מעסער

געווען אַמאָל אַ שוועסטער דיינע.
זי האָט דעם פיינט אין הויז צו זיך געבראַכט,
מיט מילך געשפּייזט און אין די אָרעמס זיינע
אַ גאַנצע שטורמדיקע נאַכט געוואַכט.
און ווען עס האָט, אַ מידן אים, דער שלאָף באַצוואונגען,
איז זי פון איר געלעגער אויפגעשפּרונגען,
און מיט זיין בלוט, וואָס איז פאַרשפּריצט געוואָרן,
געלאָזט באַצאָלן פאַר זיין שלעכטס פון אַלע יאָרן,
פאַר אַלץ און אַלעמען, און פאַר דער לעצטער נאַכט,
און פאַר דער ליבע־בעט, וואָס זי האָט פאַר אַ טויטן־בעט געמאַכט.

ווען גאָר דער פיינט זאָל בלויז איין קאָפּ נאָר האָבן,
וואָלט איך אַ מעסער צווישן דיינע קישנס איינגעגראָבן
און וואָלט געלאָזט ביינאַכט דיר עפענען די טיר.
און מאָרגן פרי וואָלט איך אַרויס אין גאַס מיט דיר,
מיט דיר און מיט דיין רויט־געפאַרבטן מעסער —
און אין דעם שטורם, וואָס וועט ווערן גרויס און גרעסער,
וואָלט איך מיין קול דערהויבן הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:
— דאָס איז די טאָכטער אייערע, וואָס האָט אַלע טרערן,
פאַר גאָר דער שאַנד און ווי פון נעכטן און פון היינט
מיט בלוט געלאָזן אָפּצאָלן דעם פיינט,
און מיט זיין בלוט, וואָס איז פאַרשפּריצט געוואָרן,
געלאָזט אַראָפּשווענקן די אומריינקייט פון יאָרן,

פון אַלעמען, פון זיך אַליין, און פון איר לעצטער נאַכט,
און פאַר ליבע־בעט, וואָס זי האָט פאַר אַ טויטן־בעט געמאַכט.

איך ווייס אָבער, אַז איינגעשכורט פון באַגערן,
וועסטו אַליין אַנטשלאָפן ווערן.
און ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן באַגינען,
וועט דיר דער מאָרגן־דרימל אַלץ נאָך שפּינען
די שכורע חלומות. נאָר דו וועסט שוין זיין אַליין,
און פון די קישנס וועט אַרויסקוקן אַ מעסער ריין,
און אויף זיין בלאַנקן שאַרף וועט שפּילן זיך די זון . . .
און זאָג — וואָס וואָלט איך דען דערנאָך מיט דיר געטון? . . .

איך ווייס אַז דו וועסט אונטערגיין...

איך ווייס, אַז דו וועסט אונטערגיין,
און נישט מיט קיין געוויין,
נישט מיט קיין שבעה־טרויערן
וועל איך דיין אונטערגאַנג באַדויערן.
אַזוי ווי ס'וויינען נישט די פּויערן,
ווען פּעליענדיק די גרינע בייטן,
צעטרעטן זיי די ווילדע קוויטן
און רייסן אויס די פּרעמדע גראָזן, —
אַזוי וועל איך אויף דיר קיין טרער נישט לאָזן.

איך ווייס — נישט שולדיק איז דאָס ווילדע בלימל
ווען ס'האָט דער זעלבער בלויער הימל,
די זעלבע בליענדיקע ערד
אים נישט באַשערט
אַ זאַנג צו וואַקסן צווישן זאַנגען.
נאָר וועסטו דען פון אַקערער פאַרלאַנגען,
אַז ווען ער גייט אַרויס און היט
פון פעלד זיינעם דעם שניט,
זאָל ער מיט ווילדע קרייטיכער פאַרדאַרבן
די קומענדיקע גאָלדנע גאַרבן?

איך ווייס, אַז איבער יענער בייט,
וואו מען האָט מיך און דיך פאַרזייט,
אַנ'אייביקער און אַ גערעכטער
שפּרייזט אום דער וועכטער,
און זיינע אויגן קוקן שאַרף און ברייט,
און זיינע פינגער זיינען יעדע ווילע גרייט
אַרויסצורייסן פון די זאַנגען דאָס,

וואָס האָט פאַרוואַנדלט זיך אין ווילדן גראָז.
און אייביק זאָל געבענטשט זיין און געפרייזט
זיין שטאַרקע האַנט, וואָס רייסט!

איך ווייס, אַז דו וועסט אונטערגיין,
און ס'וועט מיין אויג נישט פייכטן קיין געוויין.
נאָר איך אַליין,
ווען עס וועט אָנקומען די צייט פון קלייבן,
וועל איך נישט מיט די גאָלדענע זאַנגען בלייבן,
וואָס העפטן זיך צונויף אין גאַרבן
דעם טויט פון אייביקייט צו שטאַרבן.
אַליין, אַן איינזאַמער, וועל איך צו דיר דאַן קומען,
און צווישן אָפּגעפאַלענע, צעפליקטע בלומען,
מיט אייך צוזאַמען וועל איך ציילן באַנג
די טעג פון אייער אונטערגאַנג.

דער משפּט

מען וועט אונדז ביידן ברענגען פאַר דעם משפּט.
און דער, וואָס האָט באַשטימט דעם מענטשנס וועגן,
וועט פון זיין טראָן אַראָפּ דיך פרעגן:
פאַרוואָס האָסטו פון מיר זיך אָפּגעווענדט?
פאַרוואָס האָסטו מיין לויטערן געשאַנק
ביי פרעמדע שוועלן ביסלעכווייז פאַרשווענדט,
און איצט, אַ כלה, וואָס צו קיינעם ניט פאַרקנסט,
דיין זיווג זוכסטו, אַז ער זאָל דיין ביטערן געטראַנק
מיט דיר צוזאַמען טרינקען, און די לאַסט
פון דיינע וואָגלענישן טראָגן?
דו וועסט דעם קאָפּ אַראָפּלאָזן און וועלן זאָגן:
— מיין גאָט, איך האָב דיין נאָמען קיינמאָל נישט געוואוסט,
כ'האָב נישט געוואוסט, מיט וועמען און וואוהין צו גיין,
און יונג אַליין, און דורשטנדיק אַליין
בין איך געגאַנגען דאָרט, וואו ס'האָט געפירט די לוסט. —
וועסט וועלן ענטפערן, נאָר ס'וועט דאָס ווערט פון גומען,
דאָס ציטערדיקע וואָרט נישט קענען קומען.
וועט ער צו מיר אין צאָרן זיינע בליקן ווענדן:
— דו, וואָס דו ווייסט, אַז דו ביסט נאָר אַ שאָטן
און גייסט פאַרביי נאָך איידער ביסט דערגאַנגען —
צו וואָס האָסטו דעם שוועל פון איר באַגער באַטראָטן?
ווער האָט באַפוילן דיר, דו זאָלסט מיין קינד פאַרבלענדן
מיט פאַלשן שיין און ליידיקע פאַרלאַנגען
און לאָזן זי דערנאָך מיט ביטערניש פון גאַל זיך קוויקן?

נאָר איך וועל ענטפערן אין זיינע צאָרן־בליקן:
— דער גאָט, וואָס האָט זיין פאָלק צעזייט אויף זיבן ימען,
און נישט גלאָזט פּאָר זיי קיין אייגן טייכל רינען,
וואָס האָט דאָס קינד אין וויג באַשאָנקען מיט אַ מאַמען
און שפּעטער נישט געלאָזט דעם וועג צו איר געפינען.
אויף יעדן שטעג און וועג צעוואָרפענע, ווי בלעטער,
אין יעדן דורכגייער געפינען מיר אַ רעטער,
און ווער עס וויל — דער נעמט און וואַרפט צוריק אַנידער.
זאָל זיין — אַ פרעמדער נעמט, פאָל זיין — עס נעמען ברידער,
נאָר ליבער איז אַ ווייל אין פרעמדן שויס,
ווי אייביק וואָגלעניש אָן שוועל און הויז.
און ווען עס טרעפט אַ קינד פון דיר אַ קינד פאַרמאַטערט,
און בלייבט אין מיטן וועג מיט איר — און פלאַטערט —
קום וויַז, ווי נישט צו נאַרן די באַגערן,
ווען דו האָסט וואַנדער־צייכנס אויסגעזיגלט אויפן שטערן!

אַזוי וועט זיין מיין ענטפער אין זיין צאָרן.
ער וועט דעם קאָפּ אַראָפּלאָזן און גאָרנישט זאָגן,
און פון זיין בליק, אין טיפעניש פאַרלאָרן,
וועט ערגעץ אונדזער מאָרגן נעמען טאָגן.

ניט שעלט!

נעם, לאַורא, אין וועג די קורצע תפילה:

— פאַרגעסן זאָל מיין נאָמען ווערן,
און שטאַרבן זאָל מיט מיר מיין צער!

איך האָב אין דורות־צער דיין נאָמען איינגעפלאָכטן,
און ס׳קוקט דיין שוואַרצער קאָפּ אַרויס פון מיינע ווערטער —
דו סימבאָל פיינלעכער פון אונדזער אייביק וואָגלען.

וועסטו אין איינזאַמקייט זיך וועלן טרייסטן:
—דער נאָמען לאַורא פאַרבלייבן וועט אויף דורות . . .
ניט שעלט אונדז, לאַורא, ניט ברענג אויף אונדז די קללה!

ווילסטו, אַז עמיצער, ווי דו מיט דיינע אויגן
אַן אויסגעפייניקטער, זאָל ווען עס איז נאָך זאָגן:
— איך בין, ווי לאַורא, דער צער פון אייביק וואָגלען?

ניט שעלט אונדז, לאַורא, און בעט מיט מיר צוזאַמען:
פאַרגעסן זאָל מיין נאָמען ווערן
און שטאַרבן זאָל מיט מיר מיין צער!

1917-1918

היימיש

בײם שװעל

דער טאַטע — אַװעק אין בית־המדרש צום דאַװנען.
דער ייִנגערער ברודער — איך הער אים שױן אױך נישט.
אין פֿענצטער די זון שײַנט, עס טומלט פֿון דרױסן —
איך נורע זיך טיף אין דער קאָלדרע און דרימל.

עס קומט צו די מאַמע, אַ שטילע, און װעקט מיך:
— די טײ איז שױן אױסגעקאָכט, נעם טו זיך אָנ׳עט!
נאָר װעקנדיק, דעקט זי מיך אײַן, און איך בעט זיך:
— באַלד . . . באַלד . . . — און עס שליסן זיך װײַטער די אױגן.

צו דרײַ מאָל באַגאָסן די רעכטע און לינקע,
פֿאַרנעפּלטע אױגן מיט קאַלטקײט געלױטערט,
די מילך־טײ געטרונקען, און כ׳פֿיל שױן דאָס בעטן
און בליק פֿון דער מאַמען: נעם, זונעלע, דאַװענען!

נעם, זונעלע, דאַװן! זי זאָגט עס מיט מורא,
זי נעמט מיר אַראָפּ פֿון דער װאַנט אַ פּאָר תּפֿילין,
און ס׳קרענקט מיר — איך װײס, אַז זי װעט שױן נישט פֿרעגן:
— װאו האָסטו די אײגענע תּפֿילין געלאָזן?

און עפּעס דערװעקט זיך אין מיר פֿון איר בעטן,
און אפֿשר פֿון שטוב, פֿון דעם הײמישן טומל,
און אפֿשר . . און אפֿשר פֿון גאָר עפּעס אַנדערש —
איך װיקל די האַנט אין די לאַנגע רצועות.

כ׳האָב שױן אַזױ לאַנג אָן די תּפֿילין פֿאַרגעסן,
כ׳האָב שױן שױן אַזױ לאַנג, אַזױ לאַנג נישט געדאַװנט!
צי האָט זיך מײַן קװאַל פֿון געבעטן פֿאַרשלאָסן,
צי האָט זיך פֿאַרשלאָסן מײַן װעג צום הימל?

גאַנץ אָפּט בײַ דער נאַכט אױפֿן בעט פֿלעג איך פֿאַלן,
פֿלעג שעהן־לאַנג ליגן מיט אױגן פֿאַרמאַכטע,
און ס׳האָט זיך געברומט פֿון געשלאָסענע ליפּן,
און ס׳האָט זיך געזונגען, געזונגען אין פֿינצטער.

און אָפּט אין פֿרי מאָרגנס אין אומרו און אומעט
פֿלעג איך זיך אין צימער קײן אָרט נישט געפֿינען,

און אַלץ עפּעס טענער פאַראומערטע ציען
און ציען פון ערגעץ פאַראומערטע קלאַנגען.

וואָס איז דען געווען אין די אומעט־פרי־מאָרגנס
און נעכט אויפן בעט אין מיין בחורשן צימער?
דאָס האָט זיך געלעבט אירס אָן אייגענעם לעבן
אין מיר די נשמה פון טאַטע און זיידעס.

זי האָט זיך פון וויגל אין תפילות געכאָוועט,
געוואָקסן אין ניגון פון סדור און ספר,
און ווען כ׳האָב מיין קאָפּ אָן אַ היטל געלאָזן,
דעם סדור פאַרוואָרפן, די תפילין פאַרגעסן —

האָט זי אויך פאַרגעסן אָן מיר — און באַהאַלטן,
באַהאַלטן געלעבט זיך איר אייגענעם לעבן:
אַליין פאַרן שלאָפן איר קריאת־שמע געלייענט,
אַליין אין פרי מאָרגן איר שחרית געדאַוונט . . .

און ס׳האָבן זיך ווידער צוזאַמען באַהאַפטן
דאָס לייב און דאָס לעבן, אין וואָגלען צעשיידטע.
עס האָט זיך דער בראָך ברעך אין מיין לעבן און וועלן
פאַרשפּינט מיט דעם ריח פון היימישער שטילקייט,

עס האָט זיך פאַרוועבט מיט די אַלטע געזאַנגען,
וואָס שוועבן פון מיר און פאַרוויקלען מיך לופטיק,
אַזוי ווי ס׳פאַרוויקלט אַ טלית אַ ווייסער,
אַ צייכן פון שטערבן צום הימל אין גאַנצקייט —

און, מאַמע נישט קוק מיט די אויגן פאַרטרערטע,
דו זעסט דאָך — איך דאַוון, עס בעט זיך, עס גלויבט זיך,
עס האָט זיך מיר שטענדיק געבעטן, געדאַוונט. — — —
גלויב, מאַמע, דו האַרציקע, גלויב אין מיין גלויבן! . . .

.1909

פּוילן

כ׳בין נישט געוואָקסן צווישן דיינע פּריצים־פעלדער, פּוילן!
דו האָסט מיין עלטער־זיידן נישט געטראָפן וואַנדלען
אויף דיינע אויסגעוויקטע וועגן, און מיט קאָפּ, מיט הוילן,
זיך בייגן פאַר דיין שוועל דעם דלות צו פאַרהאַנדלען.

עס האָט מיין זיידע אין ארענדע נישט געהאַט ביי דיר קיין פּאַכט,
האָסט דיינע הונגעריקע לייב־קנעכט אין אַ ווינטער־נאַכט
זיך נישט געטראָפן ווארעמען ביים טאַטן מיינעם אין אַ שענק,
און איך פון מיינע קינדער־יאָרן קוים געדענק,
אַז איך זאָל אין מיין גראָער היים, אין יענער ליטע,
וואו ס'האָט אַמאָל אין שמערץ אויף דיר אַן אויפגעבליטע
פון דיין געבענטשטן דיכטער אויפגעבריזט דאָס ליד,
דערהערן ווען דיין שפּראַך, די וויבלעך־ווייכע.
אין אומרואיקן שטראָם פון גלויבער, יינגלשע און בלייכע,
האָט עס געבראַכט צו דיר אויך מיינע וואַקלדיקע טריט.
איך האָב געוואוסט — עס הענגט אויך איבער דיינע הימלען
אַ שוואַרצער יאָך; געפילט ווי צווישן פעלזן־שטיקער
פון דיינע אַלטע חורבות שטילע שאָטנס ווימלען;
געזען — אַ פלאַסטער שטויב, אַ פרעמדער און אַ דיקער,
באַדעקט די לעבעדיקע שפּורן פון דיין שטאָלץ און רום
און גליוועדט שטום דאָס אַלטע אָדלער־ליד, ווי שטום
געוועז פאַרצייטן איז אויך אונדזער הימלדיק געזאַנג
ביי די פאַרצאַגטע ביימער, ביי די וואַסערן פון בבל.
עס האָט געחלומט — כ'בין אין שטוב געקומען צו אַן אבל
דער ריס נאָך פרישׂ, דער מת אַוועק נישט לאַנג —
און כ'האָב געפילט ווי דער וואָס דורותדיקע פלאָג
האָט שוין פאַרהאַרטעוועט אין וויטיק וואָס ער טראָגט,
צום יונגן, אין זיין בראָך נאָך נישט געבראָכענעם, ברודער פילט.
נאָך נישט דיין שפּראַך געקענט — און זי האָט שוין געשפילט
מיט קלאַנג און פאַרבן אין מיין אויער. יעדער קיניגלעכער מויער
פון דער נאָך פרעמדער שטאָט האָט מיטן טרויער
פון זיילן עלנדע און שוואַרצע שויבן מיך געבריט.
פאַר יעדן קרישלדיקן זאַמדשטיין און געהובלטן גראַניט,
אויף וועלכן בראָנז פאַראייביקט דיינע גייסט־געקרוינטע זין,
האָב איך דעם קאָפּ געבייגט. און ווען פאַרטראַגן האָט עס מיך אַהין
וואו ס'כוואַליען זיך אין רחבות דיינע פולע זאַנגען,
האָב איך אַ ווילע שיר געגלויבט — איך בין דיין קינד.
פון וויטן הינטער סאָסנע־קרוינען איז אַ זון פאַרגאַנגען,
עס האָט אַ פעלד ביי מיינע אַקסל זיך געוויגט אין ווינט,
אין לינדן אָוונט־ווינט וואָס האָט פאַרטראַכט געצויגן
באַגילטע וואָלקן־סטאַדעס איבער דעכער שטרוי,
עס האָבן וויטע מענטש און פייגל־רייד מיין קאָפּ געבויגן
צו דר'ערד — און ס'איז דעם ייִנגל פון דער פרעמד געוועזן אַזוי
ווי ר'זאָל צום ערשטן מאָל דערזען גאָטס וואונדערלעכע וועלט,
און פאַלן — האָט'ס געהייסן — מיטן פּנים צונם גראָז פון פעלד,
און בענטשן דיך, דיך, פוילן, בענטשן פאַר דער ווילע גליק

וואָס איז מיר דאָ באַשערט — — —
איך ווייס נישט ווער
עס האָט די ברכה מיר פאַרהאַלטן, כ'האָב צוריק
די פיס פאַרשטייפט, פאַרשטיקט די תפילהדיקע טרער,
איך האָב דיך נישט געבענטשט אין יענעם גלי פון אָוונט-גאָלד,
און כ'ווייס אַצינד — איך האָב דיך בענטשן נישט געזאָלט.

צו טייער איז געווען דער פּרייז פאַר די מינוטן דופט
פון וואַלד און פעלד און אייביק-וואַרגנדיקער לופט
פון דער געיאָגטער דלות-גאַס — צו טייער:
נישט ברענען אויפן קלויסטער-פּלאַץ אין שייטערס פייער,
ניט שליידערן גאָטספּאָרכטיק אינם תליונס האַנט,
נישט זויגן טראָפּנס לעבן ביי אַ שוואַרצער קעלער-וואַנט —
אַזוינס האָבן געקענט בלויז בראַווע ריטער און געביטער —
פון אויסלייזערס ירושה אויף דער ערד די פרומע היטער.
דו, צאַרטע דאַמע, האָסט געלאָזט פאַרקויפן
פאַרב לויז אַ ביסל אונטערהאַלט דיין ברויט און ווינט:
פון פּאַלאַץ-גאַניק צוקוקן ווי אַנגערייצטע הינט
די ליטקעס בייסן ביי די כּאַלאַמידניקעס וואָס לויפן
מיט פּאַלעס אינעם ווינט ווי אויסגעצופּטע פליגל;
ביי בריענדיקע טאַצן בראַטנס און געקילטע קריגלען
געצערטן ווייַן, געציילט די שמיץ איבער אַ דאַרן רוקן
און דורכן טשאַד פון פולן בויך זיך צוגעהערט ווי טרוקן
און הייזערק פון קוואַרן גאַרגל און פאַרקוואַרטע לונגען
עס האָט זיך אַ מה-יפית פאַר דיין כבוד אויסגעזונגען;
און ווען דער פּאַלאַץ האָט זיך יום-טובדיק צעגליט
און ס'האָבן זיך צום טאַנץ געבעטן שיכורלעכע טריט —
אַ פּאָטער און אַ זון מיט פידל און טרומייט
געשלעפּט פון הונגער-הויז צו פּיטערן דיין פרייד,
די אויגן דיר צעלייכטן מיטן ווייַן פון זיסע קלאַנגען
און צינדן אין די געסט דייַנע דעם צונטער פון פאַרלאַנגען;
און ווען ס'האָט שוין דערגליט דער לעצטער לאָמפּ און פאַקל
און וואָרט און וואונטש האָבן זיך נאַקעטע געוואַקלט —
איז האָבן זיי אַליין, אין ווינקל איינגעשפּאַרט,
מיט אויגן איינגעגראָבענע געפידלט און געוואַרט
ביז ס'וועט דער לעצטער טראָפּן שיכרות ברעכן דייַנע קני
זיי זאָלן ווייב און קינד נאָך זען ביז איינדערפרי.
אַזוי האָבן דיר דורות, דורות אונטערטעניקע באַצאָלט
פאַר יענער שעה מיינער אין גלי פון אָוונט-גאָלד.

דאָס איז געווען אַ צינש אַ קנעכטישער פון — שפּייזער.
אַוועק פון ווילן דיך צוריק אין דלות-הייזער.

דאָרט זײַנען זיי די גראָשן־זעק ביי דיר געוואָרן.
דאָס גרינס פון בייט, פון פעלד דעם ווייץ און קאָרן,
די פיש פון טייך, דאָס פלייש פון רינד און פי,
די פּעל פון בער אין וואַלד, דאָס מילכיקס פון די קי —
צו פּריציש־איידל איז געווען דאָס אָנצורירן
דאָס הענטל וואָס געוואוינט נאָר צאַרטן לייב צו צירן,
צו שוואַך געווען דער ווייבער־זין וואָס נאָר באַפעלן
אין חנדלעך פלעגט, דעם ריווח פון דער ערד צו ציילן.
איז האָסטו זיי דיין וואַסער, וואַלד און פעלד פאַרטרויט.
געמיינט — אַ קנעכט פאַר זיך אליין וועט מער ווי אָרעם ברויט
פון פּריצס גיטער אויסטיילן ביי זיך נישט פועלן . . .
האָסט זיך גענאַרט — זיי האָבן דיך באַגנבעט, פוילן!
צום ברויט — אַ פּאָדעם פלייש באַהאַלטן פאַרן שבת־טיש,
צו חתונות — פון דיינע טייכן אָפּגעשפּאָרט די פיש,
געטרונקען וויין — פון קידוש און הבדלה־בעכער,
געצירט זיך און געפּוצט — אַ שייטל אויפן קאָפּ דעם ווייב,
פאַר זיך און קינד — אַ טלית־קטן אויפן לייב,
און אוצרות אָפּגעשפּאָרט פאַרבאָרגן אין די לעכער —
צען איילן לייוונט זיך צו טאָן דאָס לעצטע רעכט.
אַזוי צו גנבענען געקאָנט האָבן נאָר קנעכט.
און דאָך, האָסטו דערשנאַפּט דעם קלאַנג פון רענדלעך
ביי עמיצן פון זיי, האָט זיך דער גאַווהדיקער בליק
אין האַניק אויסגעטונקט, די האָסט פון ווייסע הענטלעך
אים אָרום האַלדז פאַרוואָרפן לאַשצענדיקע שטריק,
און דער וואָס נעכטן ערשט האָט הוילן רוקן גרייט
געהאַלטן פאַר דער בייטש וואָס אין דיין קוטשערס האַנט,
האָט היינט, באַטרונקען פון דיין גנאָד, מיט דיר ביינאַנד
זיין טאָכטער און דיין זון צום כלה־בעט באַגלייט.
ס'האָט אין אַ ווינקל זאַל פאַררוקט געטרימבלט ווידער
די בויט־קאַפּעליע — דיינע קנעכט און זיינע ברידער,
און אונטער זייער שפּיל, אין זשיראַנדאָלן־גלאַנץ
האָט זיך אַ מחותן־פאַר געדרייט אין כשר־טאַנץ:
אַ קנעכט פאַר פּריצים־קרוין זיין בלוט און גאָט פאַרקויפט,
און פּריצטע זיך אליין פאַר גאָלד אַ קנעכט פאַרקויפט.

פאַרקויפט, נאָר נישט מיט איינמאָל אויסגעמישט האָט זיך דאָס בלוט.
דער רוקן, וואָס האָט דורות זיך געבויגן פאַר דער רוט,
האָט זיך געהויקערט חניפהדיק אויך אָן דער לאַסט;
דאָס בלוט וואָס האָט דורך דורות אים געהאַסט
און בייזן שפּאַס פון אים און זיין געביין געטריבן,
איז ווייטער אַנגעטרונקען מיטן האַס געבליבן, —

נאָר האַס און חניפה האָבן איינס דאָס אַנדערע פאַרגעלטיקט
ביז אויפגעשטאַנען איז דער דור וואָס איבער דיר געוועלטיקט,
וואָס האָט אויך מיך, דעם פרעמדן, דיך געלערנט קענען.

אין שנעלן לויף פון יוגנט־יאָרן זיינען
צוזאַמען מיטן טוי פון ייִנגלשקייט צערונען
די ברידערשע חלומות וואָס כ׳האָב דאָ געשפונען.
ווילד־פרעמד אין דיינע גאַסן שפּרייז איך איצטער אום.
ס׳איז נישט די פרעמדקייט פון די ערשטע טעג ווען שטום
און טויב צום קלאַנג פון דיינע רייד, האָב איך אין זיי
געוואָלט אַנטפּלעקן דאָס וואָס האָט באַהאַלטן
אין מיר אליין געלעבט — איצט הער איך און פאַרשטיי:
אַט טראָגן זיי זיך אין דער גאַס — געשטאַלטן
מיט אַקסל בלעכענע און שטייפע קעפּ אויף שרויפן,
די שטערנס — אייז און בליקן שפּיזלדיק צעלויפן,
די ליפּן איינגעפּרעסט, און דאָך ווי גרייט און מילד
אַ שמייכל צביעותדיק אין יעדן ווינקל שפּילט;
איך הער דיין ווייבער־שפּראַך ווי בויגיק און געשיקט
זי וויקלט זיי אַרום — פון חניפות אויסגעשטריקט,
מיט צביעות אויסגעהאָפטן און באַצירט מיט חנדלעך
ווי אַן אַקטריסעס קרוין מיט גראַשנדיקע שטיינדלעך,
און ס׳דאַכט מיר צייטנווייז — איך בין פאַרפלוכט,
פאַר צופיל ברידערשאַפט און אמת וואָס געזוכט —
צו וואָגלען אין אַ לאַנד וואָס האָט פאַרלאָרן
אין צביעות אייביקער דעם פאָדעם צווישן האַרץ און וואָרט,
אַ לאַנד וואָס איז באַהערשט פון בלויז אַקטיאָרן,
קאָמעדיע־שפּילערס פון אַ יעדער מין און סאָרט.
עס שפּילט אַ פאָטערלעכע ליבע־סצענע אָפּ דעם פּויער, דעם פאַרגעסער
דער גוטער פּריץ, ווען זיין פעלד איז צייטיק פאַרן מעסער,
עס שפּילט דער פּויער אָפּ צוריק אַן אונטערטעניקייט־קאָמעדיע,
עס שפּילט מיט שבועהדיקן זשעסט אַ לירישע טראַגעדיע
פון טרייהייט אייביקער דער זון פון דיינע קנעכט,
וואָס האָט זיין טאַטנס גאָט פאַרקויפט צו דיר ערשט נעכטן,
און דו, הויך־פּוילן, אַ געעלטערטע אַקטריסע,
פאַרדעקסט דעם שטערן, אויסגעגראָבן ווי אַ פעלד,
לייגסט אויס די קנייטשן אין אַ נעץ פון חנדלעך זיסע,
און שפּילסט די דראַמע פון געפּלאָגטע פאַר דער וועלט.

אַט שטייען דאָ פּאַלאַצן אַלטע — לעבעדיקע עדות
פון מאַכט און הערשאַפט פון די עלטער־זיידעס.
דער גלאַנץ פון דורות טוט אַ שמייכל ווען עס איז
פון אַ באַלויכטן ווינקל, פון אַ גאָלד־באַפּלאַסטערטן קאַרניז,

אוּן ווערט צערוּנען אין דער גראָקייט פוּן די שווערע ווענט,
ווי פוּנקען אויף אַ גלאָווניע וואָס האָט אויסגעברענט.
איך זע דיין גלות דאָ — עס שמערצט מיך נישט.
ווי מיר מיט אוּנזער אַלטער בעטלערישער יחוס־קייט,
האָבן די קינדער דיינע זיך די חרפּה אָפּגעווישט,
פוּן פרישן גלות דיר אַ טאָרבע אויפגעגרייט
אוּן בעטלען דיך געשיקט. נישט מיט געקרימטן רוּקן,
נישט מיט קיין קני פאַר יעדן גרייט זיך בוּקן
אוּן שטאָלץ פאַרגראָבענעם פוּן ליכטיקן וויסן;
נישט מיט קיין שרעקעדיקע הוּנגער־אויגן אויפגעריסן
ווי אַ געשריי קעגן די אוּמרעכטן פוּן וועלט אוּן גאָט;
נישט מיט אַ קאָפּ געבויגן אוּנטער האַס אוּן שפּאָט
אוּן וואַרטעניש אויף אוּמגליקן ווי אויף משיח־ווייען —
דאָס בעטלען מיר אַזוי מיט אוּנדזער שמאַטעדיקער טאָרבע.
דו — דיינט האָסט פוּן ריינסטן זייד וואָס נאָר פאַרדאָרבן
אַ ביסל פוּן די פּעטס אוּן וויין־פלעקן געלאָזט זיך נייען;
דו צויבערסט מיטן צויבער פוּן גרויס־פּריצישע מאַנירן
די אוּמדערפאַרענע לאַקייען ביי די הויכע טירן
פוּן די ביי וועמען ס'דאַרף נאָך פריש זיין אין זכרון
דער טיש אוּן וויין־קעלער פוּן דיינע גוּטע יאָרן,
אוּן ביי די שוועלן וואַרטסטו ביז ס'דערשיינען זיי אליין
זאָלסט קענען אויסבעטלען אין זכות פוּן אָפּגעבליטן חן
אַ פוּסטן צוזאָג אויף אַ שאָטן פוּן דער גדוּלה
וואָס דו האָסט הוּליענדיק מיט זיי אליין פאַרהוּליעט.

אָט שטייען דאָ די דענקמאָלן פוּן דיינע גייסט־געקרוינטע זין —
פּאָעטן גלוּיביקע, וואָס האָבן פוּן דיין חוּרבן דיר געשפּינט
גאָטספּאָרכטיקע חלומות פוּן אַ ווידער־אויפשטייאוּנג אַ נייער
אין ברידערשאַפט אוּן ליבשאַפט פוּן אַ גאָט־געזאַלבטער פרייהייט.
איצט זע איך דיינע נייע פּירער אוּן דערלייזער —
פאַרריסענע, פאַרביסענע, מיט שוים פוּן גאַליקן געבייזער
אויף די וואָס טוען חוצפּהדיק ביי דיר אוּנטער דער נאָז
חוּץ דיינער אויך אויף אייגענער גאוּלה האָפן.
ווי וואַגן זיי, די שלעפער? ס'ווערט אַמאָל געמילדערט דער פאַרדראָס
ווען מען דערמאָנט זיך וויפל פוּן די שלעפער שלאָפן
אויף די מלחמה־פעלדער וואוּ דו האָסט דיין קרוין פאַרלאָרן.
אוּן נאָך ווערט איינגעשטילט אַמאָל דער צאָרן
ווען בליקן אוּמגערן פאַרבלאָנדזשען אין די געטאָ־שטיבער
אוּן שבת־ליכט, וואָס פוּנעם חוּשכדיקן דלות לייכטן,
דערמאָנען — ס'איז געווען אַמאָל אַ גאָט פוּן ליבע . . .
ווי לויטער מען דערשפּירט זיך ווען רחמנות־טרערן פייכטן

דעם האַרטן בליק! ווי פּריציש־הויך און פרום־געדעכט
עס מאַכט אַ ביסל מיטלייד צום געפּאַלענעם קנעכט!

פאַרגיב מיר, פוילן, לאַנד וואו הינטער ווענט פון קלייטלעך
און ביר־פעסער פון שענקען ס׳האָט אין נעכט ביי קנייטלעך
געקלאָגט די שכינה אויפן גלות; וואו פון שפּאָט און שמיץ
און שפּעטער אונטערטעניקייט ס׳האָט אין די ביינער זיך פאַרקריצט
אַ גליאיקע אמונה אין משיח׳ן; וואו דאָרף־גייער און בעלי־עגלות,
לאַטוטניקעס און שמידן, קרעטשמערס, אַרענדאַרן
מיט הענט פאַרקאָרעטע, אין קאַפּטאַנעס מיט שמאַדערדיקע פּאָלעס
געלויכטן האָבן מלכותדיקער פון די פּריצים און די האַרן
ווען שבתדיקער שטערן האָט אויף זייער דאַך אַראָפּגענידערט;
וואו ס׳האָבן שליאכן אויסגעטראָטן סוד־פון־בראשית־זוכער;
וואו אין דער מיט פון טומלדיקע מערק און רוישיקע יאַרידן
האָט תורה איינגעשטעלט איר אייגענע מלוכה —
אָן שווערד און בייטש, אָן פעסטונג און האַרמאַטן,
נאָר מיט דער ליבשאַפט און הכנעה צו אַ הימלדיקן טאַטן.
פאַרגיב מיר, פוילן! ס׳איז נישט דיין געווען דאָס ליכט
וואָס האָט די גראָע הימלען דיינע אונדז באַהעלט.
דאָס האָבן מיר פון הימלען בלאָערע געבראַכט מיט זיך
און אָנגעצונדן אויך ביי דיינער ווי ביי יעדער שוועל.
די ערד אָבער, וואו מיר האָבן זיך שטיבער אויפגעבויט,
די ערד, צו וועלכער מיר זיינען געקומען נאָך אַ ביסן ברויט,
די ערד איז דיינע. איבער איר די צלמים דיינע הויערן,
די פּריצים דיינע הערשן און עס בייגן דעם געניק די פּויערים,
די קנעכט דיינע. האָסט זי געוואונען און פאַרלאָרן דורכן שווערד
און דיינע איז זי לויטן דין פון הערשאַפט מיט דער שווערד.
וואָלסטו געקענט אַריינבליקן אין אונדזער הימל און דערבליקן
די שטערן וואָס מיר האָבן אויך אין דיינעם אָנגעצונדן —
קען זיין, אַז שטערנשיין וואָלט אויסגעפלאַכטן בריקן
פון דיר צו אונדז און ס׳וואָלט געשען דעם נביאס וואונדער.
נאָר ווער ביי דיר האָט זיי געקענט דערזען? דער האַר
מיט בייטש און ביקס און פעסל מעד? דער פּויער מיטן לאָם
און אַקער־אייזן? ס׳האָט דערזען אין דאָרף דעם אַרענדאַר
דאָס פּריצל, דער יורד, און אין שטאָט די יידענע אין קראָם —
די פּריצטע, די געפאַלענע, און וואָס האָבן זיי מער פאַרמאָגט
ווי ביטערניש, ווי גאווה־גאַל, ווי בייטשל אין דער פויסט? . . .

פאַרגיב מיר, פוילן! יעדער לייב דעם גורל זיינעם טראָגט
אין בלוט פאַרבאָרגן, און נשמה ווערט אַ נאַקעטע אַנטבלויזט
אין שעה פון ביטערן נסיון. וואָס דו ביסט — דאָס ביסטו.
קען זיין, וועסט נאָך אַמאָל אין וואָרט פון יעזו קריסטו

אַנטפּלעקן נישט בלויז האַס, נאָר לייטזעליקייט אויך און גנאָד
און זיך דערוויסן, אַז ס׳האָט אויך אַן אַנדער גאָט
געוואוינט אין דיינע הימלען. אפשר וועט פון הינטער אַקער
און האַמער אויפקומען אַ דור אַזאַ וואָס וועט די מכה
פון האַס אין דיר מיט האַס אויף דיר אַליין ווי מיט אַ שפּיז
אַ גליענדיקן אויסברענען און אַ געפאַלענע ביי זיינע פיס
וועסטו זיך אויפהייבן געלייטערט. איך וועל בעטן אויף דעם נס.
און ווען ער זאָל געשען, וועל איך אין יענעם טאָג
ביי דיר אַליין אויך בעטן: מוטער לייבלעכע, פאַרגעס
וואָס כ׳האָב דאָ נישט דערזאָגט און וואָס איך זאָג.

.1914

אין אַ פּוילישן דאָרף

עס אָטעמט וואַלד פון זונען־ליכט
מיט סאָסנע־ריח אין געזיכט,
עס הערט זיך פייגל קלינגען ברייט,
עס ווינקען בלימלעך פון אַ זייט,
עס בלאַנקט פון גרינס אַ ווייסע קלייד,
אַ ראָזע סטענגע און באַגלייט
פון שוואַרצע רעקל און אייזל־טריט,
שפּאַצירן דאַמען פויל און מיד
און קולכלעך קלינגען אַזוי זיס,
אַז ס׳שוועבט דאָ, דאַכט זיך, אום אַ גרוס
פון בודואַרן, ווייס און ראָז
אויף בייטן גרין און גרינעם גראָז.

און האָב אַ פעלד מיט רוים און לופט
און ס׳שמעקט מיר צו פאַרפומען־דופט.
עס וועקט מיך אויף דער וואַלד־געהילך
צוזאַמען מיט אַ גלעזל מילך.
עס ליגט סלאָוואַצקי אויפן טיש,
און וויל עס יאָ, און וויל עס ניש׳ —
מוזסט פויליש שטאַמלען, שמייכלען, שטיין,
אפילו פויליש שלאָפן גיין.

עס רופט אַ גלאָק צו מיטאָג אויף,
און לאַנגזאַם קומט מען זיך צונויף.
אַ ווייסער טיש, געווייסטע הענט,
געפּרעסטע קראַגנס, ווייסע וועסט
און גאָלד אין פינגער איינגעפּרעסט.

געפּוצטע בעגל, שוואַרצע קעפּ
און פון פריזירער שוואַרצע צעפּ,
קראַוואַטן העלע, ווייסע ציין
און וויצן לייכט, נאָר איך אַליין,
איך זיץ אין ווינקל אויף מיין אָרט
און ציטער אויסרעדן אַ וואָרט.

די יונגע דאָקטאָרס פרוי, וואָס היט
אַ שמייכל גרייט אויף יעדן טריט
און אויף איר פּנים ליגט אַ שיין
פון פאַרן גיין אין שול אַריין,
באַקלאָגט זיך מיט אַזאַ פּאַרדרוס,
אַז ס'שמערצט איר זייער דער רעכטער פוס.
— ס'איז זיכער פון אַ בינען־ביס!
— אַזוינע אײדעלע פיינע פיס!
איר שכנה מיט די ליפּלעך קליין,
וואָס האָט אַזוי פיל יידיש חן
אין יעדן גרויסן שוואַרצן אויג,
פאַרנייגט זיך מיט אַ לייכטן בויג:
— ווי אומדערטרעגלעך ס'איז די היץ!
עס זאָגט, ווי פאַר זיך, אָפּ אַ וויץ
אַ דיקע דאַמע ביי איר זייט,
פאַן סטעפאַן לאָזט זיך פון דער ווייט
מיט זיינע רייזעס אויפן ים
(פאַן סטעפאַן שטאַמט פון פיינעם שטאַם:
זיין זיידע, ווי איר קוקט אים אָן,
איז גאָר אַ קורלענדער באַראָן,
נאָר אַלע ווייסן, און ס'איז בלאָט —
ער האָט זיך נעכטן ערשט געשמדט),
און סטאַך די מוטער ציט און פלאָגט:
— וואָס האָט די דאַמע דאָרט געזאָגט?

דאָס מאַנסוואָרג קומט פאַרנאַכט אַראָפּ,
דער דאָקטאָר מיטן גראָען קאָפּ,
אַ ציטערדיקע אונטער־ליפּ
און פינגער שיטער, ווי אַ זיפּ,
רעדט פּויליש אַלץ, ווי יידיש, האַרב,
אַז ס'שטעלט זיך ביי דער ווייב די פאַרב.
דער שיינערס מאַן — אַ דרייסיק יאָר,
און אויפן קאָפּ קיין פיצל האָר,
געפעלן — זאָגט ער — בלאָנדע גאָר
און איר — אַ הויכע שעוועליור —

זיי טרייבןביידע כלומרשט שפּאַס.
דער דיקערס זון איז קרענקלעך בלאַס
און ס'צינדט זיך בלייך אין אויג אַ פונק
ביי יעדן צווייטיטיקן וואונק,
וואָס פאַלט פון יעדער ווינקל טיש, —
עס נעמט זיך פלעכטן אַ געמיש
פון שפּאָרע וויצן, זאַנפטע רייד
און בליקן לייכט איבערן קלייד
פון דער, וואָס קעגנאיבער זיצט,
אַ האַנט זיך אויף אַן אָרעם שטיצט,
און ס'שפּרייזן אָפּ מיט לייכטע שפּאַן
אַ מאַן מיט ווייב און ווייב מיט מאַן.

נאָר זונטיק זעט עס אַנדערש אויס.
דער טיש פון שפּייז־צימער אַרויס,
אין רייען שטולן אויסגעשטעלט
און בענק, וואו ס'האָט אַ שטול פאַרפעלט,
פון ברעטלעך דריי אַ קונסט־געשטעל
צונויפגעקלאַפּט ביי פאָדער־שוועל,
געצונדן ליכט, און ס'הייבט זיך אָן.
פון הינטן פּרוואווט מען נאָך אַ טאָן,
נאָר דאָ דער עולם איז שוין גרייט.
אַ יידענע אין סאַמעט קלייד
פאַרפּוצט, ווי אויף אַ צדקה־באַל,
אַ דאַמע אין אַ לייכטן שאַל,
וואָס לאָזט די ווייכע אַקסל בלויז,
אַ פריילין — אין דער האַנט אַ רויז,
דאַנעבן רויטלט זיך אַ קאַרק,
ווי איינער אויפן גאַנצן מאַרק,
און ס'זומט ווי אין אַ בינענשטאָק.
נאָר אָט פון הינטן קלינגט אַ גלאָק.
דער פאָרהאַנג, ס'הייסט די טיר, פּראַלט אויף,
און אויף די ברעטלעך שטייגט אַרויף
פון לאַטעס אויפגעשטעפּט אַ ראָק,
אויף יעדער פוס אַן אַנדער זאָק
און ביז די אַקסל פּיאות צוויי.
ער וואַרפט דעם קאָפּ און טרייסלט זיי,
דער עולם לאַכט, מאַכט שטיל און הערט,
ווי ס'איז דעם ראָק אַמאָל באַשערט
געוועזן מיט חייקען זאַלבענאַנד,
צו שלעפּן גרענעץ־קאָנטראַבאַנד,
און ר'האָט מיט פּיאות זי באַוואַכט

פון זעלנערס ביקס — דער עולם לאַכט,
און ס'יידל מיטן רויטן קאַרק
אַז אַלע זאָלן זען, קלאַפּט שטאַרק.
דאַן קומט פאַן סטעפאַן מיט אַ ליד.
אַן אויגל ווינקט און ס'ציגל בריט
די זאַנפטע ווערטלעך גראַם אין גראַם,
עס רויטלען מיידלעך זיך פון שאַם,
עס לאַכן דאַמען אין די הענט,
אַן אויג איבער אַ וואָנסע ברענט,
און ס'זאָגט די יידענע צום מאַן:
— סאַראַ באַגאַבטער יונגערמאַן!
און לאַנג און הילכיק בראַוואָ קלינגט,
אַן אַנטעק מיט אַ מאַנקע זינגט,
עס צינדט אַן אויג, און ס'היצט געבליט,
ס'פאַרשווינדען פּאָרלעך אין דער מיט,
ס'באַהאַלט זיי נאַכט און ביימער־קרוין,
און דאַ אַ וואַלצער הערט זיך שוין,
אַ לאַכן קלינגט פון יעדן עק
און ס'גייט דער טאַנץ ביז טאָג אַוועק.

עס רוישן ביימער מאָרגן פרי, —
דער אַלטער דאָקטאָר שוין נישט הי.
עס ציט אַ פאָרהאַנג זיך אַרויף,
פון באַנק אַנטקעגן הויבט זיך אויף
אַ שוואַרצער ראָק, די הוט אַראָפּ.
זי נויגט אים גנעדיק צו דעם קאָפּ —
און ס'ווערט אין וואַלד אריין שפּאַצירט.
און ס'קומט פאַן סטעפאַן גלייך — ער פירט
דאָס שיינע ווייבל טריט ביי טריט
און זינגט אין אויער איר אַ ליד.

אַזוי ווערט דאָ אַ טאָג פאַרבראַכט.
און קומט אַראָפּ די אַלטע נאַכט
זיץ איך אַליין אונטער אַ בוים,
פאַר די אויגן יאָגט אַ ווייסע שוים,
אין מוח טומלט עפּעס ווילד,
און ס'האַכט, דער בוים — ער פרעגט זיך מילד:
— דערצייל וואָס טוט דיר אַזוי באַנג?
און כ'ענטפער: גרויס איז מיין פאַרלאַנג —
כ'וויל הערן דאָ אַ יידיש וואָרט,
אַ האַלבע מלוכה פאַר אַ וואָרט!
און ס'פאַלט דער בוים אין כעס אריין:

דו וועסט קיין מלך קיין מאָל זיין,
דיין העזה, פרעמדער, איז אומזיסט —
ס׳איז יידישקייט שוין לאַנג דאָ וויסט.

1912.

די נייע שול

שמאָלע געסלעך, אַלטע הייזער, און די שוועלן
האָט אין ערד אַריין פאַרגראָבן גראָבע צייט.
שאַרע שינדל־דעכער גרין מיט מאָך באַוואָקסן,
קרומע פריזבעס, און אויף פריזבעס אַלטע לייט.
גרינע שויבן, קורצע, קריצנדיקע טירן.
ווילסט אין שטוב אַריין — זיי מוחל, בייג דעם קאָפּ!
שמאָלע געסלעך מיט די שמאָלע טראָטואַרלעך
לויפן הויקערדיק־צעגראָבן באַרג אַראָפּ,
און אין טאָל דאָרט וואו זיי קומען זיך צוזאַמען
אין אַן ענגן סקווער מיט אויסגעצופּטן גראָז
שטייט אַ הויז געבויט פון רויע קיזלשטיינער,
שווער און טונקל ווי אַן אָרעמען ריטערס שלאָס.
אַזאַ מעכטיק הויז פון רויע קיזלשטיינער
צווישן געסלעך אַזוי הויקערדיק און שמאָל —
וועלכן ווילדן ריטער איז עס איינגעפאַלן
צו פאַרקריכן מיט זיין שלאָס אַהער אין טאָל?
נעמט מען אַן דעם פרעמדן פרעגער ביי אַן אָרעם
און מען פירט אים צו דער בלעך־באַקלאַפּטער טיר:
— זעסט פון ווייט דעם ארון קודש און די בימה?
זעסט ביים זייט דעם לאַנגן האַנטוך און דעם כיור?
אונדזער שול איז עס וואָס הייסט נאָך אַלץ „די נייע”,
כאָטש זי שטייט שין אַזוי כמה הונדערט יאָר.
און פאַרוואָס אַזעלכע ווענט פון קיזלשטיינער?
ס׳גייט אַ מעשה וועגן דעם פון דור צו דור.

*
**

קוק זיך צו צום אָפּגעסמאַליעטן פרוכת!
ס׳האָבן רעגנס שוין פון לאַנג אויף זאַמד צעשווענקט
די מצבות אויף די קברים פון די מתים
וואָס ער האָט נאָך אין די וויקעלעך געדענקט.
נאָר די שווערע ווענט פון שטיינער, און די טירן,
די מיט בלעך באַקלאַפּטע, דעמאָלט ניט געקענט.
ווי די חורבות אין די הויקערדיקע געסלעך,

האָט די אַלטע שול געהויקערט אירע ווענט
און אַראָפּגערוקט דעם דאַך איבער די פענצטער
און די שוועל געגראָבן טיפער אין דער ערד.
ס'האָט דאָך יעדער קלאָץ אין וואַנט אַזוי פיל תפילות
אין די לאַנגע פרומע יאָרן אויסגעהערט,
און אַזוי פיל זיפצן און געוויינען איינגעזויגן
און אַזוי פיל תורה און חידושים איינגעזאַפּט —
ווער ווייסט וואָגן אויף אַ וואַנט אַ האַנט צו הייבן?
ס'ווערט דער געטאָ־טויער יעדע נאַכט פאַרקלאַפּט,
ס'ווערן געטאָ־גאַסן יעדן טאָג אַלץ ענגער,
און עס וואַקסט אויך געטאָדיק אין ענגן שטיקל פעלד
מיט די שטאָקן קברים דער בית־עלמין דרויסן.
שלאָגט די שעה פון חצות פאַר די אויף יענער וועלט,
עפענען זיך אויף די זילע שטאָקן קברים,
און עס ווערט די שול מיט אַ געמורמל פול:
ס'האָבן מתים לעבנס אין די ווענט דאָ אָפּגעדאַוונט,
און פון דאָרטן ברענגט עס ווידער זיי אין זייער שול.
אַלץ איז זייערס דאָ — פון שוועל און ביזן באַלקן.
יעדער איינער האָט אין מזרח נאָך זיין שטאָט
וואו ס'איז ער, זיין זון און איניקל געשטאַנען —
אַלע מתים שוין. ס'ווייס יעדערער ווער ס'האָט
דעם פּרוכת אויסגענייט צום ארון קודש,
ווער צום עמוד האָט געקויפט דעם קופּער־בלעך,
ווערמענס מאַמע ס'האָט געטאַנצט מיט יעדער ספר־תורה,
ווערמענס ווייב ס'האָט מער אין פאַרמעט נאָדל־שטעך.
און אַז ס'שאָקלט זיך אַ לערנער ביי אַ גמרא,
קוקט אַ מת אַריין — ס'איז זיינער דאָך דער ש"ס.
און אַז איינער גיסט ביים טיר אָפּ נעגל־וואַסער,
האָט אַ מת געקויפט אַמאָל די קופּער־פאַס.
אַלץ איז זייערס דאָ, און זיי זיינען דער עולם,
יאָר אויף יאָר — אַלץ גרעסער זייער צאָל,
יאָר אויף יאָר — ווערט אַלץ געדיכטער דער בית־עלמין
און אַלץ ענגער ווערט דעם לעבעדיקן קהל.

⁂

יאָר אויף יאָר — און אַלץ באַפּעלקערטער די געסלעך,
און די הייזער רוקן ענגער זיך צונויף.
אָבער קלאַפּט דער יום־הדין — און פון דער גראָקייט
בלאַנקט די גאַס מיט זילבער־ווייסקייט אויף.
ווייסע פּנימער און ווייס־געפּאַלבטע קיטלען,
ווייסע זאָקן איבער בלאַנקע שוואַרצע שיך,

ווייסע טיכלעך איבער אויסגעווייַנטע אויגן,
ווייסע קליידער און אַ שרעק פֿאַרשטיקט אין זיך.
געלע וואַקס־ליכט, געלבע פֿאַלדן פֿון טליתים,
געלבע פֿלעמלעך אויף אַן אויסגעבלייכטער הויט,
געל און ווייס, ווי ס׳זאָל אַ גרויסן יום־טוב האָבן
און זיך אָנצינדן אין וואַקס דער ווייסער טויט.
פֿלעמלעך ציטערן פֿון אָפּגעהאַקטע אָטעמס,
אַקסל שאָקלען זיך אין פֿאַרכטיקן געברום,
נאָר די אויגן פֿונעם דאַוונער אינעם מחזור
און ער פֿילט נישט ווי דער שכן זיינער קומט.
שכנים קומען און זיי שטופּן זיך צוזאַמען,
ווערן לייבער ענגער אין די קיטלען איינגעדריקט,
אָבער ס׳ציילט נאָך גרויסע זינד די תפֿילה זכה
און מען פֿילט נישט ווי דער אָטעם ווערט פֿאַרשטיקט.
ס׳ווערט שוין איינגעשטילט דאָס ברומען פֿון דער תפֿילה
און ס׳פֿאַרגייט שוין אין געמורמל דאָס געוויין,
נאָר דער עולם הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו קומען,
נאָר דער עולם הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו גיין.
ווער און וואָס? עס איז שוין פֿול די שול און פּאָליש,
ס׳שטיקט דער אָטעם, קלאַנגען וואַרגן אין דער קעל,
און די פּנימער אין פֿלאַטערדיקע פֿלעמלעך
ווערן ווי די געלע וואַקס־ליכט טויטלעך־געל.
הייבט דער רבֿ אין מזרח אויף דעם קאָפּ צום עולם,
ווערט דאָס פּנים בלייכער, קוקט ער בלייך אַרום,
ווערט דער בליק פֿאַרשטאַרט פֿון שטומען שוידער,
נאָר צום שמש אויף דער בימה ווינקט ער שטום,
קלאַפּט אין טיש אַריין, קלאַפּט שטאַרק דער ווייסער שמש,
און די אויגן קוקן ציטריק צו דער טיר:
ס׳האָט דער עולם אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו קומען,
און אַלץ נייע דאַוונער שטיקן זיך אין איר.
קוים עס שפּאַרט זיך דורך דער חזן צונם עמוד,
עמעץ נעמט אַן דעם פּרוכת ביי אַ פֿאַלד,
נאָר איידער ער דעקט אָפּ דעם ארון קודש
זיינען שוין די טירלעך ברייט צעפּראַלט.
לויפֿט מען צו, מען כאַפּט דעם דאַוונער און מען טראָגט אים,
און דער רבֿ אַ בלייכער, בלייך צום חזן ווינקט.
מורמלט שוידער אינעם עולם, שוידער גליווערט
אין די אָדערן פֿון חזן, נאָר ער זינגט.
זינגט פֿאַרדומפּן, קוים ס׳באַוועגן זיך די ליפּן,
און אין שטיקעניש פֿאַרשלונגען ווערט דער קלאַנג.

אָבער פּלוצלינג נעמען ציטערן די פּלעמלעך
און די שול ווערט פול מיט הילכיקן געזאַנג.
קאַלט און גרילציק יאָגט זיך דורך אַ פרעמדע כוואַליע,
פּלעמלעך קאָרטשען זיך און טוקן זיך אין ווינט.
עמעץ פאַלט אַוועק, אַ דומפּער קלאַפּ און גרויל־געשרייען.
ערגעץ וויקלט זיך אַ יאָמער פון אַ קינד.
ס'לעשט זיך אויס אַ ליכט, זיי לעשן זיך און פאַלן,
און פון אויבן און פון אונטן פלעכט זיך איין,
ברעכט זיך איין אין גרילץ־געזאַנג אַ קינדער־יאָמער,
טויט־געשריי און ווי פון וואַרגנדיקער פּיין.
און אַריבער יאָמער, איבער ווייען און געשרייען
שטייט דער רב און גישט מיט זיין קול שרייט ער, שרייט:
— ווער ס'איז לעבעדיק — אַ ליכט אין האַנט זאָל נעמען!
האַלט די פלאַמען אויב איר לעבעדיקע זייט!
און דער חזן איז שוין טויט צו דר'ערד געפאַלן,
און פאַרשטומט איז שוין דער גרילציקער געזאַנג,
און פון אויבן און פון אונטן און פון ווינקלען —
אַ געשטופּ צום פאָליש, אַ געקוועטש און אַ געדראַנג,
און מען שטיקט זיך און מען פאַלט, מען טרעט אויף לייבער,
און מען רייסט זיך פונעם קנויל מיט קעפּ, מיט פיס, מיט הענט —
שטענדערס פאַלן, טישן פאַלן, פלאַמען פאַלן,
פלאַמען צינדן און די שול, די אַלטע ברענט — — —

***

מ'האָט אויף מאָרגן נאָכגעציילט וויפל מנינים
וויסע דאָונער ס'האָבן מתים יענע נאַכט
מיטגענומען אין די אָרעמס און אין דרויסן
צו די שטאָקן קברים זייערע געבראַכט.
מ'האָט אין רויכערדיקע גלאָוניעס דעם פּרוכת,
שטיקער פאַרמעט, שטיקער ספרים נאָך דערקענט,
און פאַר זיי שוין גישט פון קלעצער און פון ברעטער,
נאָר פון קיזלשטיינער אויסגעברייטערטע ווענט.
וואָס געמיינט האָט עס? די נייע שוועל און טירן
זאָלן, פרעמד די מתים, זיין פאַר זיי אַ צוים,
אָדער צווישן ברייטע ווענט און הויכן באַלקן זאָל אויך
פאַר די לעבעדיקע צווישן מתים זיין געררום?
און אַז ס'קומט די נאַכט און ס'בלייבן פּרושים זיצן
איבער ספרים ביי אַ געלבן ליכטל־שיין,
בייגן ווידער זיך די מתים איבער אַקסל
און זיי קוקן אינעם געלבן בלאַט אַריין.

.1915

די גאָלדענע פּאַווע

אַמאָל איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
צום היימישן לאַנד איבער טייכן און ימען
און האָט אין די פליגל אַ בריוול געטראָגן,
אַ גרוס פון אַ קינד אין דער פרעמד צו אַ מאַמען.

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
און האָט אירע פליגל פאַרמאַטערט פון פליען.
אין וואַלד אויף אַ בוים איז זי זיצן געבליבן
צו רוען ביז טאָג וועט די הימלען צעגליען.

אין וואַלד איבער נאַכט איז געבליבן די פּאַווע
ביז ס'האָט זיך צעגליט אויף באַגינען דער הימל.
די נאַכט איז געפאַלן און טאָג איז געקומען,
נאָר ס'האָט נישט דערוואַכט שוין די פּאַווע פון דרימל.

אַוועק איז אַ טאָג און אַ נאַכט און אַ מאָרגן,
אַוועק זיינען וואָכן, חדשים און יאָרן —
אַ בייזער מכשף דעם וואַלד האָט פאַרשלעפערט,
און ס'איז אויך די פּאַווע פאַרכשופט געוואָרן.

פאַר וועם ס'האָט די צייט זיך געשלעפט, ווי פון סמאָלע,
פאַר וועם זיך געיאָגט, ווי אַ פייל פונעם בויגן —
אַלץ איינס איז געוועזן דעם וואַלד און דער פּאַווע,
ווי לאַנג ס'האָט פאַר זיי זיך דער כשוף געצויגן.

ביז איינמאָל אַ טאָג זיינען העקער געקומען
און פורן מיט פערד צו פאַרנעמען די קלעצער, —
און דאָרט, וואו ס'האָט פריער דער כשוף געפינצטערט,
האָט זונשיין באַלויכטן די נאַקעטע פלעצער.

פאַרטריבן דעם כשוף האָט זון און גערודער,
צעטרייסלט די פינצטערע ביימער פון דרימל,
און ס'האָט אויך די פּאַווע געעפנט די אויגן
צו זוכן איר וועג אינעם לויטערן הימל.

געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
צו טראָגן איר גרוס מיט די היימישע וועגן,
געקוקט און געזוכט, נאָר זי האָט נישט דערקענט שוין
די לענדער, וואָס זיינען געקומען אַנטקעגן.

וואו זיינען די כוואַליעס פון גאָלדענע פעלדער?
וואו זיינען די געסטן אויף שטרויענע דעכער?
עס ציען זיך אייזערנע וועגן, ווי שלאַנגען,
עס הייבן זיך קוימענס פון סאָסנע־בוים העכער.

און וואו נישט וואו זעט זי אַ באַרג אַ באַקאַנטן
און ערגעץ אַ וואַסער, וואָס פליסט אין זיין בעקן,
און שנעלער איר וועג פליט די גאָלדענע פּאַווע
און שניידט זיך דורך טונקעלע וואָלקנס פון שרעקן.

שוין באַלד איז זי נאָענט. דאָרט קען זי דאָס געטל,
דעם בוים פאַרן פענצטער און שנירל ביים לאָדן.
אַ קלאַפּ אין דער שויב, און די מאַמע, די אַלטע,
דעם גרוס פון איר קינד וועט אין טרערן אויסבאָדן.

שוין באַלד איז זי דאָרט. און אָט וועט זיך פון וויטן
אַ רויך פון די ליימענע קוימענס באַווייזן — — —
שוין באַלד — און אָט רייסן זיך וואָלקנס פון קוימענס,
פון שטיינערע קוימענס אויף דעכער פון אייזן.

עס דריקן זיך טונקעלע דעכער צוזאַמען,
און מויערן שוואַרצע, און גאַסן געדרייטע —
און ס׳פלאַטערט דאָס האַרץ ביי דער גאָלדענער פּאַווע —
וואו זיינען די ביימער, די לאָנקעס, די קווייטן?

עס פלאַטערט איר האַרץ, און זי הערט נישט די קולות,
און זעט נישט אַרום די פאַרוואונדערטע בליקן,
און פילט נישט, ווי עמעצער כאַפּט זי און טראָגט זי,
און טראָגט זי אין אייזערנע אָרעמס, וואָס שטיקן.

געפאַנגען, געפאַנגען, די גאָלדענע פּאַווע
אין הילצערנעם שטייג הינטער אייזערנע שטאַנגען,
און ס׳קומען דער פאַנגער און שכנים צו קוקן,
ווי שיין ס׳איז די פּאַווע אין שטאַנגען געפאַנגען.

און ס׳קוקט אַ פאַרגאַפטע דאָס ווייב פונעם פאַנגער,
און בייסט זיך די ליפּן און שנירלט די ברעמען —
אך, וואָלט זי געקענט פון דער פּרעכטיקער פּאַווע
אַ פעדער, אַן איינציקע פעדער כאָטש נעמען!

אַך, וואָלט זי געקענט נאָר! ... און איינמאָל, אַ בלייכע,
האָט זי זיך אַריבערן שטייג איינגעבויגן,
אַראָפּ אויף דער גאַס, און ס׳האָט איבער איר שטערן
אַ גאָלדענע פעדער פאַרשימערט די אויגן.

אַ פעדער פון בלוי, וויאָלעט און פון גינגאָלד,
וואָס גיסט זיך אין שייך, ווי די זון אין אַ רעגן —
און ס׳קוקן פאַרגאַפּטע די מענטשן אין דרויסן,
וואָס גייען איר נאָך און וואָס קומען אַנטקעגן.

אויף מאָרגן באַגינען — מען קלאַפּט אין די טירן:
— פאַר וויפיל פאַרקויפסטו דער פּאַווס אַ פעדער?
אַ רענדל? צען רענדלעך? אַ זעקל מיט רענדלעך? —
און ביטלען מיט גאָלד אים אַנטקעגן טראָגט יעדער.

פאַרבלענדט איז דער פּאַנגער פון גאָלדענעם שימער,
און ביז נאָך די זון יענעם טאָג איז פאַרגאַנגען
זיך אויסגעפּוצט האָבן צען גבירישע ווייבער
אין גאָלד פון דער פּאַווע אין שטאַנגען געפאַנגען.

צען גבירישע ווייבער אין פראַכט פון דער פּאַווע,
אַ פעסל מיט גאָלד ביי דעם פּאַנגער פאַרבאָרגן,
און ס׳ליגן צען טויזנט ביינאַכט אין די בעטן
און ברענען פון קנאה ביז גראָען פרימאָרגן.

געשטאָרבן שוין לאַנג איז די גאָלדענע פּאַווע.
איר שטייג אויפן בוידעם — צעפאַלן אין שפּענדלעך,
דאָך ווימלען די גאַסן מיט פעדערן־פאַרבן,
און ס׳ווימלען ביים פּאַנגער אין פעסער די רענדלעך.

פון וואַנען די פאַרבן, ווען טויט איז די פּאַווע?
און רענדלעך אַזוי פיל, אויף גאָלד כאָטש צו טרעטן?
דער סוד איז ביים פּאַנגער, דאָס גאָלד — פון די מענער
מיט ווייבער פאַרוויינטע ביינאַכט אין די בעטן.

דאָס גאָלד איז פון פּריצים אין זיידענע קאַטשן
און יונגען, געדונגען צו שלעפּן די לייצעס,
פון לוסטיקע יורשים און שטילע חתנים,
וואָס טראָגן דאָס גליק, ווי אַ האָרב אויף די פּלייצעס.

דאָס גאָלד גיט אַ פעדער, די פעדער גיט ליבע.
איז — וויפל ווער ס'האָט, איז אים קליין דאָס פאַרמעגן.
און ס'ברענען די אויגן מיט בלוטיקער שנאה
ביי יענע וואָס קענען דאָס גאָלד נישט באַלייגן.

מען זאָגט, אַז פון בלוט, וואָס דאָס גאָלד האָט געצויגן,
איז רויט שוין דאָס האָלץ פון די האַרטע וואַרשטאַטן,
און ס'האָט שוין די בלוטיקע שנאה נישט איינעם
פאַרטריבן צום טויט הינטער אייזערנע גראַטן.

און וואו נאָר ס'באַוויזט זיך די גאָלדענע פעדער,
צעפאַלן — דערציילט מען — די פרידלעכע הייזער,
און ס'בלייבן אָן מאַמעס די קינדער אין וויגן,
און ס'וויינען פאַרלאָזטע יתומים אָן שפייזער.

עס וויינען אין הייזער פאַרלאָזטע יתומים
און ס'רופן די קינדער אין וויג נאָך אַ מאַמען,
נאָר ס'איז שוין נישטאָ מער קיין גאָלדענע פאַווע
צו טראָגן דעם גרוס איבער לענדער און ימען.

1918.

שלום בער

שפעט ביינאַכט
בין איך פאַרבייגעגאַנגען דעם קצבישן בית־מדרש
און האָב דערזען אויף די טרעפּלעך זיצן עמעצן
די עלנבויגנס אויף די קני,
דעם קאָפּ איןביידע הענט,
און ס'האָט מיר אויסגעדאַכט,
אַז דאָס איז שלום בער, מיין טאַטנס אַ ידיד.
ער איז אַמאָל געווען אין ארץ ישראל
און יעדן שבת פלעגט ער קומען טרינקען טיי צו אונדז
און רעדן מיטן טאַטן וועגן חיבת ציון.
צוליב דער שווינדזוכט זיינרע האָט די מאַמע
פאַר אים געהאַלטן אַ באַזונדער גלאָז און שאָל
וואָס פלעגט מיך שרעקן פון אַ ווינקל אויף דער גראַטקע.
און איך געדענק דעם אָוונט
ווען דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק
און זיך געווישט די שייבלעך פון די ברילן.
די מאַמע האָט געוויינט
און ס'איז פון דעמאָלט אָן די גלאָז און שאָל פאַרשוואונדן.

האָב איך פון אָנבליק זיינעם אָנגעהויבן שוידערן.
דאָך צוגעגאַנגען און געפרעגט:
— וואָס טוט איר דאָ, ר׳ שלום בער?
פון קוק זיינעם האָב איך געזען, אַז ער האָט מיך דערקענט.
— וואָס איז דער חילוק?
דאָס בין איך גלאַט אַזוי אַהערגעקומען
אַביסל זיצן אויף די טרעפּלעך פון בית־מדרש.
— פאַרוואָס זשע גייט איר נישט אַריין?
— נישטאָ קיין אָרט. אַזוי פיל יידן, קיין עין הרע,
און יידענעס און קליינע קינדער
אויף אַלע טישן, בענק און אויפן דיל —
איך וועל שוין בעסער זיצן דאָ.
— און דאָרט, וואו איר זייט שטענדיק?
— ס׳איז דאָרט קיין רו נישט. נעכטן אָוונט
האָבן זיך צוויי יידענעס צעשלאָגן אויף מיין קבר.
ביי מיר איז אָנגעוואַקסן מערער גראָז —
האָט איינע, אַן אלמנה, אַלץ געשריען,
אַז זי איז היינט געקומען דאָ די ערשטע
און די צווייטע, מיט אַ מאַן אַ קראַנקן, האָט געטענהט,
אַז זי איז שוין געווען דאָ פריער.
נו, איז געוואָרן אַ געטומל און פון אַלע קברים
זיינען אָנגעלאָפן יידן, יידענעס און קינדער.
אַ צער! מען האָט פאַראומרייניקט דאָס פעלד
און אומעטום געוויין, געשריי און ניבול פה.
מען קען ניט איינליגן. נאָך גוט, וואָס איצט איז וואַרעם.
וואו וועלן זיי זיך הינטאָן, אַז ס׳וועט ווערן קאַלט,
און אַלע בתי־מדרשים זיינען פול
און קיין הייזער איז נישטאָ. אוי, ווי איז מיר!
— איז גייט איר אַלע נאַכט אַוועק פון דאָרט?
— ביינאַכט, בייטאָג — וואָס איז דער חילוק?
זיי זיינען דאָרטן, בין איך דאָ.
דאָ שטאַרבט מען אויבעט יעדן טאָג —
איז היימלעכער דעם מת, אַז איך בין דאָ.
און דאָרטן — ווייסט? — דאָרטן האָבן זיי פאַר זיך
געמאַכט באַזונדער אַ בית עלמין אויפן פעלד.
הם! אַז דער בית עלמין איז פאַר לעבעדיקע,
מוז מען דאָך פאַר מתים אַ בית עלמין האָבן —
זיי מיינען — ס׳איז אַ חילוק...
ער האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ,
און איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט זיצן

ביים גלעזל טיי, האָב איך זיך אָפּגערופן:
— כ׳האָב געמיינט, אַז מתים פון די קברים
קענען וואַנדערן אַרום דער גאַנצער וועלט.
— וואָס מיינסטו?
— אַז איר קענט גיין, וואוהין איר ווילט,
וואָס גייט איר נישט צוריק אין ארץ ישראל?
ער האָט אַ צוק געגעבן מיט די אַקסל:
— איך בין שוין דאָרט געווען איינמאָל.
און אַז איך האָב געהאַט דאָס גליק צו שטאַרבן פריער
און קען אַנטלויפן, וואו איך וויל — איז וואָס?
וואָס ציטערסטו? עס איז שוין קאַלט אוודאי.
האָסט וואו צו שלאָפן, אָדער אויך דאָ אין בית־מדרש?
און זיי דאָרט, אויף די קברים, ווי איז מיר!
נו, גיי, גיי שלאָפן! — כ׳בין געבליבן שטיין:
צי קומט אַ מת אַ „גוטע נאַכט" צו זיין?
האָב איך געזאָגט: — איך גיי שוין!
— גיי, גיי! עס איז דיר קאַלט אוודאי.
געגעסן האָסטו עפּעס היינט?
דערציייל נישט קיינעם, אַז דו האָסט מיך דאָ געזען.
ראשית — קען מען דיר נישט גלייבן, והשנית —
בעסער דאָך אַזוי. נו, גיי גיי שלאָפן! —
כ׳בין אָפּגעגאַנגען בלויז אַ צענדליק טריט
און האָב זיך אומגעקוקט:
ער איז געזעסן אויף די טרעפּלעך פון בית־מדרש,
די עלנבויגן אויף די קני,
דעם קאָפּ איןביידע הענט.
פּלוצלינג האָט פון דאָרטן זיך דערהערט
דאָס וויינען פון אַ קינד, און עמעצער מיט פייער
האָט זיך גענומען גיין צום פענצטער.
איז מיך אַ שרעק באַפאַלן — טאָמער מאַכט מען ליכטיק
און איך וועל זען, אַז קיינער זיצט נישט אויף די טרעפּ,
האָב איך זיך מער נישט אומגעקוקט.

.1920

ריין בלוט

— פון אונדזער גאַנצער משפחה
זיינען מיר צווייען פאַרבליבן:
איך, יואל, און מיין שוועסטער לאה.
צוויי טעג זיינען מיר געלעגן באַהאַלטן
און קיין אויג נישט צוגעטאָן.

אויפן דריטן טאָג,
ווען די שיין פון דרויסן איז אַנטרונען,
האָבן מיר, דערפרוירענע פון הונגער און קעלט,
זיך איינגעטוליעט איינס אין צווייטן
און זיינען איינגעשלאָפן.
מיטאַמאָל האָב איך פון שלאָף דערהערט
ווי די טיר פון אונדזער באַהעלטעניש עפנט זיך
און ער קומט אַריין.
גישט געזען אים, אָבער געפילט,
אַז דאָס פנים זיינס איז דאָס פנים פון אַן אָקס,
אַז פון זיין לייב וועלן פיילן אָפּשפּרינגען,
אַז דער צוואַנג פון זיינע פינגער איז טויט —
און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו מיין שוועסטער.
איך האָב געהערט זיינע טריט, שווער און שטומפּ,
און מיינע הענט האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין מיין שוועסטערס לייב —
לאָמיר צוזאַמען אומקומען
איידער ער וועט אונדז פונאַנדעררייסן.
אָבער ער איז צוגעקומען נאָענט. כ׳האָב דערשפּירט
ווי ס׳ווערט אָפּגעדעקט די נאַקעטקייט פון איר לייב
און דערהערט איר קול
אין דערוואָרגענע קרעכצן און אויסגשרייען.
האָב איך זיך גענומען ראַנגלען פאַר איר
און ווילדער זיינען געוואָרן אירע פאַרשטיקטע געשרייען,
און איינגעקלאַמערט אין איר
האָב איך אַליין מיט חיהשע קולות
אויסגעטראָגן זיינע קלעפּ און דעם צוואַנג פון זיינע פינגער,
ביז ער האָט אונדז בייגעקומען,
מיך און זי — אונדזביידן בייגעקומען.

דערנאָך האָב איך געהערט מיין שוועסטער כליפּען,
אָבער מיין קאָפּ איז געווען שווער
און מיינע הענט האָבן זיך נישט גערירט.
אַז די גרויקייט פון טאָג האָט זיך גענומען אַריינשלאָגן,
האָב איך זיך אַ כוח אָנגעטאָן און געעפנט די אויגן.
איר נאַסע באַק האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיין פנים
און איך האָב דערהערט ווי זי זאָגט:
— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?
— איך האָב דיך געוואָלט באַשיצן פון אים.
— פון וועמען?
— פון אים.

— אָבער דאָ איז דאָך קיינער נישט געווען.
— קיינער?
האָב איך אַ צעמישטער איר האַנט אָנגעכאַפּט,
האָט מיך דורכגענומען די זיסקייט פון איר לייב:
און איך האָב זיך דערמאָנט.

האָב איך צו איר אַזוי געזאָגט:
— פון דעם גאַנצן הויז פון אונדזער פאָטער
איז קיינער נישט געבליבן
אויסער איך, יואל, און דו, מיין שוועסטער לאה.
חרוב און אומריין איז געוואָרן די וועלט
און דאָס ריינע בלוט פון אונדזער משפחה
האָט געדאַרפט אונטערגיין.
האָט גאָט אַ נס געטאָן
און געשיקט דעם שרעק אין אונדזער באַהעלטעניש
ער זאָל מיך לערנען
ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דאָס ריינע בלוט
פון אונדזער פאָטערס הויז.
וואָלסטו דען בעסער וועלן פאַר אַ מאַן
יענעם וואָס האָט געזאָלט קומען ביינאַכט?
האָט זי מיך מיט די שוואַכע הענט אַרומגענומען
און געקושט מיך און געוויינט.

אויפן פערטן טאָג האָבן מיר דערהערט
ווי דער גערויש פון אַלע טעג
קומט ווידער אויף דער גאַס
און מיר זיינען אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש.
דערנאָך בין איך אַוועק צום רב און האָב געזאָגט:
— רבי, עס איז געשען אַ נס!
מיין שוועסטער לאה איז ניצול געוואָרן פון דער טומאה
און זי איז געוואָרן מיין ווייב.
האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט ווילדע אויגן
און דאָס אָפן מויל איז אים געוואָרן פאַרגליווערט.
האָב איך ווידער געזאָגט:
— פאַרוואָס שעלט איר נישט, רבי?
ארור שוכב עם אחותו בת אביו או בת אמו...
און אַז די ווערטער זיינען אים נאָך אַלץ געווען געליימט,
האָב איך אים אונטערגעזאָגט:
— רופט מיך צו אַ דין־תורה, רבי!
רופט מיך צו אַ דין־תורה מיט דער תורה, רבי!
וואָס איז איר ליבער, דער תורה:

דאָס הינטיש בלוט אין די לייבער פון אונדזערע טעכטער,
אָדער דאָס ריינע בלוט פון אַ ברודער אין זיין שוועסטערס לייב.
און בין אַוועק פון זיין הויז.

איך גיי אין גאַס
און אויף מיין אָרעם איז אָנגעשפּאַרט די האַנט
פון מיין בלייכער ווייב.
קומען אַנטקעגן אירע חברטעס
מיט טראַנטעס אויפן לייב צו פאַרשטעלן זייער מוטערשאַפט.
דרייען זיי די קעפּ אַוועק פון אונדז,
פון ברודער־שוועסטער, די פאַרשאָלטענע.
אָבער לאה, מיין ווייב,
קוקט זיי נאָך מיט רחמנות און פּיין:
יענע וואָס האָבן פאַרפלאַנצט דאָס רוצחיש בלוט אין זיי
זיינען אַוועקגעריטן אויף די ווילדע פערד
און וועלן נישט קומען האַלטן זייער אָרעם.
דריקט זי זיך נעענטער צו מיר
און אירע פרומע אויגן ווערן פייכט.

אַז זי וועט געבוירן אַ זון,
וועל איך אים אַ נאָמען געבן נאָך אונדזער טאַטן,
און דעם טאַטנס הויז וועט ווידער אויפגעבויט ווערן.

.1920

דאָקטאָר לוקאַוו

דרייצן יאָר האָט דאָקטאָר לוקאַוו
אָפּגעלעבט אין שטאָט, און דרייצן יאָר
האָבן זיך אויף אים געגאָסן
אַלע קללות פון דער תוכחה.
אָנגעקומען איז ער איינמאָל אַ נאָך סוכות,
ווען דאָס מיליטער, וואָס איז אין שטאָט געשטאַנען,
האָט זיך אומגעקערט פון האַרבסטיקע מאַנעווערס,
און דאָס ערשטע האָט מען זיך דערוואוסט,
אַז אָנשטאָט דעם אַלטינקן דיוויזיע־דאָקטאָר,
וואָס פלעגט זיצן אין קאָמיסיע,
וועט שוין זיין דער נייער.
מ׳האָט קוים צייט געהאַט זיך אומצוקוקן,
איז דער פּריזיוו אָנגעלאָפן.
זיבן ערשטע לגאָטעס האָט ער אָפּגעגעבן,
צוגענומען בני־יחידים,

ניט געהאַט קיין איינזעניש אפילו
מיט ר׳ יאָסעלע דעם רבס, אַ טאַטן פון אַ קינד,
וועמען מ׳האָט פאַרשיקט אַזש קיין ראַסיי
(מ׳האָט אים אויסגעלייזט ערשט אין אַ יאָר אַרום).
ס׳איז געוואָרן חושך:
טאַטעס האָבן אָנגעהויבן טראַכטן
וועגן צושרייבן די זין אין פרעמדע שטעט,
בחורים זיינען געלאָפן קיין אַמעריקע,
כלות האָבן נאָכגעחיינט, און מאַמעס
האָבן מיט געבראָכענע הערצער
כל׳ערליי פורעניות אויף זיין קאָפּ געבעטן.
צו די אייגענע יללות זיינען באַלד
צוגעקומען די יללות פון די פרעמדע טאַטע־מאַמע,
וועלכע זיינען פון פאַרשידענע מקומות
אָנגעקומען אויסצולייזן דאָ די זין.
מ׳איז געלאָפן צו פאַדראַטשיקעס און מעקלער,
וואָס ביים פריערדיקן דאָקטאָר פלעגן
אָפּשפּאָרן אַ נדן פון אַ פריזיוו,
מ׳האָט געוואָרפן טויזנטער,
אָבער קיינער האָט צו אים קיין צוטריט נישט געהאַט,
און די ערשטע ניי־געקומענע רעקרוטן,
וואָס האָבן דערשלאָגן זיך צו זיין שפּיטאָל,
האָט ער גלייך פאַריאָגט מיט אַ געשריי:
— כ׳זאָל דאָ מער קיין יידנס נאָז נישט זען!

אַז דער פריזיוו איז אַוועק,
האָבן יידן אָנגעהויבן טראַכטן:
האָט דאָך יעדער גוי עפּעס אַ שוואַכקייט,
און וואָס הייסט — מען קען נישט אָפּקויפן אַ רשע?
האָט מען אָנגעהויבן נאָכצושפּירן
וואו ער גייט און וואָס ער טוט: גאָרנישט!
וואוינט אַליין מיט צוויי באַדינער אין אַ הויז
ווייט אַרויס צום פעלד,
גייט נישט מיט קיין ווייבער, טרינקט נישט,
שפּילט קיין קאָרטן נישט.
אָבער יידישע עקשנות האָט קיין שיעור נישט,
און מען האָט געפּועלט ביי אַ יונגן קאַפּיטאַן,
ער זאָל ווען עס איז אין אָפיצערן־קלוב
פאָרשטעלן פאַר אים וולאַדימיר מירקין,
דעם פאַדראַדטשיקס זונדל.
דאָקטאָר לוקאָוו האָט אים אָפּגעמאָסטן,

האָט אַ ברום געטאָן: קריכט אויך אַהער! —
און זיך אָפּגעקערט צוביידן מיטן רוקן.

איינמאָל איז ביי משה שניידער
קראַנק געוואָרן ס׳יינגסטע מיידל
און דאָקטוירים האָבן איר דאָס לעבן אָפּגעזאָגט:
סיידן גלייך אַרונטערברייגנען אַ פּראָפעסאָר
אָדער רופן דאָקטאָר לוקאָוו.
האָט זיך משה איינגעשטעלט,
איז אַוועק און אים געפאַלן צו די פיס:
— עקסעלענץ! מיין קינד!
גאָט און איר, איר קענט מיר העלפן.
האָט ער אים אַ הויב געטאָן פון דר׳ערד
און צושריען זיך:
— העלפן! העלפן! ווייטער וויים מען נישט, נאָר העלפן!
נאָר מען וואַרפט זיך יעדן איינעם צו די פיס,
נאָר מען בעט זיך „העלפן״!
אָבער מיטגעגאַנגען איז ער,
האָט געמאַכט די אָפּעראַציע און געוואָרטשעט:
— ווען שוין! ווען שוין זיין געזונט!
פלאַדיען קינדער ווי די ווערעם און זיי קרענקען,
אויסגעראָטן זאָלט איר ווערן!
וואָרטשענדיק האָט ער אויך אָנגעזאָגט דעם רופא,
ווי זיך מיט דער קראַנקער אומצוגיין
און אַ קלאַפּ געטאָן פון דרויסן מיט דער טיר.
נאָכטראָגן אים געלט האָט משה זיך געשראָקן,
אָבער אַז דאָס קינד האָט זיך בשלום אויפגעהויבן,
האָט ער מיט אַ שטיקל טייערן געוואַנט
אָפּגעוואָרט אים פאַרן הויז און זיך צעשטאַמלט:
—טוט מיט מיר אַ חסד, גענעראַל!
לאָזט זיך מאַכן אַ שינעל!
לוקאָוו האָט אים אָנגעכאַפּט ביים קאַרק
און געגומען טרייסלען: — וואָס? מתנות?
ווילסט מיר אַ מתנה מאַכן?
אָפּגעלאָזט אים און אריין אין הויז.
משה האָט זיך אָפּגעטראָגן, נאָר אין מיטן וועג
האָט אים אָנגעיאָגט אַ דינער און צוריקגעבראַכט
און ער האָט געהאַט דערנאָך חידושים צו דערציילן:
ווי דער גענעראַל האָט זיך געלאָזט אַ מאָס נעמען
און פאַרויס באַצאָלט פאַרן שינעל,

װי ער האָט געהייסן אים דערלאַנגען טיי
און געזאָגט, אַז פֿון אַ גלאָז איז כשר,
און װי ער אַליין, דער שנײַדער הייסט עס,
האָט געקוקט אויף יענעמס גרויע האָר און ברוינע אויגן
און געטראַכט אין האַרצן, אַז װען נישט די װאָנצעס
װאָלט ער גאָרנישט אויסגעזען אַזאַ מין רשע.

יענעם יאָר, און גראָד אין מיטן פּריזיװ,
האָט זיך נאָך עפּעס פֿאַרלאָפֿן.
קיילע די אלמנה, װאָס פֿלעגט טראָגן פֿיש אין רײַכע הײַזער,
האָט געפֿירט איר זון צום פּריזיװ.
ס׳איז געװען אַ בחור װי אַ דעמב,
און אַ זשערעב האָט ער אויך געצויגן גאָר אַ קלײנעם —
האָבן שוין די באַלעבאָסטעס אין די קיכן
צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף קיילען.
יענעם טאָג אָבער,
װען דער בחור האָט געדאַרפֿט זיך שטעלן,
האָט זיך קיילע אויפֿגעהויבן מיט די הענער גלײַך,
אויפֿגעװעקט די קלענערע, זיי אויסגעצװאָגן,
אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטעס און קליידלעך
און מיט פֿיר יתומים בײַ די הענט
זיך אָװעקגעשטעלט בײַם טיר פֿון דאָקטאָר לוקאָװ.
אַז דער דאָקטאָר איז אַרויס,
האָט זי אים אַרומגערינגלט מיט די קינדער
און געזאָגט:
— פֿריץ לעבן, װעסט פֿון דאַנען קיין טריט נישט מאַכן,
אויב דו װעסט מיר אויפֿן שטעל נישט צוזאָגן,
אַז איך װעל נאָך הײַנט מײַן בחור האָבן אין דער היים.
זעסט די פֿיר יתומים?
איך אַליין האָב נישט קיין כּוח זיי צו דערנערן,
װעסטו מיר דעם שפּײַזער צונעמען,
ברענג איך זיי צו דיר — דערנער זיי דו. —
דאָקטאָר לוקאָװ איז געבליבן שטיין, זיך צוגעהערט,
זיך אַרומגעדרייט אין רינג, װאָס אַרום אים,
און צום ערשטן מאָל, אַז עמיצער זאָל זען,
אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.
לאַכנדיק אין פּנים דער צומישטער יידענע
האָט ער זי געקלאַפּט איבער די שולטערן,
זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַ פֿולן מויל
און געשריען: — דאָס איז גוט! אַזוי איז גוט!
לאַכנדיק האָט ער זיך פֿון דעם רינג אַרויסגעדרייט,

האָט דעם גאַנצן וועג געקוואַלן,
און ווען קיילעס זון האָט זיך געשטעלט,
איז ער צוגעגאַנגען, אים געפּאַטשט איבער דער הוילער פּליצע
און געטענהט אים אין פּנים:
— אָט אַ שיינער בחור? ווילסט אַ גרענאַדיר זיין?
יענער האָט געציטערט און געשוויגן.
האָט ער אים אַ נעם געטאָן ביים באָרד,
ווי מען נעמט אַ קינד אָן, און געזאָגט:
— גיי, די מאַמע וואַרט דאָך אויף דיר אונטן.
אָבער זע זאָלסט זיין אַ גוטער זון.
הערסט? וויל טאָמער נישט — — —
וואָס־זשע שטייסטו ווי אַ גולם?
טו זיך אָן און גיי אַהיים!
די קאָמיסיע האָט געקוקט דערשטוינט,
ס׳האָט די שטאָט גערעשט אַ גאַנצן טאָג,
אָבער מער נישט ווי דעם טאָג:
מאָרגן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן
אַלצדינג ווי געווען.

ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוואוינט צו אים,
ווי מען ווערט געוואוינט צו יעדן אומגליק.
זען פלעגט מען אים אָפטער, ווייל מיט יאָרן
האָט ער צוגעקראָגן אַ משונהדיקע טבע:
פלעגט אַ טאָג אַמאָל זיך נעמען גיין,
און וואו נישט געזייט, דאָרט וואַקסט ער אויס.
זומער־טעג, די ווייבער זיצן פאַר די שוועלן,
גייט ער דורך און זעט אַ קינד אין גאַס,
בלייבט ער שטיין און שרייט:
— ווער איז דאָ די מאַמע?
לויפט די יידענע אין שרעק און ער שרייט ווייטער:
— מילך דאַרף מען אים געבן, מילך!
האָסט קיין געלט נישט, האַ?
שלעפּט זיך אום דער מאַן און זוכט פאַרדינסטלעך?
שעלט ער אָן און גייט אַוועק.
און די מוטער שיקט אים נאָך אַ קללה
און שפּייט אויס דריי מאָל.

ס׳איז געוואָרן די מלחמה — מיטן גאַנצן חייל
איז אַוועק אויך דאָקטאָר לוקאָוו,
און עס איז אַ צייט געקומען,

וועג מען האָט פֿאַרגעסן נישט נאָר אים אַליין.
קוים אַ הייפּל יידן איז אין שטאָט געבליבן,
וועג עס האָט זיך אָנגעהויבן איינשטילן
און מען האָט געמיינט — עס האַלט שוין ביי אַ סוף.
ציַיטונגען האָבן גענומען אויספּויקן די בשורות
פֿון אַ נייער מלכות, וואָס איז לויטער חסד,
דורך דער שטאָט האָבן זיך זעלנער־קאַליקעס געצויגן
צו די נייע היימען, און פֿון פֿרעמד
האָבן תושבים זיך גענומען אומקערן,
אויפֿגעזוכט די אָפּגעברענטע הייזער,
אויפֿגעקלאַפּט זיך בודעס, אויפֿגעשלאָגן קלייטן,
פּויערים האָבן זיך צוריק באַוויזן,
אָנגעשטאָפּט מיט געלט, גענומען קויפֿן, האַנדלען —
שטאָט האָט אָנגעהויבן ווערן שטאָט, און איינמאָל
ווי פֿון אונטער דר׳ערד אַרויס,
איז ביי משה שניידער, אויסגעוואַקסן דאָקטאָר לוקאָוו,
עלטער און נאָך בייזער, דאַכט זיך, ווי געווען,
נאָכגעפֿרעגט, וואָס מאַכט דאָס מיידל
און געהייסן זיך אַ מאָס נעמען
אויף ציווילע קליידער.
אויסגעטאָן פֿון זיך דעם גענעראַל,
און צוריק באַזעצט זיך אין זיין אַלטן הויז.
באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן יאַוועג באַנדעס,
איבערפֿאַלן הייזער, קלייטן,
ראַבעווען און ממיתען —
און נאָך יעדן איבערפֿאַל איז לוקאָוו
אומגעגאַנגען צווישן די צערויבטע קלייטן,
מיטן שווערן שטעקן אָנגעטאַפּט
יעדן שטיק צעבראָכן חפֿץ,
ווי עס שמעקט אַ הונט נאָך אַ געשלעג צום בלוט,
און געוואָרטשעט: — נאָך אַמאָל געשלאָגן, האַ?
און אַז ער איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו אַ קרעמער,
וועג ער האָט די רעשטלעך פֿון זיין האָב געקליבן,
און אַ זאָג געטאָן: — קלייב, קלייב!
נישט נאָר דאָס וועט דאָ נאָך זיין! —
האָט מען מער שוין קיין התראה נישט געדאַרפֿט
און מען האָט גענומען גרייטן בוידעמער און קעלערס.

ס׳איז נישט באַלד געקומען, אָבער ס׳איז געקומען.
צוויי מעת־לעת האָט סקאַלאָזוב געלאָזן
די קאָזאַקן זיינע הוליען.

אויפֿן דריטן טאָג האָט ער געשיקט
נאָכן רב און בעלי־בתּים,
זיי געבעטן זיצן, פֿון זיין גאָלדענעם ציגאַרן־טאַש
זיי באַטיילט מיט פּאַפּיראָסן און געזאָגט,
אַז ער מיינט, חלילה, נישט קיין שלעכטס,
אַז ער האָט די שטאָט געוואָלט בלויז אָנשרעקן,
אַז מען מעג שוין צונעמען די מתים פֿון די גאַסן,
און אויב שטאָט וועט בלייבן אים געטריי,
וועלן זיינע ייִנגלעך גוטע ייִנגלעך זיין.
האָט מען אויפֿגענומען געלט און צירונג,
וואו אַ זעקל מעל און פֿוד קאַרטאָפֿל,
וואָס איז גאַנץ געבליבן אין די קעלערס,
אָפּגעפֿירט צו סקאָלאָזובען,
און מיט שבֿעה־זיצער אין די הייזער
און מיט ווייב און טעכטער כּליפּענדיקע
אויפֿן שמאַך פֿון רוצחיש בלוט אין זייער לייב,
איז די שטאָט געבליבן שטיל.
וואו נישט וואו האָט זיך אריינגעכאַפּט אַ קאָזאַק,
נייע מעשׂים אָפּגעטאָן —
האָט מען עס דערוואָרגן הינטער טירן
און געשוויגן.

אַז דער פּחד איז אַריבער,
האָט מען זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס האָט דאָס אומגליק אָנגעזאָגט,
אָבער קיינער האָט אים נישט געזען.
האָט מען ביסלעכווייז ביי זיך געפּועלט,
אַז מסתּמא האָט אים דער שוואַרץ יאָר פּאַרטראָגן ערגעץ
און הלוואַי זאָל מען פֿון אים נישט הערן מער!
ס׳איז אַוועק אַזוי אַ וואָכן זעקס,
ביז אַ מאָנטיק איינמאָל,
ווען די יונגע רביצין איז שיִער נישט אומגעפֿאַלן,
פּלוצלונג זעענדיק פֿאַר זיך דעם רשע.
גלייך צום רבֿ איז ער אריין,
טאַקע צו דעם זעלביקן רבֿ יאָסעלע,
וואָס איז נאָך דעם פֿאָטערס פּטירה רבֿ געוואָרן,
און אַ זאָג געטאָן:
— מאָרגן ניין אַזייגער זאָלן אַלע באַלעבאַטים
פֿון דער קהילה זיין ביי דיר אין שטוב.
איך וועל אויך דאָ קומען.
כ׳האָב צו אייך אַן ענין, הערסט?

עמיצן איז שיער נישט איינגעפאַלן
זוכן שוץ ביי סקאַלאַזובן,
אָבער יידן האָבן זיך געשטעלט: מען קען דאָך נישט
לייגן שוין די לעבעדיקע אויף די טויטע.
און ר׳ יאָסעלע האָט זיך גאָר אָפּגעטרייסלט:
— משה שניידער, קיילע די אלמנה —
איז ער דאָך נישט כולו חייב...
און אויף מאָרגן זיינען זיבן בעלי־בתים
מיטן רב בראש
אויפגעשפּרונגען שטום פאַר דאָקטאָר לוקאָוון.
טומלענדיק האָט מען זיך צו דער טיר געוואָרפן,
ווען ער האָט געהייסן צוקייטלען
און געבליבן ווידער שטיין.
ער איז אויך געשטאַנען, אָנגעקוקט זיי,
און געדאַכט האָט זיך, אַז אויך ביי אים, ביים רשע,
קלאַפּט דאָס האַרץ, ווען ער פאַרקוקט זיי אין די אויגן.
דאַן האָט ער זיי בייז און לאַנגזאַם איינגערוימט:
— שיקט די ווייבער אייערע צו מיר!
ווער עס וויל דאָס רוצחיש בלוט אין זיך נישט טראָגן,
ווער עס וויל נישט האָדעווען קיין קאָזאַק —
ווייבער, טעכטער — ווער עס זאָל נישט זיין —
שיקט זיי אַלעמען צו מיר.
האָט איר מורא, וועל איך גיין אַליין.
זאָגט מיר וואו — איך וועל שוין קומען. —
מיילער אָפענע און טויט־פאַרשטומטע אויגן
איז געווען דער ענטפער.
האָט ער אָנגעכאַפּט אַ יידן ביי דער לאַץ
און געגומען טרייסלען:
— אַלץ פאַרשאַכערט, אַלץ פאַרקויפט —
אויך דאָס בלוט ווילסטו דעם טייוול אָפּגעבן?
זאָג זיי, זאָג זיי —
האָט ער פלוצלונג זיך צום רב אַ קער געטאָן —
דו ביזט דאָך אַ טאַטע זיי, אַ רבי — — — —
אָפּגעזאָגט און שטיין געבליבן
מיט די הענט פאַרלאָרן,
ווי אַט באַלד וואָלט אים אַ ליפּ געגומען ציטערן,
דאַן מיט ביידע הענט צוויי יידן ביי די גאָרגלען אָנגעכאַפּט
און אַליין גענומען גאָרגלען:
— קומען אָדער ניין? קומען אָדער ניין?

— קומען... קומען... — האָט זיך אויסגעריסן
פון פאַרשטיקטע העלדזער.

מ׳האָט זיך אַנגעזעצט אויף עטלעכע קבצנים,
און געמאַכט, זיי זאָלן פּאַלגן.
טויט־צושראָקן האָבן זיך די װײַבער
אין דער פרי צו אים אַװעקגעגנבעט,
און עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל װערן
װען מען האָט דערזען אײנע און די אַנדערע
קוים זיך שלעפּן דורך דער גאַס.
מ׳האָט געגומען גײן.
גאַנץ באַגינען, נאָר אויף שאָטנדיקע גאַסן,
פלעגט מען זיך אַװעקשלײכן צו אים הינטערן שטאָט
און צוריקקערן זיך אונטער־צײַט אַלײן
דורך די שאָטנס פון די הינטערגעסלעך.
אָדער ס׳פלעגן טאַטעס, מענער, קינדער
נאָכן דאָקטאָר גײן
און עס איז פון זיך אַלײן געװאָרן,
אַז װען מ׳האָט אים אויף דער גאַס באַמערקט,
האָבן אַלע אָפּגעקערט די אויגן
נישט צו זען, אין װעלכן הויז ער גײט.
מ׳האָט די אויגן אָפּגעקערט, און אין זיך
שוין געפילט, אַז אַלע קללות
זײַנען לאַנג צעגאַנגען,
און װען ער זאָל װען עס איז
כאָטש אַ װאָרט, אײן גוט װאָרט פאַרלירן,
װאָלטן זיך צעעפנט אַלע הערצער.
צײַטנװײַז האָט אפשר אויסגעדאַכט,
אַז דאָס פּנים זײַנס, דאָס אַלטע, האַרטע פּנים
קאָרטשעט זיך אַזױ װי פון יסורים —
ס׳איז געװען אָבער אַן אָפּשלאָג בלויז
פון די אײגענע יסורים און מער גאָרנישט.

אַלץ איז אָפּגעגאַנגען שטיל
און עס װאָלט געבליבן שטיל אויך נאָכדעם,
װי דעם קאָװאַלס װײַב האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם
דרײַ טאָג נאָך דער אָפּעראַציע.
װען אָבער דעם לערער הילמאַנס טאָכטער
איז געלעגן צװישן טויט און לעבן

און דער פּאַטער אירער
האָט ביים דאָקטאָר אויסגעהאַקט די שויבן
און אַרומגעלאָפן אין די גאַסן, שרייענדיק:
— ער האָט מיר דאָס קינד געקוילעט! —
האָבן אַלע שוין געזען,
אַז דאָ קומט דער סוף.
ס׳איז געווען נאָך פרי
ווען דער קאָזאַק איז צום רב אריין מיטן באַפעל,
אַז עס זאָלן דריי בייטאָג זיך צושטעלן צו סקאַלאָזובען
אַלע די, וואָס האָבן ווייבער אָדער טעכטער
לוקאַוון געלאָזט באַהאַנדלען,
און מיט זיי דער רב און די גבאים.
ווען מ׳האָט ביים שחרית נאָך פאַרכאַפּט,
און די אָפּגעדאַווענטע האָט מען פון הייזער און פון קלייטן
איינציקווייז צוריקגעבראַכט,
מ׳האָט צעעפנט אין דער שול דעם ארון קודש,
און דאָס וואָרט פון רב און די גבאים איז אַזאַ געווען:
— יידן! ווער יענע וואָס מען רופט זיי זיך באַהאַלטן,
וועט דער גזר אויף אַלעמען זיך אויסגיסן.
און ווער ס׳גייט, דאַרף מיטן גוטן ווילן גיין,
וויל אַזוי זיינען די אָבות אונדזערע געגאַנגען אַלע מאָל
אויף קידוש השם...
אויף דער בימה קעגן אָפענעם ארון קודש
איז געשטאַנען רב און גבאי
שוין פאַרמשפּטע און גרייטע,
אין דער לופט איבערן גליוואָר אין די הערצער
האָבן זיך געראַנגלט טויט און אָפענער ארון קודש,
און פון עולם האָבן ענטפערס זיך דערהערט:
— איך וועל גיין! און איך! און איך!
פון די דריי בתי מדרשים — זיבן, פינף און זעקס —
אַכצן יידן און די זיבן, די גבאים פון דער קהילה,
זיינען נישט געגאַנגען מער אַהיים צו ווייב און קינדער,
נאָר צום רב.
אין דער בית־דין שטוב געזאָגט בציבור ווידוי
און געגרייט זיך גיין.
און פון בתי מדרשים האָט דער עולם נישט גערירט זיך
און גענומען זאָגן תהילים.
האָבן ווייבער אין די היימען נישט דערוואַרט זיך אויף די מענער,
זיי געקומען זוכן,
זיינען ווייבער־שטיבלעך פול געוואָרן,
האָבן זיך יללות פון די ווייבער־שטיבלעך אויבן

אויסגעמישט מיט פסוקים תהילים אונטן,
און עס האָבן קינדער בלויז אין שטיבער און אין גאַס
צוגעקוקט בײטאָג װי ס׳גײט דער רב
און נאָך אים — די פינף און צװאַנציק ײדן.

אין דעם גרויסן זאַל פון שטאָט־דומע איז קיל געװען,
כאָטש עס האָט געבריט די היץ אין דרויסן.
װען דער קאָזאַק האָט די טיר פאַרריגלט הינטער זײ,
האָט די עדה ײדן זיך צונויפגענורעט בײ דער טיר
און דערזען: אין װינקל אויבן אָן
צװישן צװײ קאָזאַקן זיצט דער אַלטער לוקאָװ —
װי אַמאָל צוריק אַ גענעראַל
מיט די ברײטע שליפעס, מיט דער ברײטער ברוסט מעדאַלן,
מיטן ברײטן קאַזיראָק איבער די אויגן.
האָט אַ קוק געטאָן אויף זײ פון װינקל אויג
און דעם קאָפּ אָװעקגעדרײט.
אויפן װאַנט דער זײגער האָט מינוטן אויסגעשלאָגן —
סקאַלאָזוב, משמעות, האָט זיך נישט געאײלט.
ס׳האָט דער װײזער שוין בײם פיר געהאַלטן װען ער איז
פון אַ טיר אַ זײטיקער אַרײן
מיט דער שװאַרצער קוטשמע האָר,
מיטן בלאַנקעדיקן װײסן רעקל,
מיט די בלאַנקעדיקע שװאַרצע שטיװעלעך און שפּאָרן,
אָנגעקוקט די עדה ײדן
און אַ װאָרף געטאָן אַ בליק צו דעם אין װינקל.
לוקאָװ האָט אים כלומרשט נישט געזען.
האָט ער אַ געשרײ געטאָן צום אַלטן:
— שטעל זיך אויף!
לוקאָװ האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט די בריענדיקע אויגן:
— װעמען דוצטו, שנעק? פּאַד קאַזיראָק!
סקאַלאָזוב איז צעטומלטער געבליבן,
אויף אַ רגע האָט רציחה אים פאַרקאַלכט דאָס פּנים,
נאָכדעם האָט ער שטיל באַפוילן די קאָזאַקן:
— רײסט אים אָפּ די שליפעס! װאַרפט דאָס היטל אים אַראָפּ!
די קאָזאַקן האָבן אויסגעפאָלגט.
— אפשר װעט איר איצט באַװיליקן זיך אויפצושטעלן, עקסעלענץ?
לוקאָװ האָט זיך נישט גערירט.
האָט זיך סקאַלאָזוב אַ קער געטאָן צום עולם ײדן
און גענומען מיט אַ פינגער צײלן:
— אײנס, צװײ, דרײ... דער רב און פינף און צװאַנציק...
פינף און צװאַנציק? ס׳איז אַ ליגן!

ס׳איז אַ בלבול אויף די ייִנגלעך מײַנע.
מער קיין ווייבער האָבן זיי נישט אָנגערירט ?
וואָס ? אַזעלכע לעמעשקעס גאָר זײַנען זיי ?
עמעצער פון עולם יידן האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג :
— נישט אַזוי, הער הויפּטמאַן ! איר האָט בלויז באַפוילן
קומען די, וואָס האָבן זייערע ווייבער — — —
— ריכטיק ! — האָט זיך סקאָלאָזוב געטרייסט.
הייסט עס, אַז ביי אַנדערע
וועלן זיך פונדעסטוועגן קאַזאַקלעך האָדעווען . . .
אייך בלויז האָט דער יחוס נישט געשמעקט ? . . .
— מיר האָט נישט געשמעקט ! — האָט לוקאָוו אויסגעשריען :
— איך האָב זיך אויף זיי אַרויפגעצוואונגען.
קענסט דערציילן, רבי !
האָט אַ גבאי שטאָט דעם רב אַרויסגערוקט זיך און דערציילט.
— און ווער איז ער צווישן אייך, איר זאָלט אים פאָלגן ?
— קיינער נישט . . . פון שרעק בלויז . . .
מיר האָבן זיך אַלעמאָל פאַר אים געשראָקן — — —
— מיר פאַרשטייען זיך — האָט סקאָלאָזוב די ציין געשצירעט :
זיך גענומען איינעם פון די שעפּסעלעך,
אָנגעטאָן אים פאַר אַ וואָלף
ער זאָל וואָיען אויף דער סטאַדע פאַר דער וועלט.
אָבער בייסן וועט ער נישט . . . פאַרקערט . . . אַז מען דאַרף
ווערט דער וואָלף אַליין דער היטער פון דער סטאַדע . . .
אָ, מיר זײַנען זיך אַ פאָלק אַ קלוגס . . .
— נישט קיין שעפּסן ! — האָט זיך לוקאָוו
ווי אַ חיה אַ געטראָפענע צעברומט :
טכוירן, קראָטן, ווערעם !
האָבן צוגעקלעפּט זיך צו אַ גאָט אַזאַ,
וואָס לאָזט יעדן וואַלד־חזיר
מיטן שנוק אין זייער בלוט זיך ראַיען,
און אַליין פאַר יעדן הונט
קריכט מען אויף דער ערד אויף אַלע פיר ! — — —
טויטע קאַלכיקייט האָט אָפּגעגאָסן סקאָלאָזובען,
אין די אויגן האָט משוגענע רציחה אויפגעבליצט —
אָט וועט ער מיט אויסגעדרייטע פינגער
באַלד זיך אײַנגראָבן אין אַלטנס גאָרגל —
אָבער אין דער גליווערדיקער שטומקייט האָט זיך פּלוצלינג
אַ געקוויטש אַריינגעריסן — דאָס האָט הילמאַן,
הילמאַן פון דער טויטער טאָכטער זיך צעקוויטשעט :
— ס׳איז נישט אמת !
ליבער אויף מיין קינד דער טויט

ווי דאָס אומרײַן בלוט אײַערס אין איר!
אַלע זײַנען מיר אַהער געקומען שטאַרבן!
אַלע! אַלע!
סקאַלאַזובן איז פֿון פּנים די רציחה אָפּגערונען,
ער האָט מיט אַן אָפֿן מויל די עדה ייִדן אָנגעקוקט
און געזאָגט צו די קאָזאַקן:
— נעמט אים צו, דעם שרייער!
און מיט פֿלאַטערדיקן אָטעם צו די אַנדערע:
— כ׳האָב געזאָגט — ס׳וועט שטיל זײַן, וועט זײַן שטיל.
איר קענט גיין אַהיים.

מאָרגן פֿרי זײַנען די רײַטער אומגעריטן איבער גאַסן:
— אַלע אויפֿן מאַרק אַרויס!
ווער עס האָט נאָך צײַט געהאַט זיך צו באַהאַלטן
איז ארײַן אין הינטערקעמערלעך, אין הויפֿן,
אָבער מאָרדעס פֿערדישע האָבן ארײַנגעקוקט אין פֿענצטער
און עס האָט געקנאַלט ווי בײַטשן:
— אַלע אויפֿן מאַרק אַרויס!
פֿון די רײַטער אָנגעטריבן,
איז די שטאָט מיט קינד און קייט
פֿאַלנדיק און פֿלאָנטערנדיק מיט די פֿיס געלאָפֿן,
און פֿון פֿערד פֿאַרהאַלטן, אויסגעשפּרייט זיך
אין אַ ברייטן, אַ געדיכטן, כוואַליעדיקן רינג
וואו נאָר קינדער־קולות און פֿאַרדומפּענער געקלאָג
האָט די שטילקייט אײַנגעריסן.
אַז מען האָט זיך אויסגעשטעלט,
אַז מען איז אַ ווײַלע אָפּגעשטאַנען
און די אויגן האָבן זיך דערוועגט אַ קוק צו טאָן פֿאָרויס,
האָט מען אויפֿן מיטן פּלאַץ דערזען:
ס׳פֿאַרען זיך אַ פּאָר קאָזאַקען מיט אַ תּליה.
הייסט עס — איינער בלויז.
ווייס מען ווער דער איינער איז.
וואו זשע איז דער אַנדערער?
ווערט די כוואַליע פֿון געדיכטן רינג צעריסן,
קומט אָן סקאַלאָזוב צו רײַטן,
הינטער אים געפֿירט — דער אַלטער,
און נאָך אים די פֿיס קוים פֿלאָנטערנדיק — הילמאַן.
ביידע ... ס׳איז אַ תּליה דאָך נאָר איינע דאָ!
אָבער אָט קומט אָן צושפּרייזן אויך דער גלח גראַסים
און נאָך אים — דער רבֿ.
הייסט עס — ביידע.

צוגעגאַנגען אַלע, אָפּגעשטעלט זיך.
טענהט איין מיט לוקאָוון דער גלח,
טרעט צוריק און שיקט דעם רב צו אים,
לוקאָוו נעמט אַראָפּ פון ברוסט די ריי מעדאַלן
און שרייט אויס צו סקאַלאָזובן:
— דו דאָרט, אויפן פערד! איך קען אַ ייִנגעלע.
וויל איך אים די בלעכלעך אַ מתנה געבן.
זאָג מיר צו — דו וועסט אים נישט באַראַבעווען.
ענטפערט גאַרנישט סקאַלאָזוב,
שטרעקט דער אַלטער אויס צום רב די ברוסט מעדאַלן:
— גיב עס נאָטע בעקערס ייִנגל, חיימקען.
קענסט שוין גיין.
טרעט דער רב צוריק,
גייט דער אַלטער שטייף אַרויף אויפן געשטעל,
לאָזט די פּעטליע זיך פאַרוואַרפן אויפן האַלדז,
און ווען ס׳טרייסלען זיך שוין זיינע פיס אין לופטן,
נעמט מען זיך צו הילמאַנען
און מען רייסט פון אים אַראָפּ דאָס רעקל מיטן העמד
און מען בינדט אין צו צום סלופּ צופוסנס דעם געהאַנגענעם
און די ריטער כוואַשטשען.
אָפּגעכוואַשטשעט און צעפּאַסעוועט,
בינדט מען אים צוריק אָפּ, פאַלט ער אויף דער ערד,
רייט אריין אין עולם סקאַלאָזוב:
— איצט קענט איר אים צונעמען.
כ׳האָב געזאָגט — ס׳וועט שטיל זיין, וועט זיין שטיל.

ס׳האָט גענומען צוויי מעת־לעת
ביז מען האָט דעם מת פאַרשאָטן
אויפן זעלבן אָרט,
אָבער וואָכן נאָכנאַנאַד
האָבן ייִדן אויסגעמיטן דורכצוגיין דעם פּלאַץ.
ערשט ווען סקאַלאָזוב איז אָפּגעטראָטן,
איז דער רב מיט צוויי־דריי ייִדן
צו דעם גלח געראָסים געגאַנגען
און געזאָגט,
אַז איצטער, ווען מען קענען דעם מת מקבר זיין,
זאָל ער איבערלויבן צונעמען.
האָט דער גלח אָפּגעענטפערט,
אַז כוונות ווערן נישט פאַרשריבן אין די ביכער,
אַז דעריבער קער דער מת צו אים,

נאָר אויב יידן ווילן אויפן קבר גיין,
איז דער צווינטער פאַר זיי אָפן.

אַז מען גייט אויפן בית־עלמין
און ס׳קומט אויס פאַרבייצוגיין די אייזערנע שטאַכעטן
ביי דעם וואַלד פון צלמים,
ווערט נישט ווילענדיק דער טראָט פאַרהאַלטן:
דאָרטן אויך איז דאָ אַ קבר,
איבער וועלכן ס׳וואָלט זיך אפשר וועלן איינבויגן.
אָבער גלייך באַפאַלט אַ שרעק
פאַר די צלמים, פאַר דעם פאַרקאָן,
אָדער אפשר פאַר דעם שאָטן פון דעם מענטש אין קבר דאָרט,
און מען נעמט זיך שפרייזן האַסטיקער
צו די קברים פון די היימישע און נאָענטע.

1921.

יענעם טאָג

עס וועט דאָך אויסשלאָגן די שעה פון נייעם וואונדער.
פון דאָרף אַרום און געגנט, איבער זומערדיקע וועגן
וועט מען זיך ציען מחנותווייז דער זון אַנטקעגן
אין שטאָט אַריין. ס׳וועט יעדערער באַזונדער
אין זיינע טראַנטעס פויערשע, אויף זיין פאַרשוואַרצטן פנים
מיט לויכטנדיקע אויגן טראָגן די סימנים
פון זיינע הונגעריקע טעג און אומעטיקן הויז
אַנטקעגן צו דער פרייער וועלט אַרויס.
עס וועלן פלאַטערן אין ווינט די פאָלעס פון קאַפּאָטעס
ביי אַלטע יידן און די רויטע קעסטלדיקע טיכער
אויף יידענעס. עס וועלן יינגלעך, שפּרינגנדיק נאָך גיכער
פון ווינט, דעם וועג פאַרלויפן, פרעגנדיק: ווער האָט עס
אַזוי פיל בלומען, מאַמע, אויפן פעלד פאַרזייט?
און ס׳וועט אַ מאַמע ליכטיק ענטפערן: ס׳איז אַלץ, מיין קינד,
פון גאָט, וואָס האָט אויף אונדז דערבאַרמט זיך אַצינד
און לייזט אונדז אויס צו נחת און צו פרייד!

ביים שטאָט־טויער, ביי אַ פאַרגראָטער וואַנט
פאַרזאַמלען וועלן זיך די האַרן פונם לאַנד
און אויסקוקן אין פעלד. און וועט נאָר איינער
אַ שטויב דערזען פון ווייטן צווישן שטיינער, —
וועט זיך די לופט צוטרייסלען אין אַ הילכיק ברומען

פון פויקן, טאַצן און טרומייט: זיי קומען!
און פירן וועט מען זיי אין שאַלן צו די אַלטע טויערן,
און פירן זיי דורך גאַסן, הייזער, מויערן
און אויסרופן: עס קומט דאָס פאָלק פון פעלד
זיין אויסלייזונג באַגריסן פאַר דער וועלט.

אין שווערע טעפּיכער, אין פלאַטערדיקע פאַנען,
אין בלומען פאַרביקע אויף טירן און באַלקאָנען
וועט זיי די שטאָט באַגעגענען. אַ יונגע טאָכטער
אין ווייסער זיידן־קלייד, אַ ווייכער, אַ צופּאָכטער —
אין הענט צעפלאָכטענע די גאָלדענע קאָרן־קראַנצן,
וועט זיי מיט לייכטע טריט אַנטקעגן טאַנצן.
און פון איר בליק דערהיצט, באַוועגט פון טאַנצן אירן,
דאַן וועלן זיך די הענט און פיס צופירן
ביים גראָען פריץ, ביי דער פריידיק־וויינענדיקער מאַמען,
ביים אַלטן ייד, ביים לערן־ייִנגל — און צוזאַמען,
געפלאָכטן האַנט אין האַנט, אַלץ ווייטער, ווייטער

וועט מען זיך לאָזן טאַנצן אין דער לוסט פאַרשייטער.
ביז פּלוצלינג וועט זיך עמיצער אַ וואָרף טאָן צו די פיס
פון די וואָס גייען — וועט מען אים אויפכאַפּן געשווינד
און אויף די הענט אים טראָגן, טראָגן ווי אַ קינד —
און קיינער וועט נישט וויסן, ווער און וואָס ער איז.
און נאָך איינער וועט צו דער אַלטער שול אַוועק,
וועט פון דעם שולחן אויפרייסן די שווערע דעק,
אַרויסנעמען דעם גרויסן, ימים־נוראימדיקן שופר,
און שטאָלץ און רואיק, ווי אַ קעניגלעכער לויפער,
וועט ער זיך פאַר דער ברומנדיקער מחנה לאָזן,
אַ שטאַרקע „תקיעה גדולה" אויסצובלאָזן.
און טויזנט העלדזער וועלן אים באַגלייטן מיט אַ שאַלן:
— עס ציטערן יריחוס אַלטע ווענט און פאַלן!

1915.

דאָס ליד פון אונדזער ברויט

האָט זיך אַ ווייטיק געקנוילט אויף דער ערד, אויף דער ערד
דורך קיעווער שטעטלעך, דורך שטעטלעך פּאָדאָליער, וואָלינער,
האָט זיך געקנוילט און אין קנוילן פאַרצערט
אַלע בלוטיקע טריט און סימנים
פון גרוילן, וואָס האָבן צעאַקערט די ערד אוקראַאינער,
ביז, געשוואָלן פון גרויל, זיך דערקייקלט אַהין,

וואו די דאָרניקע גראָזן אויף סטעפּן כערסאָנער
שטייען שטויביק אין טרוקן־פאַרשרפּעטן גרין,
און פון דערנער צוריסן — דעם גרויליקן סם
צעפּלייצט און צעגאָסן אויף סטעפּישן ים.

האָט צעעפנט די סטעפּ איר פאַרטריקנטן מויל
און געטרונקען צעפּלאָסענעם גרויל,
ווי עס טרינקט אַן עקרה אַ טייוולש געמיש
פון די הענט פון מכשפות.
האָבן אָקערשע מעסערס אַ שניט און אַ וויש
מיט די קערנער פון תבואה
אויף די פאַרבן צעווישט פון דער ווילדער רפואה:
אַשיק־שוואַרץ פון פאַרלאָשענע שרפות,
גרילציק־גרין פון דערוואָרגענע שרעקן,
ברעניק־ברוין פון פאַרבאַקענע בלוטיקן פלעקן
און דאָס געל פון פאַרטאַיעטן האַס —
האָבן אָקערס צעאָקערט, צעשפּרייט און פאַרזייט
יעדן שוואַרצן צעגראָבענעם פּאַס
מיט די זוימען פון ברויט
און צעברעקלטע שאָטנס פון טויט.

האָט זיך אַ קללה געקנוילט איבער דורות און צייטן
פון פעלזיקע הויכן דורך ערדישע ווייטן
און ימישן שוים.
געבראָטן אין זון אויף די וועגן פון בבל,
געטונקט זיך אין חושך אין היילן פון רוים
און אין קעלערס קאָרדדאָווער,
געפּייכט זיך אין גרין ביי דעם מאָכיקן שטיין
אין תפיסות ביים רהיין
און אין טורמעס ביים ניעמען און דניעפּ, —
ביז זי האָט זיך דערקייקלט צום טרוקענעם סטעפּ,
און צו ענגשאָפּט פון גריבער, צו יאָמערדיק שעלטן
אויף טרוקענע נאַרעס אין גריבער־געצעלטן
געקומען נאָך שוואַרצער, נאָך נייער חיונה.

איז מיט ליכטיקן מאָרגן, גרויס־אויגיק און זוניק
דער פויער דער נייער אַרויס פון זיין ביידל,
איז געקומען דער אָקער, אַ שניט און אַ שליידער —
און מיט רעשטלעך פון דאָרניקע גראָזן
די קללה צעבראָקט איבער פעלדער כערסאָנער,
איז געקומען די בראָנע —
און די ברעקלעך צעמאָלטע צעשטויבט און צעבלאָזן

איבער שוואַרצע צעאַקערטע בייטן:
זאָל אַ פינצטערע קללה, פון דורות דערגאַנגען,
אַ תיקון דערלעבן אין גילדערנע זאַנגען
פון שווערע, פון גילדערנע ברויטן.

און איבער דעם ווייטיק און קללה, וואָס האָבן דער זון אַנטקעגן
געקנוילט זיך אין פערדישע טריט דורך שטויביקע וועגן,
און איבער די פורן מיט פעק און פאַרשטויבטע גייער,
וואָס האָבן זיך טריט, ביי טריט מיט די פורן געשלעפּט, —
האָט אין לויטערן הימל געשוועבט
די זעאונג פון דורות זעער;
פון יענעם, וואָס האָט אין טאָל פון טויט
געזעגן זיך אַנטאָן מיט פלייש און הויט
פון פאַרטריקנטע ביינער די ברעקלעך,
ביז די יונגען דאָ אין לעדערנע רעקלעך
און לעדערנע היטלען אויף היציקע קעפּ,
וואָס האָבן די גייער געפירט צום סטעפּ.

און שיין פון זעאונג, דורך דורות געלייטערט,
האָט מידע גייער געפירט אַלץ ווייטער.
און שיין פון זעאונג האָט ווייכער און מילדער
די זון געשיקט אויף סטעפּ, אויף ווילדער,
און בעענטער געמאַכט די פרעמדע ווייטן,
און פרישער דעם יונגן מאָרגן געוועקט.
און פון ווייטיק דעם פּלוס און פון קללה דעם שטויב
האָט זעאונג מיט גאָלדענעם שיין באַדעקט,
און דער ערד אַ לויב און דעם פּויער אַ לויב
איז די זעאונג צום הימל אויפגעגאַנגען
אין הויכע, אין גילדערנע זאַנגען.

ציען פורן צום סטעפּ איבער שטויביקע וועגן,
פירן תבואה צום דניעפּ אין געשוואָלענע זעק.
וואַרטן בייכיקע באַרזשעס ביי זאַמדיקע ברעגן
מיט די מיילער צעעפנט פאַר אָפענע זעק
און זיי שלינגען דאָס ברויט ביז צו זעט.
אין דער נאַכט אויפן טייך פינקלען שווימיקע פייערן —
אין דער נאַכט אויפן טייך קריכן שווימיקע שייערן
צו נאָענטע און ווייטע שטעט,
צו באַנען און שייער־וואַגאָנען —
צו פירן, צו מאָלן, צו מאַלן און זעטיקן
די טאַטעס און מאַמעס און קינדער גרויס־שטעטיקע
מיטן ברויט פון די סטעפּן כערסאָנער.

איר ווייטע לייט, איר גוטע לייט
פון היימישע שטעט און פון לענדער ווייט, —
זאָל יעדער ביסן אייך וואויל באַקומען,
און זיס זאָל ווערן אויף אייער גומען
דער הייוון פון גאַל, וואָס האָט אויפגעיורן
די ערד, די פאַרדאַרטע, צו נייעם געבוירן!
זאָל דער טעם פון ברויט אייך אין בלוט פאַרשפּרייטן
דעם שיין פון דער זעאונג אויף אונדזערע בייטן,
און ווי אויפן סטעפּ אין גילדערנע זאַנגען —
זאָל אויפגיין דער שיין אין העלע געזאַנגען
פון אייער בלוט אַרויס,
פון אייער בלוט און אונדזער ברויט אַרויס,
פון בלוט און ברויט און שאָטנס פון טויט,
וואָס זיינען צום לעבן געקומען, —
אונדזער ברויט זאָל אייך וואויל באַקומען!

1927.

דער פרעמדער

(מאָמענטן פון דער הערצל־ביאָגראַפיע)

אויף די קאַלטע בוידעמער

אויף די קאַלטע בוידעמער
וואוינען יונגע לייט,
בלייכע, אָפּגעטראָגענע,
גראָע פאַר דער צייט.

פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט
גייען זיי אַרום,
זוכן זיי משיחן
אויף די גאַסן אום

וואו אַ טומל אויף דער גאַס —
כאַפּן זיי אַ וואָרט.
זאַמלט זיך אַן עולם וואו —
אפשר איז ער דאָרט.

טרעפט מען זיך: — באַגעגנט אים?
זאָגט אַ צווייטער: ניין!
רייבן זיי די זוילן אָפּ
פונעם גייען און גיין.

אויף די קאַלטע בוידעמער
יעדער מורמל שרעקט:
טאָמער שלאָפט מען איין אַמאָל,
און דער שופר וועקט.

הערט מען ווי אַ בלעטל רוישט,
ווי אַ פליגל קלאַפּט.
מיטן ערשטן קריי פון האָן
שוין זיך אויפגעכאַפּט.

לאָזט מען זיך אין גאַס אריין
בלאָנדזשען אויף דאָס ניי —
אין דער שטילער זוכעניש
גייט אַ טאָג פאַרביי.

שטייען ערגעץ אַלטע לייט
אין אַ קאַלטער שול,
בעטן אויף משיחן
יעדן טאָג דריי מאָל.

און אויף קאַלטע בוידעמער
וואוינען יונגע לייט,
וואַרטן טאָג און נאַכט אויף זיין
קומען פון דער ווייט.

.1918

דער פרעמדער

I

אין לאַנד פון אַמאָלן, פון צויבער און רום
שפּאַנט עלנט אַ לעבעדיק יינגל אַרום.

דורך בערגיקע שטעגן, דורך שימער און שיין,
אים טראָגט פון אַמאָל אין אַמאָלן אַריין

און ס'איז יעדער איינער פאַרויס אים באַקאַנט
פון די וואָס באַוואוינען דאָס בערגיקע לאַנד.

ער קען דעם וואָס דונערט און בליצט מיט זיין פלאַם
און יענעם, וואָס שפּאַלט מיטן שטעקן דעם ים,

דעם זוניקן רייטער אין פייער־גאַלאָפּ
און פאַסטעך מיט האַרפע און קרוין אויפן קאָפּ.

די יעגערין קען ער וואָס יאָגט מיטן ווינט,
און די וואָס גיט איבער דעם נילוס איר קינד,

און יענע וואָס שוימט פון די כוואַליעס אַרויס
און יענע וואָס טאַנצט מיט די טאַצן פאַרויס

אַנטקעגן דעם פאָלק וואָס דערזען האָט די פריי
נאָך דורות פון פינצטערער שקלאַפעריי.

ער קען יעדן איינעם פון זיי און געדענקט
דאָס וואָרט און די טואונג פון יעדן. עס ברענגט

דער ווינט אַ געמורמל פון ווערטער אויך איצט,
ער שפּאַנט מיטן אויער צום מורמל פאַרשפּיצט,

נאָר ווערטער פאַרשווימען, צעשווימען אין רוים
ווי פעדים פון חלום, ווי בלעזלעך פון שוים

און זאָל ער אַפילו זיי פאַנגען, די רייד,
אַלץ איינס וועט אים טונקל זיין זייער באַשייד.

נישט איצט נאָך, נישט איצט! עס וועט קומען אַ שעה
און ער וועט אַליין זיין אַ היימישער דאָ,

און אַלץ וואָס אין געטערשן ווילן און וואָרט
וועט זיין ווי די האַנט, ווי די פינגער אים קלאָר.

ער ווייס, אַז מיט פיין קויפט אַ שטערבלעכער איין
די געטלעכע זכיה דאָ היימיש צו זיין,

ער גאַרט נאָך דער פיין און דערוואַרט זי מיט שרעק
און גאַרונג און שרעק פילן אָן זיינע טעג.

ס'האָט קיינער די מעשה נישט אויסגעטראַכט, ניין!
זי האָט זיך פאַרלאָפן אין איצטיקן דור.
געוועזן אַזאַ ייִנגל אַ ייִדיש אין ווין
וואָס האָט אין חלומות געלעבט אויף דער וואָר.
אַ ייִדיש? . . . אָט דאָ הייבט די מעשה זיך אָן.
עס זיינען נאָך זיידעס געזעסן פאַרטיפט
אין גרויסע גמרות, און ווי מען דערציילט
דעם נס פון מצרים, דערציילט פון דער שיף
וואָס האָט פון די פלאַמען פון שפּאַנישן קרייץ
די אבות געפירט צו דער פרייער טערקיי,
און ווי ס'האָבן דורות געוואַנדערט דערנאָך
אַרויף קעגן שטראָם פונעם ברייטן דונאַי
און סחורות געלאָדן און מסחר געפירט
און תורה געפלאַנצט אינעם לאַנד פון מאַדיאַר.
עס האָט נאָך דער פאָטער די מעשיות געדענקט,
נאָר פלאַנצן אין ייִנגל דעם טרויער און צער
פון לאַנג שוין פאַרגאַנגענע זאַכן — צו וואָס?
די וועלט איז איצט פריינטלעך — וואָס מער מע פאַרגעסט
די קריוודעס און פלאָגן פון בייזן אַמאָל,
אַלץ זיסער דאָס וועלטישע ברויט וואָס מען עסט.
יאָ, אמת — עס זיינען נאָך לענדער פאַראַן
וואו ס'ווערן די ייִדן אויך איצט — — — נאָר צו וואָס
פאַרסמען דעם מח און האַרץ פון אַ קינד
מיט ליידן אומזיסטע און טעמפּן פאַרדראָס?
דער נאָמען פון זון איז בנימין — איז וואָס?
פאַר זיידעס און אורזיידעס האָט עס געפּאַסט.

ס'איז בעסער דאָך טעאַדאָר — טעדי — צו זיין
פאַר אַם און פאַר דינסט און פאַר שול און פאַר גאַס.
איז — גייט נישט דאָס יינגל אין חדר אַריין
און ווייס נישט קיין צורה פון אַלף און בית,
און וואויל איז דעם טאַטן צו זען ווי עס וואַקסט
אַ זון אַ באַשיצטער פון טרויער און בייז.
נאָר ווער קען פאַרצאַמען אַ מאַמען די רייד
פון אוראַלטן יחוס, פון איידעלן שטאַם,
פון מעשיות וואָס טראָגן אַ יינגל אַוועק
צו שימער און שיין פון אַ זוניקן ים?
און ווער קען פאַרמעקן אין הייליקן בוך
דאָס פאָלק וואָס האָט גאָט דורך די וואָלקנס געהערט?
און ווער קען פון רעמבראַנדטס פאָרטרעטן אַראָפּ
אַוועקגנבענען די רבנישע בערד?
און ס'מאָנען דאָס בלוט פון געקרייציקטן גאָט
ביים ידישן יינגל די יינגלעך פון גאַס,
און שיילאָק אין עלנט די הענט לאָזט אַראָפּ
און פרעגט פאַרוואָס קומט אים דער אייביקער האַס?
מען קען נישט באַהאַלטן פון אָפּשטאַם דעם סוד.
מען קען בלויז פאַרשוויגן, פאַרשטיקן אין זיך,
ווי ס'טוט מיט די דינסטן די מאַמע אין קיך.
איז טוט אויך דאָס יינגל אַזוי און טראָגט אום
אַן אומעטיק־שטילע און שטייפע געשטאַלט
פון איינעם וואָס שטיקט זיינע צערן אין זיך,
נאָר אויגן פאַרחלומטע, קינדערש און אַלט,
דערציילן ווי ס'ראַנגלט זיך ווייטיק און שטאָלץ,
ווי ס'זוכט אַ נשמה נאָך ערב צעבלי
דערלייזונג פון סודות, פון שטומקייט און קלעם
אין צויבער פון חלום, אין נס פון נישט־הי.
די וועלט האָט צדיקים, אַפילו אין סדום,
און צדקות ווי רשעות פאַרפירט און שלעפּט מיט:
די רשעות — דאָס בייזע, פאַרביסענע בלוט,
די צדקות — די מענטשן פון איידעלן שניט.
ס'איז שיין זיך צו פוצן אין יושר און רעכט
און אויפנעמען פריינטלעך דעם איזראַעליט,
בפרט נאָך ווען יענער האָט גרינטלעך פון זיך
פאַרווישט אַלע צייכנס פון געטאָ'שן ייד.
נישט אַלע . . . מען קען נישט פאַרווישן פון הויט
די זונען וואָס האָבן די זיידעס באַברירט,
מען קען נישט פאַרשווענקען פון אויגן דעם צער
און אומעט פון לייכטן, צעשפּילטן געמיט.

באַפּלייצט עס מיט צויבער פון אָריענטאַל
דעם דזשענטלמען, דענדי און מענטש פון דער פען,
עס לאָקט אין אים חכמה, צעשמייכלטער צער
און זשאַר פון געצאַמטן, געמעסיקטן ברען.
אַ מענטש פון דער וועלט, און ס׳איז זיינע די וועלט
אין אַלע גלגולים פון מענטשלעכן מין —
אין שלאַכטן און רשעות, אין שיינקייט און גוטס,
אין תאווה און חכמה, אין אומזין און זין.
עס שמייכלט זיין שורה פון צייטונג אַרויס,
עס שמייכלט פון בינע אַרונטער זיין וואָרט,
און ס׳קענען סאַלאָנען, קאַפּייען און גאַס
דעם מענטשן פון וואָרט מיט דער פעך־שוואַרצער באָרד.
און ליבשאַפט איז דאָ אין צעשמייכלטן ווין,
און שפּיל פון מחשבה און שפּיל פון געפיל,
נאָר עפּעס נישט לייכט איז דער טראָט פון דעם מענטש,
און שמייכל פון צער איז ניט שמייכל פון שפּיל.
ניין, מענטש פון דער וועלט האָט נאָך אַלץ נישט די וועלט
כל זמן אין געהירן פאַרבאָרגענערהייט
דער סוד פון די זיידעס, פון ברידער און שטאַם
אַלץ בויערט און בויערט און מאָנט אַ באַשייד.
פאַרוואָס שטאָט די פרויען פון רינג אַרום אים,
באַשיידן און לוסטיק, פאַרשעמט און פאַרשייט,
געזוכט זיך אַ כלה פון אייגענעם שטאַם,
ווי עפּעס זאָל וואָרנען: אַנטלויף נישט צו וויט!
און אָפּט ווערט דאָס אויג פאַרן שפּיגל געפּלעפּט:
עס דאַכט זיך — אַ מענטש פון דער ביבל אַרויס
האָט זיך פאַר אַ שרייבער אַ ווינער פאַרשטעלט
און בינדט אַ קראַוואַט אַ געבלימלטן אויס.
צי נאַרט ער די וועלט אָדער נאַר זיך אַליין?
און אפשר איז קיינער פון זיי נישט גענאַרט.
מען וואָרט בלויז אויף עפּעס, און ווער עס געשען,
איז גרייט די אַנטפּלעקונג צו וועלכער ער גאַרט.
און אָט ברעכט זיך איבער דער גאַנג פון די טעג.
עס פירט דער באַרוף אים פון היימישן ווין
אַוועק אין צעברויזטן און פרעמדן פּאַריז —
איז בלויז די פּראָפעסיע וואָס פירט אים אַהין?
צי פירט אויך דער גורל, כדי דאָרט אין דער פרעמד
צעררייסן דעם היימישן שקר־געוועב
וואָס האָט אַרום אים זיך פון וויגל געוועבט,
און ווייזן אַ לייטער מיט אַנדערע טרעפּ?

אַ סוחרישער זון מיט אַן אײַזערנעם קאָפּ
פֿון ײִדעשן פּלפּול און מסחר געשאַרפֿט,
האָט צאַמען געבראָכן און טירן צעשפּאַרט
און זיך, צו זײַן אומגליק, דערדינגען באַדאַרפֿט

צו זיצן אין הויפּט־שטאַב פֿון פֿראַנקרײַכס אַרמײַ —
אַ רײנער פֿראַנצויזישער אַריסטאָקראַט . . .
איצט זיצט ער אין תּפֿיסה און איבער זײַן קאָפּ
אַ װיסטער געוואַלט און געשטורעם: פֿאַרראַט!

ווער ווײַסט דען אַרויסגעבן סודות פֿון שטאַב,
ווער ווײַסט דען פֿאַרקויפֿן צום שונא דאָס לאַנד
ווען נישט דער געשעפֿטסמאַן, דער סוחר, דער ייִד,
דער הענדלער מיט אַלץ וואָס אים קומט אין דער האַנט?

אַזוי איז דאָס גאַנצע געזינדל! און זעט —
אַט וואַרפֿט מען שוין הויפֿנס מיט שמוציקן גאָלד.
דערלאָזט זיי נישט אויסקויפֿן זייער פֿאַרראַט!
זאָל קריגן דער ייִד דאָס פֿאַרדינטע געצאָלט!

גלחים אין קלויסטער, שיכורים אין שענק,
דער יחוס פֿון שטאַב און דאָס זנות פֿון סאַלאָן,
די טינט פֿון דער צײַטונג, דער שטיין פֿון דער גאַס —
אַלץ ברילט נאָך נקמה: אַ טויט דעם שפּיאָן!

און דאָ אין דער מיט אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער מענטש,
אַ שרײַבער פֿון ווײַן וואָס דאַרף שטיין אָן אַ זײַט,
אַ שרײַבער פֿון ווײַן וואָס דאַרף קוקן און זען
און שמייכלען און וויקלען די ווערטער אין זײַד.

גיי שמייכל ווען ס'ווירבלט דיך אײַן אין אַ ראָד
פֿון בלוטיקער שנאה און ווערסט נישט אַרויס.
עס ברעכט זיך פֿון גאַס צו דײַן טיש, צו דײַן בעט,
און ס'גריזשעט דאָס בעט אין דער נאַכט ווי אַ מויז.

גיי זאָג זיי, די שונאים: דאָס מיינט מען נישט דיך —
ווען פֿון דעם פֿאַרבאָרגנסטן צעל אין דײַן זײַן
די שנאה דעם ייִדן פֿון דיר שלעפּט אַרויס
און ס'רינט פֿון דײַן פּנים די אימה און פּײַן.

גיי שמייכל, גיי וויקל די ווערטער אין זײַד
ווען מ'האָט דיר דעם גאָרגל מיט דערנער פֿאַרשטאָפּט

און וואַרגסט זיך און שפּירסט ווי עס טריפט דיר אין האַלדז
דאָס בלוט פון דיין אָטעם אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ.

עס וואַנדערט אויף קראַנקן געלעגער דער זין.
אין פיבער פון דרימל פאַרפּלאָנטערט אַ קנויל
און וויקלט אַרום אַזוי קלעפּיק און שטייף,
דערנאָך לאָזט עס אָפּ און עס שווידערט אַ גרויל
ווי אייזיקע מוראָשקעס איבערן לייב.
ווי גליוועדיק ווערט! און אָט נעצט גאָר אַ שווייס,
די זון באַקט אין קאָפּ, עס פאַרבלענדט מיט איר טיף
די גליאיקע בלאָקייט און ס׳ווערט אַזוי הייס
פון עולם וואָס שטופּט דיך און טראָגט דיך מיט זיך.
געזיכטער פאַרברוינטע און פאַרביקער זייד
מיט פרענזלעך באַהאָנגען די לייבער שטייפט איין,
און ענגער, געדיכטער פון יעטוועדער זייט
באַטומלען, באַאָטעמען זיי. נאָר דיין אויג
מיט אַלעמענס אויגן צוגלייך איז געווענדט
אַהין וואו ביים קלאָץ מיט צעלאָזענע האָר
אַ פרוי שטייט, אויף הינטן פאַרבונדן די הענט,
און רויט איז דאָס אָנטון און פּנים און אויג
פון תּליון וואָס שטייט מיטן צינד־פאַקל גרייט
און וואַרט אויף זיין האַר אין אַ קאַפּל פון רויט
און פאַלדיקן בלוט־רויטן מאַנטל געקליידט.
און אָט נעמען ליאַרעמען טאַצן און פּויק,
עס ברומט אַ טרומייט און דער בלאָז־האָרן שאַלט,
ס׳פאַרשווינדלט די בליקן — — — און אָט מיט אַמאָל
ווערט שטיל און דער פאַרהאַנג פאַמעלעכן פאַלט . . .
ס׳איז נאַכט, און ער גייט פון טעאַטער אַרויס
אין דרויסן, אין קילן. די פרוי ביי דער האַנט.
מען קומט ערגעץ אָן, און עס שווידערט פון קעלט
און נעפּלדיק־פייכט איז אַזוי . . . ווי באַקאַנט
עס איז אים אין קלעפּיקן נעפּל די גאַס!
וואו האָט ער געזען אָט די הייזער, דעם מאַרק?
עס רוקן זיך גאַרנס פון הייזער אַרויס
ווי איינער דעם צווייטן זאָל שטיין אויפן קאַרק,
און דאָ גייען מענטשן . . . עס קומט אָן אַ פרוי
פאַרוויקלט אין קליידער פון שווערן געוואַנט
און פאַלדיק אַ טוך אויפן קאָפּ, נאָר דאָס קינד
איז שיינענדיק נאַקעט ביי איר אויף דער האַנט.
אַ צווייטע, אַ דריטע אַזוי. ביי דער זייט,
פון שווערע טורבאַנען און מאַנטלען באַשווערט

באַגלייטן זיי מענער. די ברעמען געדיכט
און ברייטלעך צעפלאָטערט די גראָלעכע בערד,
פאַראומערטע שלעפּן זיי לאַנגזאַמע טריט . . .
רבנים! רבנים! דאָס ווייס ער געוויס.
און יענעם, דעם ערשטן, אים קען ער פון לאַנג,
פון גאָר אַזוי לאַנג . . . דאָך ווי אַנדערש ער איז!
די אויגן פאַרשוואומען, דאָס פּנים צעראַצט,
און דאַכט זיך, אײַנגאַנצן אין נעפּל פאַרטושט.
דאָס האָט דאָך די פאַרב אויפן לייוונט געפלאַצט!
ווי אַלט איז דאָס בילד! . . . און פון לייוונט אַרויס
די אויגן באַטראַכטן דיך טרויעריק־מילד
און נעמען דיך דורך מיטן טרויער. שאַ־שטיל . . .
דער טרויער פאַרוויגט, און דו הערסט — עמעץ שפּילט
פון ווייטן אַ הייליק און ציטעריק ליד.
ניין, שפּיל נישט, פאַרלעץ נישט די לידער צו גאָט
ביי פיינטלעכע טייכן! . . . נאָר ס'הילכט אין דער לופט
אַן אויפרייס פון בייזן געלעכטער און שפּאָט,
עס שטעכן דיך אויגן און ס'חוזקן ציין
און עפּעס צעברעכט זיך אין גאָרגל און ס'שטיקט
אין קישן אַריין אַ פאַרשטיקטער געוויין.

דאָס קראַנקע געלעגער פון פּיינען דערלייזט,
און אַלץ וואָס פאַרגעסן און אַלץ וואָס דו ווייסט
קומט ווידער צו ברענגען דערלייזונג און טרייסט.

עס פירט דיך אַדורך דורך אַ פלאַמיקן רינג,
וואָס לייטערט און רייניקט, און ס'ווערט אַזוי גרינג
און קלאָר און באַנומען דער סוד פון אַלצדינג.

האָסטו ווען אַ גאָט אין די הימלען פאַרמאָגט
און האָסט אים פאַרלאָרן — צוריק אַמאָל טאָגט
זיין ליכט אין די צווייפלען וואָס האָבן געפלאָגט.

און ביסטו צעוואָרפן ווי שטויב אויפן ווינט —
דאָס קראַנקע געלעגער די שטויבלעך געפינט
און איינס מיטן צווייטן אין גאַנצקייט פאַרבינדט.

ס'ווערט פרילינג פון ווינטער און מאָרגן פון נאַכט,
און פריש פון די לויטערע הימלען געבראַכט
אַ ווילן צו שפּאַלטן די הימלען דערוואַכט.

און ווען ס'איז פון קראַנקן געלעגער אַראָפּ
אַ מענטש אַ באַנייטער, פון אומרו נאָך קראַנק,

האָט וויסן און גאַנג ווי באַגינען אַ שליאַך
אַרויסגעטאָגט העל פון דערלייזטן געדאַנק:
די וועלט האָט נישט ליב דעם וואָס האָט נישט קיין היים.
אַ פאָלק אַ צעוואָגלטס מוז האָבן אַ היים.
אַ פאָלק האָט געהאַט אַ פאַרהייליקטע היים.
דאָס פאָלק מוז זיך אומקערן ווידער אַהיים.

שוין גרייט איז דאָס וואָרט וואָס דאַרף פירן צו וואָר
דאָס וואָרטן און האָפן פון צוויי טויזנט יאָר
נאָר ווער וועט אַרויס מיטן וואָרט צונעם פאָלק
און פירן די האָפנונג אויף וועגן פון וואָר?

אַ פרעמדער געוואָקסן, אַ פרעמדער געלעבט —
פאַרוואָס זאָל אים שענקען אַ פאָלק דאָס געהער?
און וואָס וועט מען זאָגן ווען עמעצער פרעגט:
ווער איז דער דערלייזער, דער פלוצלונגער, ווער?

עס זיינען מאַגנאַטן און וואוילטוער דאָ,
מיט צדקה באַקרוינטע, פאַרערט און געפּאָלגט —
צו זיי וועט זיך צוהערן גינסטיק די וועלט,
צו זיי וועט זיך צוהערן פאַרכטיק דאָס פאָלק.

צו זיי וועט ער ריידן: נישט טראָפּעלעך גוטס,
נישט בינדן די וואונדן און היילן די קלעפּ,
נאָר זיכערער באָדן זאָל שטאַרקן די פיס
און זיכערער הימל זאָל הייבן די קעפּ.

צו זיי וועט ער ריידן. ער שענקט זיי אַוועק
זיין אמת און ווילן, זיין מי און געדאַנק,
נאָר אויפגיין מיט לעבן אויף הייליקער ערד
זאָל האָפנונג וואָס דורות דערשלאָגענע צאַנקט.

אַ שמייכלדיק־רואיקער האָט דער מאַגנאַט
פאַרנומען די רייד און צעשמייכלט געזאָגט:
— אַ דאַנק פאַרן כבוד! עס איז נישט פאַר מיר.
און ווילט איר פאַרשטיין וואָס צום ביטערסטן פּלאָגט
פון אייביקע יאָרן דאָס וואַנדערער־פאָלק?
עס איז נישט דאָס וואָגלען פון זיי. ס'איז גענוג
נאָך ווינקלען פאַראַנען און רו אויף דער ערד.
נאָר אונדזערע ברידער — זיי זיינען צו קלוג,
און ס'קען נישט פאַרטראָגן די קלוגשאַפט די וועלט.
אומזיסט אייער טרחה — זיי וועלן נישט גיין.

און שליסלעך — זאָל זיין, אַז זיי גייען מיט אייך —
צי וועט איר אַרויסשלאָגן וואַסער פון שטיין?
ווער וועט די מיליאָנען אייך צוטראָגן, ווער?
— מאַגנאַטן! — מאַגנאַטן? — און ס'האָט דער מאַגנאַט
זיך הילכיק צעלאַכט: — איר וועט קריגן פון זיי
נישט מער ווי דעם ווערט פון צעריבענעם בלאַט
ביי אייך אין די פינגער. — דאַן רוף איך צום פאָלק
און ס'וועט מיר מיט פרוטות באַלייגן דעם וועג. —
דער ווירט האָט געשמייכלט: — קען זיין . . . אָבער דאָך
זייט פאָרזיכטיק, נייט נישט באַצייטנס קיין זעק . . .

II

אַ זעאונג בייטאָג, אָדער חלום ביינאַכט
האָט ווידער דעם פרעמדן אַהינצו געבראַכט

וואו וואַנדערן גיין פלעגט דאָס ייִנגל אַמאָל.
ער שטייט אויף אַ באַרג, און פון אונטן, פון טאָל,

צו אים זיינען אויסגעשטרעקט טויזנטער הענט,
נאָר אויגן פאַרבענקטע, צו אים ווי געווענדט.

זיי קוקן אַריבער אין ווייטעניש וואו
און פרעגן: ווער ברענגט אונדז אַהין אויב נישט דו?

אויך ער קוקט אַהין און דערזעט אַ רואין
פון פעלזיקע שטיינער, פאַרוואַקסן און גרין,

און פון דער רואין גליט אַ בלימל אַרויס,
עס וואַקסט זיך פונאַנדער אַ גליאיקע רויז,

אַ גליאיקע רויז ווערט פון יעדן שטיק שטיין,
און אָט איז די גאַנצע רואינע אַליין

אַ פלאַמיקע, ריזיקע בלום, און איר דופט
אין היציקן זונשיין מאַכט שיכור די לופט.

און פלוצלונג אַ האַנט אים דעם אַקסל באַרירט,
און שטיל, ווי עס וואָלט אים ביים אָרעם געפירט,

אַ קול רעדט צו אים: — ס'איז אַ צייכן פאַר דיר
אַזוי ווי אַמאָל איז געווען פאַר מיר

דער ברעניקער דאָרן וואָס ווערט נישט פאַרברענט.
צי האָסטו דעם רוף אין דעם פלאַם נישט דערקענט?

ער הערט בלויז דאָס קול וואָס פאַרשמידט אים צום אָרט
און ווייס ווער עס רעדט. און עס ציטערט זיין וואָרט:

— ווי קען איך אַן אויסלייזער ווערן פאַר זיי
ווען כ׳ווייס נישט די שפּראַך ווי צו ריידן צו זיי?

און ס׳ענטפערט דאָס קול: מיט אַ ברעניקער קויל
האָב איך מיר דעם גומען פאַרברענט אין מיין מויל,

אַ שטאַמלער געוועזן, דאָך האָב איך גערעדט! . . .
אים דאַכט זיך — ער הערט נאָך דאָס שטאַמלען און בעט:

— איך בין דאָך פון אייביק אַ פרעמדער געוועזן —
ווי וועל איך, ווי זאָל איך זיי קענען פאַרשטיין?

— אַ פרעמדער געקומען צו זיי בין איך אויך.
נאָר פרעמדע וואָס קוקן אַראָפּ פון דער הויך

דערזעען דעם וועג וואָס פון טאָל אַרויס ציט.
אין טונקעלער ענגשאַפט דערזעט מען עס ניט.

— און וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי איינער אַליין?
און ווער וועט מיט מיר אין דער וועלט אַריין גיין?

— גיי זאַמל צוזאַמען די עלצטע פון זיי
און ברענג זיי מיין וואָרט, און פון זיי באַגלייט גיי

באַטרעטן פון פרעה, דעם קיניג, דעם שוועל.
אַזוי איז געוועזן פון גאָט דער באַפעל.

— און וואָס איז דער צייכן פון מיר פאַר דער וועלט
אַז איך בין צום פאָלק פאַר אַ פירער געשטעלט?

— די טייכן פון וואַסער פאַרוואַנדלט אין בלוט! . . .
געזאָגט און פאַרשוואונדן . . . און שטיל אַ מינוט.

עס ברענט פאַר די אויגן די ריזיקע בלום,
עס ציען זיך אָרעמס אים בעטנדיק שטום,

און פיינלעך די בליקן, וואָס קומען פון זיי.
ער קערט זיך צום טאָל מיט אַן ענטפער: איך גיי.

וואָס מאַכט עס דען אויס וואָס ער פאָרט מיט דער באַן
אָנשטאָט אויף אַ קעמל אין זאַמד־קאַראַוואַן?
וואָס מאַכט עס דען אויס וואָס דעם רוף און געבאָט

צעטראָגט איבער לענדער אַ שטאָלענער דראָט ?
געלעבט און געטראַכט מיטן גאָר לעצטן דור,
געבוירן דאָך איז ער שוין טויזנטער יאָר.

אַ לעבן פון טויזנטער יאָר אין אים גליט.
און פילט ער אַ בענקשאַפט אים ציען — דאָס ציט
דער וואָרצל פון טויזנטער־יאָריקן שטאָם
וואָס האָט זיך צעצווייגט איבער לענדער און ים
און ציט פון דער וועלט יעדן צווייגל און בלאַט
צוריק צו דעם באָדן וואָס נערט אים צו זאַט.

עס ציט יעדן בלעטל פון ווייטסטער ווייט —
און ווער וועט זיך שטעלן דערהערן די צייט —
צי יאָגט זיך אַ באַן, צי אַ קעמל־געשפּאַן,
צי שטייט צי אַ דראָט ברענגט די בשורה פון גאָט ?
ס'פאַרלויפן די יאָרן און דורות אין רוים,
דאָך אייביק דערנערט זיך פון וואָרצל דער בוים.

זיי זיינען געקומען, די „עלצטע פון זיי",
פון וואו נאָר אַ ווינקל, מיט באַן און אָקרענט,
געקומען דערלאַנגען זיך ברידערשע הענט.
דאָ האָבן זיך פאַרבן פון זייד־אָריענט
געקווייטלט אויף מאַנטלען, און שטראַליקער שטיין
אויף בראָנזיקע פינגער האָט העלער געהעלט.
דאָ האָבן זיך מענטשן, שוואַרץ־בערדיק און ווייס
אין קרויזיקע היטלען פון שעפּסענעם פעל
געחברט מיט די וואָס פון איבערן ים
געבראַכט האָבן פנימער בייניק און הויל.
עס האָבן דאָ אויגן, פון צפון־ליכט בלאָ,
געשמייכלט צו בליקן פון גליאיקן קויל,
עס האָבן פאַרבלייכטע קליינשטעטלשע לייט
געשפּרייזט מיט מאַגנאַטן פון עלפאַנטביין־לאַנד,
און פראַקן און הויכע שוואַרץ־גלאַנציקע היט
געפירט האָבן שטריימלען און גאַרטלען ביים האַנט.
אַ ווירבל פון לענדער, פון דורות און שטאַנד,
פון הויך און געפאַלן, פון יוגנט און גראָ,
איז דאָ צו אַ שטילשטאַנד געקומען און האַנט
אין האַנט צוזאַמענגענומען, פאַרבונדן זיך דאָ.

אַ זאַל, און ס'איז שטיל. צו די טרעפּ אויבן אָן
געצויגן איז יעדערנס בליק און ס'פאַרהאַלט

דעם אָטעם דאָס וואָרטן. און אָט אויף די טרעפּ
שטייגט לאַנגזאַם אַרויף די געשטייפּטע געשטאַלט
פון פרעמדן. דאָס איז ער — דער איינער, דאָס קול
וואָס האָט זיי דאָ אַלע צוזאַמענגעפירט
צו ווערן דאָ איינס. ער אַליין איז דאָס איינס,
דער ווילן, די גאַנצקייט פון אַלע. מע שפּירט
ווי ס'ציטערט זיין טראָט און אַ שטורעם פון פרייד
צעטרייסלט דעם זאַל. ווי אַ ברומיקער וואַל
דערקייקלט זיך ביז דער עסטראַדע, און דאָרט
צעשטויסן געוואָרן און שטיל איז אין זאַל.
טויט־שטיל און ער רעדט:
— מיינע ברידער אין לייד!
מיר זיינען געקומען צו מעלדן דער וועלט,
אַז מיר אַלע דאָ, פון דער נאָענט און ווייט —
מיר זענען איין פאָלק, אַז דער וויטיק וואָס פּלאָגט
אונדז אַלע אין יעטוועדער ווינקל פון דער ערד,
איז נישט נאָר אין אונדז: ס'איז אויך שולדיק די וועלט,
און זי גלייך מיט אונדז אַ דערלייזונג באַגערט.
מיר קומען אַהער צו פאַרווישן פון זיך
דעם פּלאָסטער פון הונדערטער יאָרן פון שטויב
וואָס האָט זיך אין ענגשאַפט געזאַמלט און אונדז
פון זיך און פון פרעמדע פאַרהוילן. און אויב
עס פוילט אין אונדז עפּעס — אַרויס צו דער שיין,
און דאָ איז דער משפּט פאַר אונדז פון הייַנט אָן.
מיר קומען אַהער, כדי אָט דאָ, פון דעם אָרט
פון אונדזער דערלייזונג צו הייבן די פאָן.
מיר קומען — — — נאָר ס'האָט זיך שוין מער נישט געקענט
פאַרהאַלטן דער שטורעם אין שטאָל פון זיין בליק
און האָט זיך צעשמעטערט אויף שויבן און ווענט
אין שוימיקע כוואַליעס פון פיינלעכן גליק.

ס'איז נאַכט און עס שלאָפט שוין דאָס קינד אין זיין בעט.
ער גנבעט זיך אונטער צום קינדערשן בעט
און פאַלט אויף די קני און מיט ציטעריקע הענט
אים גלעט ער און ציטערט, און ציטערט און גלעט.

ער וויגט זיך און מורמלט. און ס'קינד פונעם שלאָף
צעעפנט דערשראָקן די אויגן פאַרגלייזט:
— דו, טאַטע? — און ציט זיך צו אים מיט די הענט.
— יאָ, איך בין עס, קינד מיינס . . . ווייסט, זונעלע, ווייסט? . . .

— וואָס טאַטע? — מיר זיינען דאָך יידן, דו ווייסט?
— יאָ, טאַטע, איך ווייס עס . . . — אָודאי, געוויס
דו ווייסט עס אַליין שוין . . . גוט, זונעלע, גוט . . .
און גלעט אים די אָרעמס, די לאָקן, די פיס . . .

— מיר אַלע, דיין מאַמע, דיין שוועסטערל, איך —
מיר אַלע דאָ זיינען מיר יידן, פאַרשטייסט?
— יאָ, טאַטע! — יאָ, זון! — און עס שטיקט זיך אין אים
און ס'ברעכט זיך אין אָטעם: גוט, גוט וואָס דו ווייסט...

III

עס גייט צווישן פעלקער אַ מעשה אַרום:
— די יידן — זיי האָבן אַ מלך געקרוינט.
— די יידן — אַ מלך? און וואו איז זיין לאַנד?
— דאָס לאַנד וואָס זיי האָבן פאַרצייטנס באַוואוינט.
— דאָס לאַנד פון פאַרצייטן? דאָרט הערשט דאָך דער טערק.
— אָט טאַקע דערפאַר! ער איז אָרעם, דער טערק,
און פאַר אַ פּאָר פעסעלעך יידישן גאָלד
פאַרקויפט ער די הייליקע טאָלן און בערג
און שענקט נאָך אַ צולאָג — אַ האַלבן האַרעם.
— און קריסטלעכע הערשער וואָס זאָגן דערויף?
— אָט דאָס איז די מעשה. אַז וואו נאָר ער קומט,
דער יידישער מלך, ווערט פּאַלאַץ און הויף
מיט כבוד און גינציקייט אָפן פאַר אים.
ס'איז דאָ ביי די הערשער אַ חשבון געוויס.
ווער דאַרף מיט אַן אמת די יידעלעך, די,
זיי זאָלן זיך פּלאָנטערן אונטער די פיס?
דער טערק וויל זיי נעמען? געזונטינקערהייט!
וואָס אַרט עס וואו יידעלעך וועלן אַוועק
אַבי מען ווערט פטור פון זיי און אַ סוף.
— אָודאי אַ שכל! אַוועק און אַן עק.
און ווען וועט עס ווערן? — מע זאָגט אַז אָט־אָט!
דער דייטשישער קייסער אַליין האָט אַ האַנט
אין מאַכן ס'געשעפט מיטן טערק, און אָט באַלד
באַזוכט ער אַליין דאָס געדונגענע לאַנד
און שטעלט איין דעם פּרייז. איז דעריבער ווער ס'האָט
אַן אויג אויף אַ יידיש פאַרמעגן, קען גרינג
איצט כאַפּן מציאות. אַ קראָם, אַ פאַבריק,
אַ הויז, אַ מאַיאָנטעק — זיי וועלן אַלצדינג
פאַרקויפן איצט ביליק. — און אפשר איז גאָר
די גאַנצענע זאַך אויפן דאָך אַ יאַריד?

— גיי רייד מיט אַ נאַר: אויפֿן דאַך אַ יאַריד . . .
עס קלינגען דאַך אַלע גאַזעטן דערמיט!

ס'איז טאָג. אויף די הייזער און גערטנער פֿון דאָרף
די זון אין אַ האַרבסטיקער לויטערקייט שיינט,
און מענטשן פֿאַרפּוצטע פֿאַרפּלייצן די גאַס —
דער קייסער דאָרף קומען, און יום־טוב איז היינט.
שוין יאָגט אָן אַ רייטער פֿון ווייטן, עס שלאָגט
אַ שטויב אויפֿן וועג און דער קייסער איז נאָנט.
עס קנאַלן די ביקסן, עס הילכט אַ טרומייט,
און ווייט פֿונעם טויער, באַקראַנצט און באַפּאַנט,
אַראָפּ צו די הינטערשטע הייזער פֿון דאָרף,
צעשטעלט זיך אין רייען דאָס פֿאָלק, און פֿאַרויס
שטייט ער, ערשט פֿון נעכטן אַ גאַסט דאָ אַליין,
אַזוי ווי דער ווירט פֿונעם אורראַלטן הויז.
צי האָבן נישט זיי, זיינע ברידער אַרום,
באַזייט און באַפֿלאַנצט און באַפֿרוכפּערט די ערד?
אַ שטויב יאָגט פֿון ווייטן, עס הילכן אָפּ טריט,
און אָט האָט דער רייטער, דער קייסער אַליין,
פֿאַרהאַלטן די צוים, און ס'בלייבט שטיין הינטער אים
די מחנה וואָס פֿינקלט אין גאָלד און אין שטאָל.
צום ווירט רייט דער קייסער. ער בייגט זיך אַראָפּ
די האַנט צו דערלאַנגען, און הויך קלינגט זיין קול
אין וואונטש און באַגריסונג צום פֿריינטלעכן ווירט.
אַן ענטפֿער פֿון הונדערטער הילכט דורכן רוים:
— דער קייסער זאָל לעבן! — און ס'ציטערט דאָס פֿערד
און בייסט אומגעדולדיק דאָס זילבער פֿון צוים.
אויף מאָרגןביים קייסער אַ גאַסט איז דער ווירט.
שוין נייגט זיך דער פֿריינטלעכער שמועס צו ענד:
— עס קוקן די דערפֿער דאָ בליענדיק אויס.
— דער היימישער באָדן טוט שטאַרקן די הענט
פֿון אונדזערע ברידער, און ווען ס'וועט פֿאַר זיי
פֿון מעכטיקע הערשער די גנעדיקע שוץ
דעם באָדן באַוואַכן, וועט לעבן און בלוט
נישט ווערן געשווינט פֿאַרן הייליקן גוטס.
— ס'איז שווער . . . ס'איז דאָס לאַנד שוין פֿון הונדערטער יאָרן
פֿאַרוויסט און פֿאַרלאָזן — . . . עס ווערן נישט מיד
די הענט וואָס אין גראָבן דערגראָבן צו זיך,
צו שפּורן פֿון זיידעס אויף יעטוועדער טריט.

די שפּורן פון זיידעס אויף יעטוועדער טריט.
פאַרוואָס אָבער פאַלט ער נישט צו צו דער ערד
און קושט נישט איר גראָז און איר שטויב און איר שטיין,
ווי יענער, דער הייליקער דיכטער אַמאָל,
וואָס האָט אויך ווי ער זי פון מערב באַגערט?

ווייל ער האָט אַהער נישט צו חורבות געבענקט
און אויך נישט צו גערטנער וואָס זיינען פאַרזייט
פון אַנדערע, פרעמדע, כאָטש ברידערשע הענט.
דאָס לאַנד וויל ער זען באַבויט און באַגרינט
פון זיינע, פון זיינע, פון אייגענע הענט.

עס בליען די גערטנער און ס'גרינען די בערג.
פון ברידער געפלאַנצט, דאָך נישט דיינס איז דאָס ווערק.
פאַרמאַך דיינע אויגן און קוק נישט דערויף
ביז וואַנען עס ברענגט דיך דאָס וויסן צוריק,
אַז דו ביסט דער בויער און דיינס איז דער זיג.

די שיף טראָגט אַוועק און דערווייטערט פון ברעג.
צי איז נישט געבליבן אַליין אויפן ברעג
אַ כלה, וואָס קוקט פון דער אָפענער טיר
און וואַרט, מען זאָל אויסלייזונג ברענגען צו איר
און שליסן אַ בונד שוין אויף אייביקע טעג? . . .

מיין קיניגין־כלה! איך האָב דאָך אַליין
די אויגן פאַרשטעלט, אַז איך זאָל דיך נישט זען.
איך בין ווי אַ פרעמדער אַנטלאָפן פון דיר,
איך זאָל נישט דערקענען דיין שיינקייט, וואָס ברענט,
אַ משכון געפאַנגען אין פיינטלעכע הענט.

די ערד, וואו מיט הייליקייט ווייט יעדער שפּאַן,
געפאַנגען האָט איינמאָל אַ בייזער סולטאַן,
און האַלט אויך די כלה אַ משכון ביי זיך.
נאָך ווייט איז דער פּאַלאַץ פון בייזן קאַליף —
אוי, שיפער, יאָג שנעלער, טרייב שנעלער די שיף!

באַלד רופט מען פון טורעם צום אָוונט־געבעט —
דאָך בלייבט דער סולטאַן מיטן פרעמדן פאַרמאַכט,
און האַרן און דינער און קנעכט פון דער קרוין,
וואָס וואַרטן צו הערן פון הערשער אַ וואָרט —

זיי שלייפן די צינגער: — ווער איז ער, דער ייד?
מיט וואָס פאַר אַ כישוף באַוועבט ער אים דאָרט?
ניט אַנדערש — דער פוקס איז געפאַנגען אין נעץ!
דער ביטערער, בייזער און כיטרער סולטאַן
זאָל איינעם באַזעצן ביי זיך אין פּאַלאַץ,
אים געבן אַ קאָטש מיט זיין אייגן געשפּאַן —
נישט אַנדערש, ס'האָט עפּעס פּאַסירט מיטן פוקס! . . .
שוין טונקלט . . . עס לאָזן זיך שאָטנס אַראָפּ,
און ערשט מיט די שאָטנס דערשיינען די צוויי:
דער הערשער און, העכער פון אים מיט אַ קאָפּ,
דער פרעמדער — דער אמתער האַר פון די צוויי.
אַוועק. עס פאַלט צו צו זיין האַר דער וויזיר:
— דיין הייליקע גרויסקייט! . . . — אַ, לאָז מיך געמאַך!
דו זעסט נישט — עס איז היינט א יום־טוב ביי מיר.
איך האָב היינט נאָך יאָרן און יאָרן צוערשט
אַ מענטשן געזען, אַ מענטשן געהערט.
אַ, וואָלט מיר שטאָט אַלעמען, אַלעמען אייך,
נאָר איינער אַזאַ ווי דער ייד זיין באַשערט! . . .
טרעט אָפּ דער געשייטער וויזיר אויף צוריק.
דעם רוקן געבויגן נאָך טיפער ווי טיף,
און יענער וואָס האָט די צעצאָרנטע רייד
געבראַכט אויף דער צונג פון צעקרענקטן כאַליף,
שוין טראָגט זיך פאַרויס, פון געוואָרגענער פרייד
אַזוי ווי פון פלאַמען פאַרשטיקטע באַשטראַלט:
באַלד וועט שוין די בשורה אַרויס צו דער וועלט
און אַנזאָג פון גאולה וועט אויפשיינען באַלד.

ס'איז אמת — דער שטאָלענער דראָט איז געשווינט
און יאָגט מיט דער בשורה נאָך שנעלער פון ווינט.
דאָך וואָלט זיך אנשטאָט דעם שליח פון דראָט
געוואָלט, אַז אַ רייטער פון שטאָט איבער שטאָט
זאָל בלאָזן אין שופר גאַס איין און גאַס אויס,
און זאָל פון געוויקלטן פאַרמעט אַרויס
דערגרייכן צו טויער און טירן די פרייד:
די שעה פון דער גאולה — זי קומט שוין, זי גייט.

דער שטאָלענער דראָט איז געשווינטער פון ווינט.
געשווינטער און אפשר שוין צופיל געשווינט
פאַר אָפּשטאַם פון דור מיטן האַרטן געניק
וואָס האָט לאַנגע דורות־מדבריות געשולט
די רוקנס און הערצער צו שטומען געדולד

און איבער די תהומען פון רשעות צעוויגט
אַ ווינטיקע, לויזע, פּאַפּירענע בריק.
דאָך וועלן זיי מוזן די בשורה פון גאָט
דערהערן אין ברום אויך פון שטאָלענעם דראָט.

IV

יאָ, רבי און פירער! איך האָב דיך געפאָלגט.
און אָט אַ צעווייטיקטער קום איך אַצינד
און פרעג דיך: וואוהין זאָל איך טראָגן מיין צער,
דעם איינציקן שכר וואָס איך האָב זיך דערדינט?

איך וויים — האָסט נישט איינמאָל דאָס זעלבע געפרעגט.
דאָך איז דען דער ווייטיק אין צייַנער פאַרשטיקט
דאָס איינציקע וואָס דו האָסט צוגעטיילט מיר
ווען האָסט מיך דיין וועג צו באַטרעטן געשיקט?

יאָ, דו ביסט געגאַנגען און דו האָסט דערלייזט.
און האָט פאַר דערלייזונג דיר גלויבן געפעלט,
האָט הימל מיט נסים באַרעגנט דיין וועג
און נסים ווי מיילשטיינער דיר אויסגעשטעלט.

מען האָט דיך געשיקט צו אַ מחנה, פאַרשקלאַפּט
ביי שטיינערנע קברים מיט קעלנע און ליים,
פאַרגיטיקט זיי גלייך מיטן רויב פונעם לאַנד
און צוזאָג פון האָניק און מילך אין דער היים,

דעם שונא צעשלאָגן, דעם זודיקן ים
פאַר זייערע פוסטריט געשפּאָלטן אויף האַלב —
און דאָך האָט געצויגן צוריק צו די פיש
און מ'האָט זיך געבויגן צום גאָלדענעם קאַלב.

און איך — צו די מחנות פון בעטלער צעזייט
און קרעמער פאַרשקלאַפּטע צו קעלבער פון גאָלד —
מיט וואָס פאַר אַ צייכנס האָסטו מיך געשיקט,
מיט וואָס פאַר אַ נס האָב איך קומען געזאָלט?

קיין ימען צו שפּאַלטן, קיין וואַסער פון שטיין.
און אויב ס'איז אַ צייכן געוועזן דאָס בלוט —
איז דאָס דאָך פון זייערע בכורים אַליין,
פון אייגענע קינדער פון אונטער דער רוט.

און אויב ס׳איז דער חושך אַ צייכן געווען,
און קראַנקהייט און הונגער און אומגליק און פּלאָג —
איז דאָס דאָך אין זייערע הייזער אַליין,
איז דאָס דאָך די אייגענע, פינצטערע קלאָג.

יאָ, רבי, איך האָב דיך געהערט און געפאָלגט.
און אַט אַ דערשלאָגענער קום איך און פרעג:
וואו זאָל איך זיך ווענדן אַצינד מיט מיין צער
און וואו וועט מיך ווייטער באַקערן דיין וועג?

צו וועמען זיך קערן? און דאָ אַרום זיך
נאָר טענות און פאַרוואורף: — דו האָסט אונדז גענאַרט!
דו האָסט אונדז פון גאולה אַ בשורה געבראַכט
און איצט קומט מאַנען ביי אונדז און מע וואַרט.
וואָס ווילט איר? צי האָב איך מיין לעבן געשוינט?
דעם נאָמען פון פירער פאַר פרעמדע פאַרשעמט?
איך האָב אייך די טירן געעפנט, און גרייט
פאַר אייך זיינען באָדן און פרייהייט. גייט, נעמט!
איר קענט עס נישט נעמען? און איך מיט מיין רוף
האָב אייערע גאולה־כוונות אַנטפּלעקט,
האָב אייער באַהאַלטענעם פּלאַנצן פאַרטייטשט
און אָפן צו אָפענעם לעבן געוועקט?
איך בין נישט קיין גנב! איך שלעפּ נישט געהיים
די ברעקלעך פון דעם וואָס איז מיינס ביזן ביין.
איך בין נישט קיין בעטלער. איך וועל אין מיין היים
נישט בעטלען ביי קיינעם צוקאָפּנס אַ שטיין.
גענוג, זאָל מען וויסן! איך, אָרעמער מענטש,
פון פרעמדקייט אַ פירער געקרוינט איבער נאַכט,
איך האָב עס צו מעכטיקע הערשער דערגרייכט,
אַ פאָלק ביז צום שוועל פון באַפרייאונג געבראַכט,
און איצט ווען מען דאַרף נאָר באַטרעטן די שוועל
וויל קיינער נישט הערן און וויסן קיין זאַך . . .
גענוג! כ׳וועל אַוועק אין מיין ווינקל צוריק,
פאַרגעסן, פאַרשווינדן — און לאָזט מיך געמאַך!

ניין, ברודער, מען קען שוין פון דעם נישט אַוועק!
פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ בעטלעריש בלוט
וואָס בייגט דיך אין דרייען און וואַרפט אויף די קני,
און בייגנדיק ברענט עס דיך יעדע מינוט
מיט יחוס און גלויבן, מיט וויסן און שטאָלץ

ביז וואַנען ס'צעפּרעסט דיר דעם מאַרך פון געביין,
נאָר האָסטו זיך איינמאָל באַהאַפטן מיט אים —
פאַרפאַלן, דו וועסט שוין צוריק מער נישט גיין . . .
וועסט ווייטיקן שטום און זיך וואַרגן אין קלעם,
וועסט יאָכן און זוכן מיט ליבשאַפט דעם יאָך,
וועסט קריכן דורך פינצטער צום טראָפּעלע ליכט
און שטרויכלען און פאַלן און ווידער און נאָך
זיך הייבן און פאַלן און בעטן: שיין אויף!
און ביז עס וועט ווען עס איז אויפגיין דער נס,
קריך וואַרעמדיק ווייטער אין שטויב פון דער ערד,
און דאַנק פאַרן איבערגעלעבטן מעת־לעת,
און וואַרט ביי דער טיר פון באַדריקער און בעט
אַ שאָטן פון איינזען, אַ שטויבעלע זכות,
און דאַנק אים און דאַנק אויב ער וועט אין זיין גנאָד
נישט אָפּשטויסן דיך פון זיין שוועל מיטן פוס.
שאַ, שטיל און געדולדיק! און זעסט ס'אַראַ פרייד,
און זעסט ווי דו וואָלסט אויף אַ קיניגס אַ קרוין
שוין מער נישט פאַרביטן דיין אומגליק אַצינד?
זיי שטילער אין יאָך, זיי געדולדיק און שוין . . .

אַמאָל ווען איך נאָך מיין בלוט נישט געקענט,
האָב איך ביי געקרוינטע געמאָנט אונדזער חוב.
היינט בין איך אַ ייד און איך ווייס ווער איך בין —
היינט וואַרט איך אויף חסד ביים תליון אין הויף.

כ'בין נעכטן געוועזן ביים תליון צו גאַסט.
זיין העפלעכקייט האָט זיך געגאָסן ווי ווין,
און האָניקדיק האָט ער גענומען מיין האַנט
אין זיינע פאַרבלוטיקטע פינגער אַריין.

דאָס בלוט אויף די פינגער געוועזן איז מיינס.
איך האָב זיך פאַרנויגט אין געהאָרכזאַמען דאַנק
און האָב פון די פליישיקע ליפּן אַראָפּ
געהערט ווי עס צישעט מיט נחת די שלאַנג.

און זאָגן געזאָגט האָט דער תליון אַזוי:
— אויב ס'וויל נישט דיין פאָלק זיין געוואָרגן פון מיר,
ביי אים איז די ברירה צו גיין וואו עס וויל,
און איך וועל אים לאָזן אַן אָפענע טיר.

נאַר גיין, אויב עס וויל, זאָל עס גיין ווי אַ מויז,
מען זאָל נישט דערהערן קיין פּיפּס פון זיין מויל.
און הער איך אַ וואָרט, בין איך דאָ אויפן אָרט.
אויב נישט מיט די פינגער, וועט טרעפן אַ קויל.

אַזוי האָט דער תליון גערעדט צו מיר זיס,
און שלאַנגיש מיט פייערלעך גרינע באַגליט.
איך האָב זיך פאַרנויגט און אויף הינטן אַרום
נאָך אַלץ אַ פאַרנויגטער געוואַקלט די טריט.

איצט קענט איר מיך נעמען און פירן צום פאָלק —
איך בין דאָך שוין מער נישט קיין פרעמדער פאַר אייך.
איך האָב פאַרן תליון געבויגן דעם קאַרק,
איך בין דאָך אַ ייד שוין, מיט אַלעמען גלייך.

די גאַס, די פאַרהאַוועטע, וואַכיקע גאַס
אַ בלייכע, צעטומלטע, לויפט צו דער שול.
שוין פול איז די שול און דער הויף און אַרום
די געסלעך, די דעכער און פענצטער שוין פול.
מען וואַרט. פון די טירן פון שול קומט אַרויס
אין קיטל און טלית דער פּרוש, דער גרייז,
וואָס האָט שוין זייט יאָרן די גאַס נישט געזען,
און ווייס איז דאָס פּנים, די זאָקן, און ווייס
דאָס מענטל פון ספר אין זילבער געשטיקט.
עס הערן זיך רעדער, אַ טומל, און באַלד
פון קאָטש קומט אַ הויכער, אַ בלייכער אַרויס,
פאַרהאַלט זיך אין אָנבליק פון וויסן געשטאַלט
און ציטערט. און ס'הערט זיך פון אַלטן דאָס קול:

— געבענטשט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט אין דיין גנאָד
דעם מענטש מיט דיין כבוד און שיינקייט באַטיילט.
זיי גייען. ער שטעלט נאָכן אַלטן דעם טראָט,
אין ענגשאַפט און שטילקייט אַריין אין דער שול.
אַרויף ביז צום אָרון. עס שורשעט דער זייד
פון וויסן פּרוכת, עס עפענען זיך ברייט
די טירלעך — און בלייך מיט אַ בלייכקייט פון קרייד
די ליפּן פון זקן:
גאָט פון אברהם,
פון יצחק און יעקב! אין ציטערניש דאָ
פאַר דיר שטייט דיין קינד און מיר אַלע מיט אים
וואָס האָפן צו דיר. אין דער שרעקלכער שעה

ווען טויט האָט געלויערט אויף אונדז אין דער נאַכט
און ס'האָט פון באַגינען געיאָגט אונדז דער גרויל,
ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָבן פאַר אונדז
די תהומען צעעפנט דאָס פינצטערע מויל
צו שלינגען דעם רויב, — אין דער שרעקלעכער שעה
האָט אויפגעהעלט ווידער אַן אָנזאָג פון ליכט
אין זון, וואָס פאַר דיר, און דו האָסט זיינע טריט
צו מעכטיקע הערשער און האַרן געריכט
כדי לייטזעליקייט צו דערוועקן פאַר אונדז
אין האַרץ פון די מעכטיקע . . . גאָט פון אברהם!
דו האָסט פון דיין אָרעם געגאָסן אויף אים
דיין שיינקייט און חן ווי אַ גאָלדענעם שטראָם,
אַז ער זאָל אין אויגן פון הערשער און פאָלק
באַליבט און באַחנט זיין ווי דוד דיין קנעכט.
און אויב ס'איז די מאָס פון יסורים פאַרפולט
און ס'איז פאַר דיין הייליקן ווילן שוין רעכט
דער טאָג פון נחמה זאָל אויפגיין פאַר אונדז, —
פאַרלאָז אים נישט, פאָטער! באַשירעם, באַהיט
און שיק אים דיין מלאך, עס זאָלן אים נישט
פאַרבלאָנדזשען פון ריכטיקן וועג זיינע טריט.
און איצט ווען איך לייג מיינע הענט אויף זיין קאָפּ
און גיב אים מיין ברכה — זאָל זיין אַז פון דיר
געשיקט איז די ברכה, און קומען מיט אים
זאָל אונדזער נחמה. זאָל יעדער מיט מיר
דאָס נאָכזאָגן: אָמן! —

אין טרערן געוויינט
צעטראָגט זיך דער „אָמן" אַזוי ווי אַ ווינט.
דעם ספר דערהויבן צום בלייכן וואָס שטומט
פאַרטרויט אים דער אַלטער: זאָג אָמן, מיין קינד.
ער זאָגט. און מיט ליפּן מיט בלייכע באַרירט
דאָס יידענע מענטל און פּילט — אַלץ אין אים
ווערט ענג און דערשטיקט פון די בליקן אַרום.
עס ציטערט זיין אָטעם און ס'ברעכט זיך די שטים:
— מיין פאָלק! זעט איך רעד נישט צו אייך אייער שפּראַך.
אַ פרעמדער געוועזן... געבלאָנדזשעט פאַרבענקט,
פאַרריסן דעם קאָפּ און ס'איז ליידיק און פּוסט
געווען מיר אין האַרצן... איך האָב נישט געדענקט
אַז כ'האָב ערגעץ ברידער, דאָס בלוט פון מיין בלוט,
און מיינס איז דער ווייטיק מיט אַלעמען גלייך.
האָט גאָט זיך דערמאָנט, זיך דערבאַרעמט אויף מיר
און האָט מיך געשיקט אונדזער הייליקן יאָך

מיט אַלעמען טראָגן. און בין איך נאָך בלינד
צו אייערע ליידן — מאַכט אָפּן דעם קוואַל
און איך וועל אים טרינקען מיט אייך ביזן גרונט.
און איז מיר די זכיה באַשערט כאָטש אַ שמראַל
אַן אײנציקן ברענגען — כ'בין גרייט מיטן פּרייז.
און אויב דו פאַרלאַנגסט פון באַפרייער דעם טויט
נאָך איידער זיין אויג האָט דערזען דאָס לאַנד, —
איז האָב איך דאָך דיר מיינע אנגסטן פאַרטרויט
און ווייסט, אַז איך האָב נישט געזען דאָס לאַנד.
און אויב ס'איז אַ שיין פון זיין הרובער פראַכט
פאַרבליבן אין מיר — מעק עס אויס, וויש עס אָפּ,
צעשפּרייט אין מיין מוח אַ פינצטערע נאַכט
און שענק מיר די זכיה פון קרבן, פון טויט
פאַר זייער באַפרייאונג, נאָר זאָלן זיי מער
נישט וואָגלען צעבלאָנדזשעטע איבער דער וועלט
ווי שעפּסן פאַר יעדערנס חלף און שער!...

אַנטשוויגן, פאַרשטומט און געלאָזן זיך גיין.
ער פילט קוים דעם באָדן אויף וועלכן ער טרעט,
ער זעט נישט די פינגער וואָס רירן אים אָן,
און עמעצער דריקט אים, און עמעצער גלעט,
און אַלטינקע באָבעס אים קושן די הענט,
און אָט בלייבט ער שטיין פאַרצאַמט ביי דער טיר —
דאָס טראָגט אים אַ מאַמע אַנטקעגן אַ קינד
און בעט: — לאָז אים איינמאָל אַ קוק טאָן אויף דיר!...

עס טראָגט אים. נאָר ווען ער אַנטלויפט פון דער שול,
פאַרהאַלט אים אין דרויסן אַ מחנה, וואָס זידט
און שטויסט זיך צו אים. וואו ער וואַרפט מיט אַן אויג —
צעפילדערטע יונגען, וואָס פאָכן מיט היט,
און באָרוועסע ייִנגלעך, און אַלטע פאַרבליפּט,
און ווייבער מיט קינדער ביי אָפענע בריסט,
און קליידער אין לאַטעס — — — און ברוין־שוואַרצע הענט
פאַרנעמען אים, טראָגן — און רייס דיך אומזיסט!
שוין איז ער אין קאָטש, נאָר עס בריקען די פערד
צעשראָקן און ווילד אין דער מחנה, וואָס שטויסט
און ליאַרעמט. ער שטייט און ער בויגט זיך און גריסט
און שמייכלט צעמישט . . . נאָר אַלץ הילכיקער ברויזט
אין רופן די מחנה... און אָט מיט אַמאָל
דערנענטערט זיך עמעצער, איינער פון זיי,

ס׳פֿאַרהאַלט זיך די ראָד אין זיין אָרעם, און פֿלינק
אַרויף אין דער קאָטש און עס הילכט זיין געשריי:
— עס לעבט קעניג דוד אויף אייביקע יאָר!
פֿון ווייטן ביז ווייטן צעטראָגט זיך דער שאַל,
און ס׳דונערט אַן ענטפֿער און קייקלט זיך ברייט
אַזוי ווי אין שטורעם אַ הילכיקער וואַל:
— עס לעבט קעניג דוד אויף אייביקע יאָר!...
און פּלוצלונג — אַ גרילציקער אויפֿשריי אין פּיין
רייסט איבער די כוואַליע, און ווידער און נאָך,
עס שניידן זיך ווייען אין הילכן אַריין,
עס הילכן געקאָוועטע פּיס אויפֿן שטיין,
עס טרעטן אויף מענטשן צעיושעטע פֿערד,
עס קנאַקט מיט אַ פֿייף אין דער לופֿטן אַ קנוט,
עס בלאַנקט אין דער זון אַ צופּאָכעטער שווערד,
עס גרילצן געשרייען, מען שטויסט זיך, מען יאָגט
צו טירן, צו פֿלויטן אין טויטלעכער שרעק
און פּוסט ווערט אין גאַס... בלויז דער פֿערדן־פּוס בראָקט
די שטילקייט אויף שטיינער מיט רויטן באַפֿלעקט.
און ערגעץ וואו ווײנט אויף די שטיינער אַ קינד,
און ס׳וואַלגערט זיך ערגעץ אַ היטל, און ס׳הויבט
אַ טיכל אין קוויטן אויף שטיינער דער ווינט
און ס׳יאָגט זיך, פֿאַרנומען פֿון רייטער אַרום,
די קאָטש מיטן קעניג דורך גאַסן געשווינט.

עס יאָגט זיך די באַן דורך דער אימה פֿון נאַכט.
זיצט איינער אין ווינקל מיט אויגן פֿאַרמאַכט.
עס פֿאַלט אין דער באָרד אויפֿן בוזעם דער קאָפּ,
עס הענגען די הענט, ווי נישט זיינע, אַראָפּ,
און ווען נישט דער אָטעם און ציינער פֿאַרקריצט,
איז וואָלט זיך געדאַכט — אַ געשטאָרבענער זיצט.

עס טרייסלט די באַן אין געיעג אין דער ווייט,
אַ טרייסל די הענט און דעם קאָפּ אַן אַ זייט,
און ווידער, און ווידער — אַ שעה נאָך אַ שעה.
דער הימל ווערט גרוי און דער הימל ווערט בלוי,
ער בלייבט אין זיין ווינקל פֿאַרגליווערט, ווי טויט,
ביז אויגן דערשפּירן דאָס וואַרעמע רויט.

אין רויט פֿון דער זון אויף די פּיס זיך געשטעלט.
ער זעט, ווי ס׳צעשווימען די נעפּלען אין פֿעלד,

ער זעט, ווי עס פינקלט אויף גראָזן דער טוי
און ס'שטאַמלען די ליפּן אַרויס: ווי אַזוי?
מיין גאָט, ווי אַזוי זאָל איך בעטן ביי דיר,
אַז דו זאָלסט דיין צייכן באַווייזן פאַר מיר!

און פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך עפּעס און זוכט,
ער זוכט און געפינט — און אָט האַלט ער אַ בריוו,
און ס'לויפן די אויגן פון וואָרט איבער וואָרט,
און האַסטיק דאָס האַרץ, און דאָס אָטעמען טיף
נאָך טיפער, געהאַקטער, עס טרייסלען די קני,
און אָט מיט אַמאָל רייסט זיך אַרויס אַ געשריי
פון ווייטיק און פרייד, און צוריק אויף זיין פּלאַץ
פאַרצאַפּלט ער פאַלט און זיפצט אָפּ: איך פאַרשטיי.
עס בלאַנדזשען די אויגן פון פענצטער אַרויס.
ער זעט, ווי דאָס פעלד אין פרימאָרגן־שיין ליגט,
ס'באַווייזט זיך אַ פויער, אַ פויגל פליט אָן,
און פונקט, ווי עס האָט זיך זיין זיידע געוויגט,
צעשאָקלט ער זיך, און ער זאָגט: איך פאַרשטיי...
דאָס האָט מיך אַהערצו פאַרטראָגן דיין האַנט
צו וויזן דאָס אומגליק, און איצט, ווען איך ווייס,
האָסטו מיר געשיקט פון אַ הערשאַפט אַ לאַנד
אין ערגעץ אַ מדבר, פאַרוואָרפן און וויסט,
און שטעלסט מיר דאָס האַרץ און דעם ווילן צו פּרואוו...
יאָ, כ'בין שוין אַ ייד, און איך נעם, וואָס מען גיט.
און אויב ס'איז געווען פריצייטיק מיין רוף,
און האָסט אונדז ווי דעמאָלט אַ מדבר פאַרגרייט,
דורך אים צו דערגיין צו דער הייליקער ערד —
דער דור פונעם מדבר — דאָס זאָלן מיר זיין,
אויב דאָס האָט דיין הייליקער ווילן באַשערט.

געשרייען, געוויינען, און צאָרן און שרעק:
— מיר ווילן נישט הערן און וויסן דערפון!
— מיר זיינען באַשווינדלט! מיר זיינען פאַרפירט!
— וואָס וועלן מיר איצטער, פאַרלאָרענע, טאָן?
— ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו וואָר ברענגען דאָס,
וואָס קיינער פאַר אים האָט צו וואָר נישט געבראַכט!
— ער האָט זיך נאָך כבוד און הערשאַפט געיאָגט!
— ער האָט זיך אַליין פאַר אַ הערשער געמאַכט!
— מיט אונדזער פאַרטרויען מיט קיסרים גערעדט!

— אַ וואָך זיך געמאַכט, אין פּאַלאַצן געוואוינט!
— געגאַנגען צום פאָלק און ער האָט זיך אַליין
פאַר זייער דערלייזער און רעטער געקרוינט.
— און איצט, ווען די וואָר איז ווי בוימל אַרויס,
באַהעלטעניש זוכט ער זיך הינטער אַ וואַנט!
— ער וויל אונדז פאַרבלענדן די אויגן אויפ'סניי
מיט עפּעס אַ פינצטערן ווילדערניש־לאַנד.
— ער וויל אונדז פאַרפירן אין מדבר צוריק!
— מיר האָבן גענוג שוין מדבריות געהאַט!
— אַ פאַלשער משיח! אַ וויסטער גענאַר!
— דעם שטנס שליח! ס'איז פעלשונג, פאַרראַט!
געטומל, געשרייען — און פייסט און געוויין.
און דאָרטן, פון וואַנען מיט יאָרן צוריק
ער האָט זייער שטורעם פון הילכיקער פרייד
ווי כוואַליעס פאַרהאַלטן צוריק מיט זיין בליק, —
דאָרט איז ער מיט איינצעלנע טרייע אַרום,
געבליבן אַזוי ווי אַ חתן פאַרבלייבט,
ווען ס'איז פון דער חופּה די כלה אַוועק
און אומגליק דעם חתונה־עולם צעטרייבט.

און ווען ער האָט איינער אַליין אין דער נאַכט
גענומען זיך פרעגן: וואָס האָב איך געטאָן? —
אַריין איז אין צימער דער פרוש פון שול
און האָט אים געזאָגט: ביסט נישט מער אונדזער זון,
די האָסט אונדז געפעלשט און אַוועק מיטן ווינט,
אַז אונדזערע קעפּ זאָלן טראָגן דיין זינד.

געוויינט האָט זיין ענטפער: — ווי האָב איך געפעלשט,
ווי קען מען דען פעלשן אין אייגענעם בלוט?
איך האָב נאָר אַ צייכן געלייענט — אַ וועג
ווי רוען צו קענען פון תליון און קנוט.
— אַ צייכן פון שטן, וואָס לאָקערט אויף אונדז
נאָך וויסטער צו מאַכן דעם גלות פאַר אונדז.

— עס האָט מיך די גאַס און די ענגשאַפט געדריקט
און דלות געקוקט האָט פון לעבער אַרויס.
— אין דלות באַגראָבן, אין לעבער פאַרשטיקט,
פון דורות אויף דורות אַלץ קוקן מיר אויס
דעם אָנזאָג פון רחמים צו ברעכן די נויט,
און ס'האָט נאָך די נויט אונדזער טרייסט נישט געטויט.

— עס איז אין דער לופטן געהאַנגען אַ שווערד,
געפאַלן איז טראָפּענווייז בלוט אויף דער ערד
און קינדער געוויינט האָבן אונטער די פערד.
— גיי פרעג ביי דעם ווינט, אויב ער האָט ווען געהערט,
אַז מיר זאָלן ערגעץ באַטרעטן אַן אָרט
און ס׳זאָל אונדזער בלוט נישט פאַרטריקנט זיין דאָרט.

— עס האָט נאָר געזאָלט זיין אַן אומוועג אין וועג
און ברענגען דורך פרייערע שטעגן אַרום.
— מיר האָבן גענוג שוין געבלאָנדזשעט ביז דיר
מיט הינטערשטע וועגן, געבויגן און קרום.
משיח וועט גיין מיט אַן אָפענעם וועג
און פירען אַנטקעגן צום ליכטיקן ברעג.

— איר האָט מיך געלאָזן אַליין ביי דער שוועל
זיך שלאָגן אַזוי ווי אַן וואַסער אַ פיש — — — —
קיין ענטפער... פאַרשוואונדן... אַוועק אין דער נאַכט.
עס קילט פונעם פענצטער אַ מאָרגן־ווינט פריש,
און ערגעץ פון ווייטן אַ ליכטיקייט גראָט
און לייגט זיך אַריבער די דעכער פון שטאָט.

— ווער פירט מיך, ווער פירט מיך: דער שטן צי גאָט?

געגאַנגען בין איך, ווי אַ בלינדער נאָך ליכט,
און ס׳האָט מיך אַ בלינדן אַהינצו געריכט,
וואו גאָט האָט אויף אייביק זיין זיגל געלייגט —
און האָב נישט באַגריפן נאָך, וואָס מיך באַוועגט.

ביז ס׳האָבן מיך קולות פון דרויסן געוועקט:
— זיין טראָט ווערט פון געטלעכן פייער באַוועגט! —
געזוכט און דערשפירט פון די ווערטער דעם זין,
און פלוצלונג דערזען, ווי איינזאַם איך בין.

דאָן האָב איך ביים גאָט, וואָס איך האָב שוין דערקענט
אַ צייכן געבעטן צו שטאַרקן די הענט,
און ווען ס׳האָט מיך גנעדיק זיין פינגער באַרירט,
איצט הער איך דעם אורטייל: — דער שטן דיך פירט!

— דער שטן דיך פירט, און מיר וויכן פון דיר! —
געוויכט אויך, ווען גאָט איז געווען מיט מיר.

צי גאָט, צי דער שטן — אַלץ בלייב איך אַליין.
און ווער איז אין מיר? און וואוהין זאָל איך גיין?

ווער פירט מיך, ווער פירט מיך: דער שטן צי גאָט?

זיי זיינען געקומען פאַרבלייכטע צוריק.
און ס'האָט זייער מידקייט געקוקט אַזוי מילד,
אַזוי ווי די נאַכט וואָלט פאַרשלונגען דעם כעס
און קיל מיט איר אָטעם דעם ווייטיק פאַרשטילט.
און ווען ער איז ווידער דערשינען פאַר זיי,
פאַרגעביקע, שטילע — דאַן האָט אים געדאַכט —
ער האָט זיין נשמה געפונען צוריק
אין פיין פון אַ שמערצלעך פאַרכישופטער נאַכט,
ער האָט זיך געזויבערט אין שמערץ, — און אַצינד,
ווען ס'וועט זיך פאַרהיילן בייביידן די וואונד,
וועט ענגער פאַרבינדן דער ווייטיק אין פרייד
און ס'וועט זיך פאַרקניפּן אויף אייביק דער בונד.
געערדט. און גערעדט, ווי פון עפּעס באַפרייט
אַ הימל אַ נייעם געפונען אין זיך
און שטאַרקייט אַנטדעקט, איבערמענטשלעכע מאַכט,
וואָס קען זיך נישט בייגן... ווער צווייפלט דען? איך
בין ערב פאַר אייך, אַז דער וועג וועט זיין גלייך!
זיי האָבן געהערט, ווי צום גלויבן געדורשט.
און ווען ער האָט פלוצלונג די האַנט אויסגעשטרעקט
און פייערלעך־שמערצלעך דעם נדר באַלייגט:
פאַרטריקנט זאָל ווערן דער ביין פון מיין האַנט
און צודאַרן זאָל מיר צום גומען דער צונג,
אויב איך וועל פאַרגעסן דאָס הייליקע לאַנד! —
האָט מער שוין דאָס שווייגן נישט האַלטן געקענט
דעם שטורעם אין הערצער, פון טרערן געדרענגט
און ס'האָבן געשרייען און קושן און פרייד
אין טרערן דעם נעכטיקן ווייטיק פאַרשווענקט.

זיי זיינען אין אויסברוך פון טרערן אַוועק.
נאָר שפּעטער, ווען ער איז געבליבן אַליין,
איז עפּעס צעפאַלן, און ער האָט אין שרעק
און פלאַטער געבעטן:

— מיין גאָט, כ'וויל פאַרשטיין,
און אויב נישט פאַרשטיין, ווייז וואוהין זאָל איך גיין.

עס האָט מיך אין זייערעליידן פאַרשמידט
אויף לעבן און שטאַרבן — דאָך בלייב איך אַלץ פרעמד
און ציטער פון מורא צו שטעלן אַ טריט.
זיי ווייסן אַליין נישט, וואו ס׳טראָגט זיי דער שטראָם,
און ווי זאָל עס קענען דער פרעמדער פאַרשטיין?
און וואָלט איך אַוועקגיין — מיט וואָס זאָל איך גיין,
ווען אַלץ, פונעם בלוט ביזן מאַרך פונעם ביין
איז בלויז אַ פקדון, און זייערס איז אַלץ.
איך וואָלט ווי אַ גנב אַוועק מיט מיין זעל,
באַהאַלטן זיך וואו אויף אַ רגע׳לע רו —
פון ווייטסטן באַרג און פאַרבאָרגנסטער הייל
די גנבה אַליין וועט מיך ברענגען צוריק.
מיין גאָט!... ווייז מיר וואו מיין מזבח זאָל זיין!
די טעג, וואָס איך לעב און די נעכט, וואָס איך וואַך,
מיין בענקען אין לייד און מיין אָטעם אין פיין —
וואו זאָל איך עס טראָגן פאַרברענען פאַר זיי,
אַז ליב זאָל דער קרבן און אָנגעלייגט זיין?

V

עס קלאָגט זיך די מאַמע: — דו ביסט אַזוי יונג,
און זע, וויפיל זילבער שוין דאָ אין די האָר!
— מען קען דאָך נישט, מאַמע, זיין יונג מיט אַ פאָלק,
וואָס ציילט שוין אַן עלטער פון טויזנטער יאָר.

עס קלאָגט זיך די פרוי: — זע, דעם שטערן ביי דיר
אין קנייטשן צעגראָבן, און מיד ווי דו ביסט!
— דאָס שניידט זיך דאָס גליק אויף מיין שטערן אַ וועג,
און ווייסט דאָך, אַז גליק וויל נישט קומען אומזיסט.

עס קלאָגן זיך קינדער: — מיר בענקען אַזוי,
און ווילסט גאָרנישט וויסן און זען אונדזער צער.
— איך אויך, מיינע קינדער, פון בענקשאַפט גיי אויס —
וועט גאָט אונדז שוין אַלעמען טרייסטן דערפאַר.

עס רייסן די באַנען די פליגלען פון ווינט
פון גרוילעכן נאָרד ביז צום זוניקן זיד.
עס שווינדן די טעג, ווי פון באַנען געיאָגט,
און ס׳ווייס נישט די נאַכט, ווען דער אָוונט פאַרפליט.
אָט נאָר וואָס דעם פאַלאַץ פון קיניג פאַרלאָזט,

און מאָרגן שוין ערגעץ פאַר הונדערטער מייל
געקלאַפּט אין דער טיר פון אַ האַרטן מאַגנאַט
און ווידער זיך ערגעץ געיאָגט אין געאייל.
וואָס מידקייט? ווער אָפּרו? עס פיבערט דאָס אויג,
נאָר טונקעלער גראָבט זיך דאָס בלייכע געזיכט
און שווערלעכער פאַלט אויפן באָדן דער טראָט.
צי דאַכט דיר נישט, ברודער, אַז דאָס האָט אַ ליכט,
אַ וואַקסענע ליכט, ווי צו נעילה פאַרנאַכט
פונאַנדערגעברענט זיך און גליט אַזוי העל,
ווייל קורץ איז דער טאָג און געציילט די מינוט,
און ס'יאָגט שוין מיט קילקייט פון טונקעלן שוועל?
דאָס ווייס נאָר דער אָוונט, וואָס בויגט זיך צו נאַכט,
דאָס וויסן די שאָטנס, וואָס פאַלן אַרום, —
דער פלאַם אָבער פלאַקערט און ראַנגלט זיך העל,
ביז וואַנען דער פינצטער פאַרגליווערט אים שטום.

עס ווייס נישט דער פלאַם, און עס וויסן נישט די,
וואָס באָדן די זינדיקע קעפּ אין זיין ליכט
ביז וואַנען עס טרעפן זיך אויגן מיט אים,
און ס'קומט די אַנטפּלעקונג פאַר זיי אומגעריכט,
אַז גרייט איז דער שאָטן שוין הינטערן ליכט.

נאָך איינמאָל דאַרף טרעפן דער פרעמדער זיין פאָלק.
נישט ברען אַזוי, פרעמדער, נישט פלאַקער צו העל!
עס ליגט נאָך דיין נעכטיקע זינד פאַר דער שוועל
און ס'איז נישט די טבע פון ביטערן פאָלק
צו זען דעם בעל־תשובה אַן זינד אַזוי שנעל.

זיי זיינען געקומען אויף אַלע מאָל שוין —
מיט גאַליקע רייד און באַהאַלטענעם פויסט —
אַרונטערצורייסן פון פרעמדן די קרוין,
און זאָל ער, מיט זייער פאַרטרויען געגרויסט,
נישט האַלטן זיי מער ווי אַ מלך אין פויסט.

און אָט איז דער פרעמדער, צום אורטייל באַרייט.
פאַר וואָס אָבער קומט נישט די גאַליקע שטראָף?
וואָס טוליען זיי זיך, ווי פאַרלאָזענע שאָף,
און דריקן זיך איינער צום צווייטן געפּלעפּט,
ווי זינדיקע קינדער אין שרעק פאַר דער שטראָף?

ער שטייט, ווי געקומען פון ערגעץ אַ וועלט,
וואָס טונקט זיך אין אייביקן טויטלעכן צער.
דאָס פּנים פאַרשרומפּן אין גרויקייט פון אַש,
און ס׳קוקן די אויגן אויף זיי אַזוי שטאַר,
ווי ס׳וואָלט זיי פאַרשלונגען דער טויטלעכער צער.

און פלוצלונג דערזעט מען אַ שאָטן־געשטאַלט,
וואָס הינטערן רוקן ביי אים זיך באַהאַלט,
און שאָקלט און שאָקלט אויף זיי מיטן קאָפּ,
מיט גרימיקן שמייכל באַגיסנדיק קאַלט —
און ס׳בויגט זיך דער פרעמדער און ציטערט און פאַלט.

זיי קאָרטשען זיך איין, ווי אין אייזיקן צוואַנג,
און ס׳ברעכן זיך קניען אין שטומען פאַרלאַנג
צו פאַלן און בעטן פאַרגעבן ביי אים,
און אפשר ביי יענעם, וואָס שטייט הינטער אים,
און אפשר ביי יענעם, וואָס שטייט הינטער אים...

שוין פרידן געשלאָסן אויף שטענדיק אַצינד.
און מוז מען דערפאַר אויפן שמערצלעכן בעט
מיט אָפּרו באַצאָלן — וואָס קען מען דען טאָן?
מען מוז זיך דאָך אויסרוען, פרי אָדער שפּעט.
באַהאַלט זיך ניט, שאָטן, איך הער און בין גרייט.
ס׳איז וואָר — ביסט געקומען אַביסל צו פרי,
און כ׳צווייפל אויב כ׳האָב שוין באמת פאַרדינט
אַ פרידלעכן אָפּרו ביי דיר מיט מיין מי.
נו, וועל איך זיך דינגען אַביסל מיט דיר.
דו וועסט עס מיר מוחל זיין. ווייסט דאָך — אַ ייד...
אָט בין איך אינגאַנצן שוין דיינער. דו ווילסט —
פאַרנעמסטו מיין אָטעם און כ׳גיי מיט דיר מיט.
איז קענסטו דאָך גוט זיין צו מיר. הער מיך אויס:
פאַרצייטנס געווען איז שוין איינער אַ תּם,
וואָס האָט זיינע ברידער פון קנעכטשאַפט אַרויס
מיט נסים געפירט דורך אַ טרוקענעם ים,
און ס׳איז אים, ווי מיר, נישט געווען באַשערט
אַ גאַנצער צו קומען מיט זיי ביזן סוף.
און האָט ער זיין חלום צו זען באַגערט,
האָט גאָט אויף אַ באַרג אים גענומען אַרויף
און דאָרטן געוויזן, וואָס ער האָט געוואָלט.
ס׳איז יענעם אין אַלעם געגאַנגען ניט שלעכט.

און איך — איך זאָל בעטן דעם זעלביקן גנאָד —
ביי וועמען צו בעטן עס ווייס איך נישט רעכט.
זיי האָבן מיין בידנע נשמה אַזוי
געשליידערט אַרום צווישן שטן און גאָט,
אַז כ׳ווייס נישט מער ווירקלעך, צו וועמען כ׳געהער,
חוץ דיר, וואָס דו קענסט מיר נאָך טאָן דאָס גענאָד.
דו וועסט דאָך דערפילן מיין לעצטן באַגער
און לאָזן פון וייטן כאָטש זען דעם ציל.
געדענקסט דאָך דעם אָפּמאַך: וואָס נענטער אַהין —
אַלץ נענטער צו דיר, און עס איז שוין נישט פיל.
און ווען עס וועט קומען די רעכטע מינוט,
פאַרהאַלט מיך ביים אָרעם און וואָרן: שוין צייט!
דאַן האָב איך נאָך אפשר צו זאָגן אַ וואָרט,
און שפּעטער שוין פריי זיין פאַר דיר און דער וויט.

דורך טאָלן און בערג אין אייביקן לאַנד
דער שטאַמלער פון סיני פירט איינעם ביים האַנט.

פרעגט יענער: — מיין רבי, וואו פירט אונדזער גאַנג?
— צום באַרג פון דער צוקונפט, וואו ס׳לעבט דיין פאַרלאַנג.

— מיין רבי, איז וויט נאָך אַהינצו דער וועג?
— די אייביקייט ציילט נישט קיין שעהן און טעג.

— עס איז נישט פאַר מיר, נאָר פאַר די אויף דער ערד,
און ס׳הענגט איבער זיי יעדע ווילע דער שווערד.

— דעם בונד, וואָס דער שווערד אין לעבן צערייסט,
פאַרוועבט מיט זיין אָטעם דער אייביקער גייסט.

— און ווי קענסטו צוזען דאָס אייגענע בלוט,
ווי שקלאַפן געטריבענע אונטער דער רוט?

— פאַרשקלאַפט און באַפרייט זיך, באַפרייט און פאַרשקלאַפט —
ס׳האָט שקלאַפן און פריי זיין דעם זעלביקן האַפט.

— איך האָב פון דיר אַנדערע ווערטער געהערט,
ווען דו האָסט צום פאָלק מיך געשיקט אויף דער ערד.

— עס דרייט זיך די אייביקע ראָד אָן אַ סוף,
דאַרף זיין אויך אַ שעה, ווען אַ מאָרגן טאָגט אויף.

דורך בערגיקע שטעגן געקומען צום באַרג,
און ס׳שטייען שוין ביידע ביי אים אויפן קאַרק.

שטרעקט אויס אין דער ווייטן דער שטאַמלער זיין האַנט:
— צי קענסטו פון דאַנען דערזען דאָס לאַנד?

צעגליען ביים פרעמדן די שוואַרצאַפּלען ברייט,
ער קוקט אין דער ווייט נאָך דער האַנט און ער זעט...

— — — — — — — — — — — — —

ער קוקט אין דער ווייטקייט, פאַרשלונגען פון זען,
און פּלוצלונג אים דאַכט זיך, ער הערט אַ געוויין.

— מיין רבי, דיין ווינען אַצינד וואָס באַטייט?
— אויך איך האָב אַמאָל זיי פון קנעכטשאַפט באַפרייט...

1918.

די צוויי

1.

אין שווערן שלאָף האָט עמיל ד'אַרטו
דערשפּירט ווי עפּעס בריט אים דאָס לייב
און זיך אָפּגעקערט פון דעם, וואָס בריט.
נאָר אונטער דער פּלייצע און רוקן און טריט
האָט דאָס בעט זיך געכוואַליעט שווימיק און הייס,
און אַ פרעמדער גערוך האָט געביסן די נאָז.
און ער האָט אין חלום געזען אַ שיף
אין מיטן אַ הייסן און כוואַליקן ים,
און ער אויף דער שיף און ער זינקט אין דער טיף,
און אַרום נעמען קריכן ווי דינע שלאַנגען
ווייס־קעפּיקע בלומען אויף שפּרינג־פעדער שטאַנגען
און וויקלען, פאַרוויקלען דעם אָטעם... פון שרעק
האָט עמיל ד'אַרטו זיך אויפגעוועקט,
מיט די פינגער באַטאַפּט די קישנס פון פּוך,
אַן אָטעם געטאָן דעם פאַרפומען־גערוך
פון בריאיקן לייב פון דער פרוי ביי דער זייט,
אַ שליידער געטאָן דעם צודעק פון זייד
און זיך אויפגעזעצט און זיך אומגעקוקט.
אַ חלום אַזאַ — צום שוואַרצן יאָר!
און די — ווי זי שמעקט עס! כאַטש נעם זי אַרויס
מיט די פאַטלעס צעוואָרפענע גילדערנע האָר
און פלאַנץ זי איין אין אַ בלומען־טאָפּ.
זיך אָפּגעקערט — און ווידער דעם קאָפּ
אַ וואָרף געטאָן אין קישן אַריין

און געמיינט — ער וועט שלאָפֿן. נאָר הייס און פֿרעמד
האָט געטשאַדעט די לופֿט און דאָס בעט און דאָס העמד,
אַט דאָס דינע און וועבענע — און דער כעס האָט געברויזט.
אַ גאַנג פֿון אַ פֿרוי! פֿון די מחנות אַרויס,
פֿון שפּאַן און געדראַנג אים אַ נעם טאָן ביים האַנט
און פֿירן, פֿאַרפֿירן צו זיך אין הויז —
צו וואָס?
מיט אַ מאַלצייט און ווייַן, מיט אַ בעט און מיט זיך
אים באַצאָלן פֿאַר יאָרן הינטערן שלאָס,
מיט אַן איינציקער נאַכט אין אַ זיידענער בעט —
פֿאַר טויזנט נעכט אויפֿן האַרטן ברעט.
איצט האָט זי אים שוין באַצאָלט — איז איר גוט,
און דאָס לייב, אַ זעטיקער קרבן, רוט
אין גליק פֿון זיין אָפּצאָל. און ער, דער העלד,
ער ליגט אַן אָפּגעצאָלטער דאָ
מיטן טשאַד פֿון די עטלעכע זעטיקע שעה...
אַ יונגע נאָך — די. האָט זי אַ מאַן?
און זיינען אַ סך נאָך אַזעלכע פֿאַראַן,
וואָס האָבן, ווי זי, אַ העלד אויף אַ נאַכט
אין הויז צו זיך פֿאַר אַן אויסקויף געבראַכט,
אַן אויסקויף ווער וויס פֿאַר וואָסערע זינד...
ער ציט זיך צונויף — און שטראָמענווייז רינט
אַ טשאַדיקער איבל אונטער דער הויט,
ווי מען וואָלט מיט צעפּלאָסנעם האָניק פֿאַרפּלייצט
אים דאָס ריינע, דאָס פֿרישע, דאָס קרעפֿטיקע רויט.

אין דרויסן איז נאַכט. יולי נאַכט. און די טריט
פֿון דער נאַכטיקער וואַך אויף די שטיינער פֿון גאַס
קלאַפּן צו, זיגלען צו די געוואָרגענע רו
פֿון צעיושעטן טאָג, וואָס האָט נאָר־וואָס געגליט
מיט אויפֿשטאַנד און בלוט, מיט פֿרייד און האַס.
צווישן חורבות און ווענט פֿון דער טויטער באַסטיל
מוז זיך קנוילן אויך איצטער דער רויטער געבריל
פֿון די שטורמיקע מחנות און טויטן־געוואַי
פֿון די וועכטער און היטער אויף קלעפּיקן שטיין.
אין דער נאַכט, אונטער הימל פֿון וואָלקנס און בלוי
מוז נאָך שטיקערווייז הענגען ס׳געזאַנג און געשריי
פֿון נצחון אין מאַרש פֿון דער בירגער־אַרמיי,
און צעוואָרפֿן אין נאַכט, איבער דאָרפֿישע וויטן
גליען זוימען פֿון וואָלקנס מיט אָפּשיין פֿון שייטערס,
פֿון שייטערס־שאַטאָס, פֿון שייטערס־פּאַלאַצן,

וואָס ברענען און רויכערן, פאַלן און פּלאַצן
ווי די הערשאַפטן פון זייערע אַלטע באַזיצער.
צווישן דאַרפישע ווייטן מוז אויך פלאַקערן איצטער
די היים פון זון, וואָס האָט ווידערשפעניקט
קעגן פאָטער און שטאָם, קעגן קרוין און קיניג
און פאַרביטן דעם הערב אויף די ווענט פון באַסטיל.
איצט פאַלן די ווענט, און די שטיינער שעלטן
דעם זון, דעם צעשטערער . . . און ער, דער העלד —
ער ליגט דאָ געפאַנגען אין טשאַד פון פאַרפומען,
און ער וועט נישט אויפשטיין און ער וועט נישט קומען —
נישט הויבן אַ פויסט און נישט צאַמען אַ פויסט.

עמיל ד׳אַרטו זיצט אין פרעמדן בעט,
און פון נעכטנס און ווייטן, פון מחנות און ברויז,
פון די פיר עקן וועלט און פון בלוט אַרויס
יאָגן כוואַליעס אויף אים און ווערן צעריסן
ביים שוועל פון זיין האַרץ, און שוים פון נישט־וויסן
פאַרפּלייצט אים, פאַרשווענקט — נאָר איינס בלייבט איבער:
אַ וויטיק פון מידקייט אין אויגן־גריבער
און בלינדער לעכצן צו האַרטע ברעטער,
וואָס ציען זיך אויס אונטער קנאַכיקע גלידער
און גלייכן זיך אויס אין רו און פאַרגיין.
אַ קאַמער און ברעטער, און דו ביסט אַליין,
און דיין איז דער ריח פון לייב און פון שטיין.
און די שטיינערנע ווענט און דער וועכטער ביים טיר
צאַמען אָפּ און באַשיצן פון פרעמדן באַריר
פון וועלט און פון מענטש און פון בלוט. בלויז דו —
אַליין מיטן ברעט, מיטן שטיין און מיט רו.
אַ קאַמער, אַ וועכטער און דו.
— וואָס זשע ווילסטו, ד׳אַרטו?
ווילסט צוריק אין באַסטיל?
— ניין, איך וויל נישט צוריק אין באַסטיל.
נאָר אין קאַמער אויף ברעטער איז אייגן און שטיל
און אין קאַמער בין איך און מיין אָטעם.
— נישטאָ מער דיין קאַמער.
מחנות פיס האָבן נעכטן און היינט שוין פאַרטראָטן
דיין שפּור אויפן שטיין, און מ׳וועט מאָרגן פאַרראַמען
דאָס לעצטע פאַרבליבענע מיסט —
און ס׳איז גאָרנישט נישטאָ פון דיין קאַמער.
— וועל איך גיין און וועל זען.
— ס׳איז אומזיסט.

אַ שפּרונג פון געלעגער, אַן אָפּקלאַנג פון דיל,
און עס וועקט זיך די פּרוי: — וואוהין גייסטו, ד׳אַרטו?
— איך דאַרף צו באַסטיל.
— שוין נישטאָ קיין באַסטיל.
— איך ווייס.
— איז צו וואָס דער געלויף?
— האַלט ניט אויף!
— ווייסטו כאַטש ווי איך הייס?
— כ׳וועל אַלץ נישט געדענקען.
און אַז איך וועל זיך ווידער נאָך דיר פאַרבענקען
וועסטו קומען צו מיר?
— כ׳וויל דעם שליסל צום טיר.
— דאָ האָסטו דעם שליסל און דאָ דיינע קליידער.
און אַ קוש ביים צעשיידן?
נאָך אַ רגע פאַרטרונקען אין טשאַדיקער זיסקייט,
און די נאַקעטע הענט אָפּגעריסן.

.2

עס גליטשן זיך טריט איבער שטיינער און ברוך,
און ס׳הענגט אין דער לופטן אַ דעמפּער גערוך
פון יאַרן, פאַרשטיקטע אין היילן.
פון ווייטן אַ וועכטער מאַכט זיין קרייז,
און דאָ אויף די שטיינער — בלויז שטשורעס און מייז
וואָס קענען דעם רויב נישט צעטיילן
און פּישטשען אין בלוטיקע שלאַכטן —
שטשורעס און חורבות און נאַכט . . .
און ווער רודערט עס דאָרטן די הורבעס שפּענער
און פאַלט אויפן שטיין ווי אַ נאַסע פלאַכטע,
מען זאָל זיין געשטאַלט נישט דערקענען?
אַ שפּרונג אַהין, און נאָך איידער יענער
קען צאַמען די שרעק אין פאַרצאַפּלטע גלידער,
האַלט אים ד׳אַרטו אַן אָרעם פאַרקלאַמערט
און טרייסלט אים אויף און שטעלט אים אַנידער:
— דו ביסט עס, וועכטער?

אין טויטן שרעק האָט דער וועכטער דערקענט
זיין קרבן פון שטיינערנעם קאַמער
און מיט ליימענע ליפּן געשטאַמלט:
— איצט בין איך אין דיינע הענט...
— לעבסטו גאָר, וועכטער?

און ווידער אַ שטאַמל אין טויטן ציטער:
— איך האָב נישט געוואָלט דיר זיין קיין היטער,
נאָר אַלץ איינס איז מיין שטראָף אַ גערעכטע.
— ציטער נישט, וועכטער!
און קילע פינגער דערשפּירט אויף זיינע
און אַ זיכערע האַנט אויפן אַקסל —
פּליסן אָפּ די כוואַליעס פון פּחד־פּיינען
און ברעגן פון האָפענונג וואַקסן.
— וואָס טוסטו דאָ, וועכטער?
— בין דאָ אין אַ קעלער געלעגן.
— און וואו ווילסטו גיין?
— אַלץ איינס וואו צו גיין:
סיי ווי מיטן לעבן זיך אָפּגעזעגנט.
— דאַרפסט ערגעץ נישט גיין.
און פּלוצלונג באַמערקט אַ קוויטל אַ נייעם
אין לאָץ פון זיין נעכטיקן קרבן,
האָט אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן באַפרייאונג
און מוט געגעבן אויך אים צו פרעגן:
— און דו — ווי קומסטו אַהער, בירגער ד'אַרטו?
— צו ווייך איז ערגעץ געווען מיין געלעגער.
געוואָלט מיטן שטיין זיך געזעגנען.
— מיטן שטיין פון דיין תפיסה?
— מיין תפיסה צעריסן.
— און טראָגסטו קיין האַס נישט צום שטיין?
— איך אַליין בין אין שטיין.
— און צום היטער ביים שטיין?
— דער היטער איז אויך אין שטיין.

— קום, זעץ דיך, היטער! —
זיךביידע געזעצט און דער היטער הערט:
— יאָרן מיט דיר איבער טיר און שלאָס,
אייזערנער שליסל און קלימפּער אין ראָסט.
שלאָס איז אַ צאַם און שלאָס איז אַ בונד.
ווען טאָג נאָך טאָג — און ביידנס טריט
שלאָגן זיך אָפּ אין זעלבן סופית,
ווערט שטומקייט און האָס אַ פאַרבאַקענע וואונד,
און זאָל קומען אַ נס און היילן די וואונד,
וועסטו נאָכדעם מיט בענקשאַפט גיין זוכן דאָס אָרט,
ווי איך אַציגד בין געקומען צו דיר.
ביסט מיר געווען דער שליסל אין שלאָס,
ביסט מיר געווען דער זשאַווער און ראָסט,

ביסט מיר געווען — די תפיסה.
און ווען ס׳איז געקומען דער שטורעם פון דרויסן,
האָב איך זיך דורך דיר צום שטורעם געשטויסן,
אַזוי ווי דורך טיר און שלאָס.
דערנאָך אַליין די ווענט געריסן,
און וואָלסטו געקומען מיר אונטער דער האַנט,
קען זיין — כ׳וואָלט מיט דיר באַפאַרבט די וואַנט.
נאָר פון מחנות געטראָגן, פאַרפלייצט און פאַרזונגען,
אַוועק אין די גאַסן פון נויט און הונגער,
געררופן דאָס פאָלק און געשפּרייזט מיט זיי
די פרייהייט באַשיצן פון הערשערס אַרמײ —
און וואָס איז מיר דעמאָלט געווען דער שטיין
און די טיר און דער שלאָס און דער מענטש ביים שטיין?

נאָר היינט ביינאַכט האָט אַ פרעמדער געלעגער
אַהער מיך געיאָגט — און געווען אַזאַ רגע,
ווען איך האָב געפילט ווי פאַרוואָרצלט אין שטיין,
און זאָל מען אים מאָרגן פאַרנעמען פון דאַנען —
וועל איך בלייבן מיט וואָרצלען אין דרויסן הענגען —
און ווי וועל איך לעבן?... קענסט נישט פאַרשטיין!...
אַז גרויס איז די פרייהייט ווי גאָר דאָס לאַנד,
און וואו איך זאָל גיין, אין צפון צי דרום,
איז אומעטום אָפן טויער און אָרעם —
אומעטום אָפן און אומעטום פריי — — —
נאָר וואָס איז מיינס אין דער פריי?
אויב געווען אַמאָל ערגעץ אַזוינס וואָס איז היים,
גייט אויף דאָס לעצטע דערפון מיטן פלאַם,
ווי דער לעצטער פאָדעם צווישן מיר און מיין שטאַם,
און איז נישט מער פון מיין בלוט אין שטיין דאָ פאַראַנען,
ווי אין יענע ווענט וואו מיין וויג איז געשטאַנען?
בייטאָג מיין חבר, ביינאַכט מיין הארעם,
האָט דער שטיין אין מיין לייב זיך איינגעוואָרעמט,
און כ׳האָב זיך אין אים אריינגעפּרעסט,
ווי אַ פויגל וואָס זיצט זיך אויס אַ נעסט.
איז וואָס איז מיר נאָך אין דער וועלט אַזוי אייגן,
ווי דו, די וואַנט און דער שטייפער געלעגער?
און וואו האָב איך נאָך אַזאַ גרויס פאַרמעגן,
ווי ביי דיר אין די אויגן, וועכטער?

האָט דער וועכטער געזאָגט:
— נישט דאָס אויג אַליין — עס האָט אויך מיין אויער

דיין יעדן ריר געקענט.
געוואוסט ווען עס קנוילט דיך צונויף דער טרויער,
ווען האַס אין דיינע קנאַפּל ברענט,
און ווען כ'פלעג אַמאָל פאַרלאָזן די ווענט,
האָט מיך אין טומל פון פרעמדע גאַסן
דיין גליאיקע שטומקייט געבויערט,
און שטום געלערנט ווי דו צו האַסן
דאָס וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעשמידט —
מיך, דעם היטער, און דעם וואָס איך היט.
דו האָסט אין דער נאַכט צווישן מיסט און ברוך
דיין אייגן לעבן אין שטיין געזוכט.
און איך, מיטן קעלער זיך אָפּגעזעגנט,
בין אַרויס צו דער וועלט מיין טויט אַנטקעגן.
ווייל צי כ'האָב זיך גערן געלאָזט, צי בישט גערן
פאַר דיר דער שטיין און שלאָס צו ווערן —
אַלץ־איינס מוז דער שטיין פאַרשווינדן.
און איך בין געגאַנגען אַנטקעגן מיין שטראָף,
געגאַנגען — און דאָך אויף אַ נס געהאָפט.

— דער נס איז דאָ אין אונדז ביידן, וועכטער!

אין נאַכט אויפן שטיין זיינען מענטשן צוויי
געזעסן מיט אָרעמס צוגעפּרעסט,
און ווי עס צעגייט דער פאַרגליווערטער שניי
אין פלוצלונגער זון, האָט אין ווילדן נס
פון הערן איינער דעם אַנדערנס רייד
גענומען זיך שמעלצן די שטומקייט פון יאָרן,
און שפּראָצן פרייד
ווי שפּראָצן גראָז אונטער שנייאיקן דעק
האָבן צום שפּור פון זון זיך געוועקט.
שאָטנס און קלאַנגען
פון אונטער הורבעס פאַרגליווערטע טעג
האָבן אויפגעצאַפּלט מיט פרישן זין,
און עפּעס אַזעלכע נישטיקייטן
האָבן אַ שפּאַר געטאָן צום צעפלייצטן זכרון:
אַ שוך, אַ מייזל, אין אַ ווינקל אַ שפּין —
און ס'איז פרייד געווען וואָס די זעלבע זאַכן
טראָגן פאַר ביידע די זעלבע באַדייטן.
נו. נאָך עפּעס, נאָך! אַזאַ כישוף ביי אונדז!
און מען קוועלט אַזוי אָן פון דעם פּרעכטיקן קונץ,
אַז עס ווילט זיך אַ צופּ טאָן דעם צווייטן ביים באָרד,

צי גאָר אין חלל פון שטייניקע הורבעס
אַ וואָרף טאָן אַ שקאָציש־פּאַרשייטן וואָרט
און הערן ווי ס׳קייקלט זיך אום אין די חורבות.
און ווידער אין שטילע רייד זיך פאַרגעסן,
אין טונקל געזוכט דעם אַנדערנס פינגער,
און אַזוי אין דערמאָנונגעןביידע געזעסן
ביז ס׳האָבן זיך אויפגעכאַפּט פייגל צום זינגען
און גרויקייט האָט אויפגעדעקט נאַקעט און וויסט
די חורבות פון ווענט און צעגראָבענעם ברוק.
האָבן זיך ביידע געשטעלט אויף די פיס
און זיך איבערגעקוקט און אַרומגעקוקט
און פאַרשעמטע געזאָגט:
— ס׳איז טויטער שטיין.

— און איצט מוז איך לויפן וואָס שנעלער.
— וואוהין?
— באַהאַלטן זיך וואו אין אַן אַנדער קעלער.
— פאַר וועמען?
— פאַרן צאָרן, וואָס דאַרף נקמה נעמען.
— מיט מיר גייסטו, וועכטער.
— אַ דאַנק דיר, בירגער! פון דיין קאַראַבין
וועט פאַרדינטער מיר זיין די קויל.
— און דו — דו ווילסט נישט קיין ביקס פאַר דער פרייהייט?
— דו דאַרפסט מיר קיין ביקס נישט געבן.
— פאַרוואָס?
— ווער ס׳האָט די פרייהייט אונטערן שלאָס
געהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן,
דער קען איר נישט ווערן קיין ריטער.
די האַנט, וואָס געוואוינט צום אייזערנעם שליסל,
קען איינמאָל אין האַרץ פון דער פרייהייט נאָך שיסן —
און ווי וועסטו דאָס פאַרהיטן?
ניין, בירגער! אויב דו האָסט פאַר מיר אַזאַ טויט
וואָס וועט אָפּוואַשן קענען די גאַל פון מיין ברויט —
וועל איך גיין צו אים אָן מורא.
נאָר אויב ווייטער לעבן איז מיין גורל —
דו פיר מיך אַוועק ווי אַ שונא געפאַנגען
און לייג אַרויף אויף מיר די צוואַנגען
פון שווערן דינסט פאַר דער פרייהייט.
און ווען כ׳וועל אונטער דעם אויג פון אַ היטער
גיין צו מיין לאַסט אַ צוגעשמידטער,
וועל איך דאַנקען דיך, מיין באַפרייער...

האָט ביים בירגער אַ ליפּ געציטערט:
— דו ביסט דער פרייהייט געטרייער.
— איך שיץ פון זיך וואָס מיר איז טייער.

ווען מ'איז דערנאָך אין גאַס געגאַנגען
אין נעפל פון גראָען באַגינען,
און דער צווייטער ביים זייט איז נאָכגעגאַנגען
ווי אַ טרייער און פאַרכטיקער דינער,
האָט דער ערשטער גערעדט אין נעפל אריין:
— איינער גייט אויסקויפן זיין שטאַם,
דער צווייטער פון אייגענעם גורל דעם סם,
אוןביידע טראָגן די לעבנס גרייטע,
ווער צום ביקס און ווער צו די קייטן —
איז ווער פאַר וועמען בעסער?
און אָט באַפרייט און אָט שוין ווידער
דאַרף איינער דעם צווייטן גיין פאַרשמידן
די פיס אין אייזערנע שלעסער.
האָט דער צווייטער געענטפערט אין נעפל אַריין:
— אַזוי דאַרף עס זיין.
דערנאָך האָבן מענטשן גענומען זיך ווייזן,
און אָפענע טירן, און פורן מיט שפּייז,
האָט דער ערשטער זיך אָנגעשלאָגן:
— מוזט דאָך הונגעריק זיין פון קעלער!
האָט ער נאָכגעיאָגט אַ בעקער־וואָגן
און אַראָפּגעכאַפּט אַ קוילעטש אַ ווייסן,
און ביידע צעשמייכלטע, זוניקע, העלע
האָבן גענומען שטיקערווייז רייסן.
זיינען געגאַנגען אַזוי די צוויי:
איינער אַ זעלנער פון פרייהייט־אַרמיי
און דער צווייטער אַ תּפיסה־היטער,
און עס האָבן געקוקט פאַר'חידושטע לייט,
וואָס אנשטאָט צו פירן זיין פיינט אַ געשמידטן,
האַלט אים דער זעלנער ביים האַנט,
און ביידע רייסן אַ קוילעטש אַ ווייסן
און מען שפּאַנט זאַלבעצאַנד און מען קייט.

1930.

דער האָלץ־העקער

פון לאַנד פון הויכע שטערנס
און אויפגעקנייטשטע ברעמען
דערציילט אַזוי אַ וואונדער־מעשה.
געהערשט האָט דאָרט אַ צווילינג אַ געהויבענער,
פון אייביק אַ צונויפגעוואַקסענער
וואָרט — טאָט.
אין קרוינען גילדערנע,
אין מענטלעך זיידענע,
באַהאָנגענע מיט כישוף־שטיינער,
דורך וועלכע ס'האָבן אַלע טיפקייטן פון ערד
אין זון זיך אויסגעלייטערט —
אַ צווילינג אַ באַשערטער
טאָט — וואָרט.

האָט זיך פאַרבלאָנקעט דאָרט אַ האָלץ־העקער,
אַ ריז אַ מעכטיקער,
דערזען דעם צווילינג, און — צעמישט,
די אויגן זיך געטאָן אַ וויש
פון רויטן גאַרטל, וואָס אַרום די לענדן,
אַרויסגעשלעפּט זיין שאַרפע האַק,
אַ הייב, אַ שניט —
און ס'רינט דאָס בלוט
פון אָפּגעשיידטן, אָפּגעטיילטן צווילינג:
טאָט אַליין
וואָרט אַליין.

און ס'האָט געזאָגט דער האָלץ־העקער,
דער ריזיקער טעסליאַר:
— איך וויל, אַז טאָט זאָל ווערן האַר,
און וואָרט זיין — דינער.
אַראָפּגעריסן קלייד און קרוין
פון בלוטנדיקן וואָרט,
האָט זיך דער ריזיקער פאַרשוין
פאַר טאָט אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד אַ קניענדיקער,
און ביי זיין זייט אין ביידנס בלוט
געקניט האָט פאַר זיין ברודער —
וואָרט.

מיט האַק אין האַנט
שפּרייזט איבער ציטערדיקן לאַנד
דער האַלץ־העקער, דער ריזיקער טעסליאַר.
פאַר אים אין קרוין און צויבער־שטיינער —
טאַט,
און הינטער אים, אַן איינגעשרומפּענער, אַ קליינער,
אין טראַט פון זיינע שווערע פיס,
לויפט וואַרט,
טראַגט וואַסער, ראַמט דאַס מיסט
און ענטפערט אָפּ מיט ווידער־קול
אויף לופט־געפייף און בוימער־פאַל,
אויף יעדן ברום און שאַל
פון האַלץ־העקער, דעם ריז.

איין ברודער דינער, איינער — האַר.
נאָר ווען פון שטורעמדיקער אַרבעט מאַט
אַוועקגעפאַלן איז דער ריזיקער טעסליאַר,
האָט זיך צוריק באַהעפט דער צווילינג,
און ס'האָט זיך אָנגערופן טאַט:
— מעג אונדזער בלוט פון האַק־שאַרף רינען —
נישט איך בין האַר, נישט דו ביזט דינער.
מיך טראַגט דער האַלץ־העקער
אויף שטורעמדיקן אָטעם אום,
און דו ביזט ווידער־קול פון זיין געברום.
נאָר זאָל ער אויסבויען דעם טורעם, וואָס ער וויל,
און זיינע הענט באַפרייען,
וועט ער פאַר דיר אין דרייען
זיך בייגן שטיל,
און פון זיין גנאַד וועסטו זיין האַר
און איך — דער דינער.
האָט וואָרט געזאָגט.
— דער האַר איז ער, דער האַלץ־העקער.
אין אונדזער טאָפּלקייט פאַר זיינע אויגן
קען ער זיין אייגן ווילן נישט געפינען,
צעהאַקט ער אונדז אויף צוויי,
אונדז איינציקווייז צו דינען.
נאָר האַר איז ער, דער האַלץ־העקער.
האָט טאַט געזאָגט.
— און איבער אים איז האַר די האַק, דער שפּאַלטער.
ווייל ס'וועט זיך קיינמאָל מער די רו
אין זיין צעצווייטן האַרץ ניט האַלטן.

און ציענדיק פון דיר צו מיר,
פון מיר צו דיר,
וועט ער אַן אויפהער בויען אַלץ און וואַרפן.
און ס׳וועט די האַק, די שאַרפע,
פון אונדזערטוועגן הערשן איבער אים.
און ס׳האָבן אויסגערופן ביידע ברידער:
— אין הערשפאַט איבער אים
וועט אונדז די האַק באַהעפטן ווידער!
און ביידע איינגעבויגענע
ביים זייט פון שלאָפנדיקן ריז
מיט ליפן האָבן זיך געצויגן
צום שאַרף פון האַק ביי זיינע פיס.

עס שפרייזט איבערן לאַנד דער האַלץ־העקער,
דער ריזיקער טעסליאַר.
אין שטער און בוי באַגלייטן אים
די צווילינג־ברידער: שקלאַף און האַר,
און יעדער הייב פון שאַרפער האַק,
וואָס שפילט זיך אין דער זון,
צעוואַרפט אַריבער קעפ די שיין
פון קומענדיקן בונד —
פון אייביקן, באַנייטן צווילינג־בונד.

אַזוי דערציילט די וואונדער־מעשה
פון לאַנד פון הויכע שטערנס
און אויפגעקנייטשטע ברעמען.

1928.

מעטראָפּאָליס

ביים ים

I

ווינטן יאָגן, כוואַליעס טראָגן,
און דער ים איז גרויס.
גייט אַ ייד פון שפּאַניע זוכן
זיך אַ נייע הויז.

האָט זיין שוועל און טיר פאַרלאָזן,
וואו פון גאָלד געשניצט
האָט אַ פרעמדער גאָט זיין לעבן
פונעם פלאַם באַשיצט.

האָט זיין מזל אָפּגעגעבן
אויפן ווינטס באַפעל —
אפשר וועט ער אים דערטראָגן
צו אַ פרייער שוועל.

רייסט דער ווינט דעם ווייסן זעגל
פון דעם זעגלבוים,
שניידט די שיף די בערגער־כוואַליעס
אינעם ווייסן שוים.

קרעכצט די שיף, די הערצער צאַפּלען,
און עס וויינט אַ קינד:
— טאַטע, וואָס וועט פון אונדז ווערן
אינעם שטורמווינט?

— פאַר זיין ליבנס נאָמען וועגן
זיינען מיר אַוועק,
וועט ער אונדז בשלום ברענגען
צו דעם רעכטן צוועק.

רייסט אַ ווינט די שוואַרצע כמאַרע,
פאַלט דער שטורעם איין,
אויפן ים דורך שטיקער וואָלקן
פאַלן פאַסן שיין.

רינצלט זיך דאָס שטילע וואַסער
אין דער שיפס געיעג.
מיטן פרישן זונענאויפגאַנג
קומט דער פעלזנברעג.

ווי דער ווייסער שוים צעשפּריצט זיך
אין דעם פעלזנבאַרג!
— ווי אַ פעלז איז אונדזער פעסטונג
אין זיין נאָמען שטאַרק,

אין זיין ליבן נאָמען קומען
מיר אין לאַנד אַריין,
וועט ער אונדזער שטאַרקע פעסטונג
און באַשיצער זיין.

II

זעסט ווי די כוואַליעס צעשטויסענע זידן,
שפּריצן און שוימען ביים פעלזיקן ברעג?
דאָ צו דעם ברעג האָט פאַרצייטנס אַ יידן
איינמאָל פאַרטראָגן דער וואַנדערער־וועג.

ווייסע פּאַלאַצן מיט מאַרמאָרנע זיילן,
שטעגן געפלאַסטערטע אונטער די טריט —
ס'האָט נאָך דאָ וויסטקייט פאַרשפּרייט זיך אויף מיילן,
ווען ס'האָט דעם באָדן באַטראָטן דער ייד.

האָט ער די פעלזן אויף שטיינער צעשניטן,
האָט ער דיביימער אויף קלעצער צעזעגט,
האָט ער אין לאַנד, אין דער וויסטקייט געריטן,
זיינע באַהאַלטענע אוצרות אַנטפּלעקט.

זיינען זיך מענטשן צוזאַמענגעקומען
האַקן די ביימער און שניידן דעם שטיין,
האָבן דעם סוד פון די אוצרות פאַרנומען,
טיפער געלאָזט זיך אין לאַנד אַריין גיין.

טיפער אין פעלדער און וואַלד מיטן וואָגן,
ווייטער אין לאַנד מיטן שיף אויפן טייך —
האָט מען דעם האַנדל אויף שטעגן צעטראָגן,
איז מען געוואַקסן פון ווילדערניש רייך.

זיינען ביים בויען פון הילצערנע שטיבער
פריער פאַרשוואָלן געוואָרן די הענט,
האָט מען מיט יידן־דיוואַנען דעריבער
שפּעטער פאַרהאַנגען פון פּאַלאַץ די ווענט.

זע, ווי זיי שטייען אין מאַרמאָרנע ציילן
איבער געשטעלן פון פעסטן גראַניט.

ווען עס זאָלן נישט האַלטן די זיילן —
דו קענסט דאָ שפּרייזן מיט זיכערע טריט.

ווען עס זאָלן נישט האַלטן די זיילן,
קענסטו דאָ שפּרייזן מיט זיכערע טריט:
איבער אומענדלעכע ווילדערניש־מיילן
האָט דאָ דער ערשטער געטראָטן דער ייד.

III

געבליבן איז אַ קליינער פּאַרק
דעם יידנס נאָמען טראָגן.
אויף סטעזשקעס און אויף בערג פון שטיין,
פון ווינט און זון צעשלאָגן,
דאָרט לויפן קליינע קינדער אום
און ס׳זיצן אַלטע לייט, —
נאָר ס׳ווייס נישט קיינער אין דעם פּאַרק —
זיין נאָמען וואָס באַטייט.

געבליבן איז אַ קליינע שול
דעם יידנס נאָמען טראָגן.
קומט ווער עס איז אַמאָל אין יאָר
אַהין אַ קדיש זאָגן,
דערזעט ער אויף מאַרמאָר־ברעט
אַ נאָמען אין דער זייט
און ער פאַרגעסט אַ טראַכט צו טון:
דער נאָמען וואָס באַטייט.

און הינטער גראַטעס אָפּגעצאַמט,
מיט גרעזלעך אויסגעצוואָגן,
געבליבן איז אַ קליינער שטיין
דעם יידנס נאָמען טראָגן.
און ס׳בלייבט אַמאָל אַ פרעמדער שטיין,
וואָס וואַנדערט פון דער וויייט,
און פרעגטביים אָפּגעמעקטן שטיין:
דער נאָמען וואָס באַטייט? . . .

VI

מיר, די אייניקלעך פון יענע,
וואָס אין קאַלטע צפון־לענדער
האָבן זייער הויט געביטן
און די שוואַרצקייט פון די אויגן

אויסגעבלייכט ביז קילער גראַקייט —
מיר, אַ ווייטער אָפּשטאַם אפשר
פון ביזאַנטישע אַנוסים,
וואָס אין לענדער פון די כוזרים
האָבן זייער בלוט פאַרמישט מיט גרים —
מיר, די וייטע, שטייען איצטער
פאַר דיין עלנטער מצבה
און מיר בעטן זאָלסט אונדז העלפן
צו באַשיצן די ירושה
פון אַברהם אבן עזרא
און פון שלמה בן גבירול
און יהודה בן הלוי
און פון אַלע זיידעס דיינע
פון דעם זוניקן האַלב־אינדזל.
איינגעצאַמט אין אייזן־שטאַנגען
האָבן פרעמדע דיינע ביינער,
און דורך אייזערנע שטאַכעטן
לייען איך די האַלב־פאַרמעקטע
אותיות אויף דיין שטיין צוקאָפּנס
און איך פרעג: ווי קענסטו רוען
ווען דאָס אַלץ, וואָס האָט פון וואוילטיק
דיך אין ווילדערניש געטריבן,
ווערט צוריק אין שטויב פאַרשטויסן?

נישט קיין פייערן און שרעקן
האָבן דיינע קינדערס קינדער,
ווי פאַרצייטנס דיך, געצוואונגען
צו באַהאַלטן די ירושה.
ס'האָט די לינדע זון פון פרייהייט
און די וואַרעמקייט פון וואוילטיק
איר געדעכעניש צעשמאָלצן,
ביז אַליין אין שטויב פאַרגעסן
איז געבליבן דאָס וואָס דיינס איז
ווי עס בלייבט אין שטוב דאָס אַלטוואַרג
פאַר די בעטלער אויפצוקלייבן.

מיר, פון קאַלטע צפון־לענדער,
ווי פאַרצייטנס דו פון דרום,
זיינען עס געווען די בעטלער
אויפצוהייבן די ירושה.
בעטלערביים וואַרשטאַט און נאָדל,

בעטלער מיטן קאָרב אין דרויסן,
בעטלער ביי די פרעמדע טירן —
און געדאַכט האָט זיך — פון פעקלעך
פון די בעטלערשע מיליאָנען
וועט אַ הויכער טורעם ווערן
און אַ באַרג ביז אין די וואָלקנס
און אויף בעטלער־פּעק דערהויבן
וועט דיין פיינפולע ירושה
ווידער לויכטן ווי פּאַרצייטן.

ניין, די לינדע זון פון פרייהייט
און די וואַרעמקייט פון וואוילטיק
האָט אויך אונדז אַרומגענומען,
און דיין ליכטיקע ירושה
ערגער ווי אין טויט און שרעקן,
ערגער ווי אין שווערד און פייער
ווערט אין וואַרעמקייט צעשמאָלצן
און דערוואָרגן אין דער פרייהייט.

פאַר דיין עלנטער מצבה
שטיי איך איצט און פרעג דיך: ענטפער —
ווער נאָך אונדז וועט ווידער קומען
און באַלעבן די ירושה?

V

עס דרייט זיך די ראָד פון דער טייוולשער מיל,
און סאיז נאָך דער מילנער נישט זאַט מיט זיין שפּיל.

א פאַל צו דער ערד, אין דער לופטן אַ הויב —
און דורות אויף דורות צעמאָלט עס אויף שטויב.

די אויגן פון שטויב פון די דורות שוין בלינד —
און שטייט נאָך און דרייט נאָך די ראָד אויפן ווינט.

פון בלוט איז דער אַלטער שוין שיכור ווי לוט —
און שטייט נאָך און דרייט נאָך כסדר די ראָד.

ווען פאַלט ער, דער שיכור, דאָס ראָד אין דער האַנט?
און זאָלן די שדים פאַרדעקן זיין שאַנד . . .

דער מילנער איז דיינער, און דיינס איז די ראָר —
פאַרגיב מיר די רייד און דאָס לעסטערן, גאָט!

.1919

דער מאַרש

אין מיטן וואָכעדיקן טאָג, אין טומל, הילך און ווידערקלאַנג
פון רעדער צווישן מויערן, פון האַנדל, שמייען און געדראַנג —
אין העלן טאָג, אין מיטן שטאָט האָט זיך דערהערט אַ שופרבלאָז.
אין מיטן מיטוואָך שופר בלאָזט —
פון וואַנען, ווער און וואָס איז דאָס?
פאַרגעסן קינדער שפּיל און שפּאַס און לאָזן זיך איבערן גאַס,
עס רוקן פענצטער זיך אַרויף מיט פּנימער צעפּרעגט און בלאַס,
אין הייזער טירן פּראַלן אויף, און אין פאַרסאַפּעטן געלויף
שוין לאָזט זיך עלטער, קינד און קייט אַהין פון וואַנען עס דערגייט
דער שברים־תּרועה. שוואַרץ די גאַס, און שטוינענדיקער עולם קוקט:
אין מיטן ברוק — אַ שוואַרצער ייד מיט אַ קאַשקעט אַראָפּגערוקט
שטעלט בלייאיקע לוויה־טריט און בלאָזט אין שופר. נאָך אים גייט
מיט לאַנגע פּיס אַ הויכער זקן. פּאָלעס פלאַטערדיק צעשפּרייט
און נאָך צעשפּרייטער אין די הענט אַ ספר־תּורה, האַלב־פאַרברענט
און האַלב־צעפּאַסעוועט. נאָך אים אַ מנין יידן איינגעדרייט
אין טראַנטעס אויפן בלויזן לייב מיט ווייב און קינדער, באָרוועס, הויל,
וואָס קנוילן זיך אין שוואַרצן קנויל צו טריט פון טאַטע און פון מאַן.
אַ שפּרייז אַוועק — און נאָך זיי שטום, ווי איינגעבראָכענע אין שפּאַן,
צען טעכטער גייען. ביין און הויט, און נאָר די היפטן זייגען ברייט
און ביז די ליטקעס קוים דערגייט דאָס אויפגעשוואָלן מיידלש קלייד.
און הינטער זיי — אַ קליגגל־קלונג, פון קופּער צווישן בלעך אַ קלונג.
דאָס גייען יונגען פּינצטערע און ס'טראָגט אַ פּושקע יעדער יונג
און טרייסלט חושכדיק ווי ס'וואָלט דאָס האַרטע בלעך אַ וויי־געשריי
אַרויסגעלאָזט אין גאַס פאַר זיי.
זיי שפּרייזן שטומע שורהסווייז
און ס'קלאַפּן פּושקעס קלינג און קלונג —
אַ קלונג — שפּרייז, אַ קלינג — אַ שפּרייז.

אַ שופר בלאָזט. פון גאַס און הויז מיט שטוינעניש און שרעק פאַרויס
אַ גרויסער עולם שפּאַרט און שטויסט. ווי אין אַ שול צונויפגעשטיקט
אויף טראָטואַר און ברוק פון גאַס דער עולם שטייט כל־נדרידיק
און וואַרט אין אימה . . . ווייל נאָך ווייל . . .
און פּלוצלינג אַ געשריי — אַ פייל
שניידט דורך די אימהדיקע לופט,
און עמעצער פון הינטן רופט:
— לאָזט דורך! לאָזט דורך! מיין טאַטע דאָ!
— מיין מאַמע דאָ! — מיין שוועסטער דאָ!
און צו די פרעמדע גייער צו

פאַלט איינער און אַ צווייטער צו:
— אָ, ברודער, שוועסטער, קום מיט מיר!
— אָ, טאַטע, מאַמע, קום מיט מיר!
נאָר ס׳רייסט זיך קיינער נישט פון זיי
אַרויס פון דער געצאַמטער ריי
און די פון טראָטואַר און גאַס, געפאַנגענע פון שוואַרצן סוד
פון אַט דער אימהדיקער שטומקייט, פאַלן אויך אַריין אין טראַט
פון שופר־מאַרש און גייען מיט, און ווי געצויגן פון אַ האַנט
אַן אימהדיק־פאַרכישופטער, צעקרישלט זיך די שטייפע וואַנט
פון אַנקוקער און צוקוקער, און איינס נאָך איינעם, פריער קנאַפּ
און נאָכדעם ברייטער, כוואַליקער, פון אימהדיקן דראַנג פאַרכאַפּט
די מחנה פלעכט זיך איין אין גאַנג
און ציט זיך, שפּרייט זיך גאַסן־לאַנג.

מאַכט פריי דעם וועג, אַ וואָרע מאַכט!
מען האָט אַ יום־טוב אייך געבראַכט,
אַ יום־טוב מיט אַ שופר־שאַל,
אַ יום־טוב מיט אַ הייליקייט
אַריבער אַלע קעפּ צעפּראַלט,
מיט אורחים פון דער ווייטער ווייט,
מיט ליבע געסט, מיט פרומע געסט,
וואָס האָבן ליפּן איינגעפּרעסט,
עס זאָל קיין שיחת חולין קלאַנג
זיך נישט אַראָפּגליטשן פון צונג,
נאָר בלויז דער בלעך און קופּער קלונג
זאָל אויסקלינגען דעם טאַקט פון גאַנג.

געשלאָסן טיר פון הויז און קלייט און ס׳גייט די כוואַליעדיקע קייט.
עס גייען יידן — שוואַרצע הענט פון פּרעסט און זומער־זון צעברענט
און אויסגעטונקט אין שמאַטע־שטויב. עס גייען ווייבער — אויגן רויט
פון זאָרג און בויט, פון ווינט און קויט. עס גייען קינדער — פּאַרן ברויט
שוין הענט און פּנימער פאַרשוואַרצט און יעדער באַק־ביין טרוקן שטאַרצט
פון אונטער קינדערש־בייזן אויג. עס גייען מיידלעך — שטערנס צאַרט,
נאָר דאָס וואָס פון די אויגן גאַרט איז מכשפהדיק און האַרט.
און אַלטע באָבעס שלעפּן זיך מיט מיילער תחינהדיק פאַרקלעמט,
און פליישׂ־הענדלער און פיש־הענדלער מיט בלוט און שופּן אויפן העמד,
און כל המינים קרעמער־לייט מיט די משרתים ביי דער זייט,
און קעלנערס פון די גאַרקיכן, און שענקערס פון די צאַפּנס ביר,
און בלאַטע יונגען פון ביליאַרד, פריש פון פּאָמאַדע און ראַזיר,
און צייטונגס־יינגלעך לויפן נאָך און שרייען אויס די לעצטע נייס
פון שלאַכטפעלד און פון שחיטה־שטעט, נאָר שטומע מחנה הערט ניט, שפּרייזט

און ציט זיך שטייף פון גאַס אין גאַס,
און אַלץ דעם וועג פאַר זיי ראַמט אָפּ
ביז ס'ווערט אין גאַס דער טאָג שוין בלאַס
און אָוונט פאַלט פון ווענט אַראָפּ.

שוין פלאַקערט אויס די זון איר בראַנד אין ווינקל וואו די פעלזן־וואַנט
פון ריזן־הייזער מויערט אויס דעם טויער צו דעם גרויסן לאַנד.
ס'איז צייט, און רעדער שטעלן זיך און טירן עפענען זיך שוין
צו אָוונט־רו, צו היים און זיך פאַר גראָען פאַלק פון אַרבעטס־לוין.
ס'לאָזט טויזנט, טויזנט אַ מינוט אַרויס דאָס בינען־קיניגרייך,
און יעדע ענגע גאַס ווערט גלייך אַ שווערער, פלאַפּלדיקער טייך,
און ס'יאָגן כוואַליעס ברויזנדיק אַהן וואו מיט אַ שטאָל־געברום
די גאַסן אויפן אייזן־קאַרק די אייזן־באַנען יאָגן אום.
און פלוצלונג אויפן וועג פון די, וואָס יאָגן נאָך אַ טאָג פון מיר,
וואַקסט אויס די מחנה אין איר גאַנג — אַ מחנה — ווער און וואָס איז זי?
און דער וואָס איילט צו ווייב און קינד זיין שוועסטער און זיין ווייב געפינט
גאָר צווישן די וואָס שפּאַנען שטום, און בישט געפרעגט שוין שפּאַנט ער בלי
אין טראָט מיט זיי. און ווער ס'געפינט זיין טאַטן און זיין פריינט וואָס גייט,
און ווער אויך קיינעם דאָ דערזעט — סיי ווי פאַרפלאָנטערט אים די קייט
און ווילסטו יאָ, צי ווילסטו ניט,
מוזסט אָפּשטעלן די גיכע טריט
און ציען מיט דער מחנה מיט
אַהין וואוהין די מחנה ציט.

אויף יעדער ראָג, וואו גאַס מיט גאַס אין רעלסן און געראויש זיך קרייצט,
צעפלאָנטערט זיך אַ ווייל די קייט פון פרישן גייער־שטראָם פאַרפלייצט
און שלינגט אים איין און ווייטער ציט. און נאַכט פאַלט צו. עס גליען אויך
לאַמטערן, שילדן, שוי־פענצטער. אויף גאַס פון שפּיל און לוסט און זויף
צעגליט דער נאַכטיקער יאַריד פון בלענד און רייץ, פון קלייב און קויף,
און ס'קריכט די גלוסטעניש געדיכט אין ים פון חוצפּהדיקן ליכט
אויף טראָטואַרן און אויף גאַס. און מיט אַמאָל פון הינטער ראָג
אַ האָרן אין דער נאַכט שאַלט אויף, אַ קופּער־קלונג אין בלעך זיך טראָגט,
און די וואָס איינמאָל בלויז אַ יאָר פאַרנעמען אין געפּאַקטער שול
דעם שופר־שאַל, דערקענען אים, און שטוינונג־פול, און פּחד־פול
אין שוימענדיקן רייץ־יאַריד פאַרהאַלטן זיי אַ ווייל די טריט
און קוקן: ס'גייט די שווערע קייט פון אייגן בלוט. און ווער צעמישט
אַנטרינט אין דער געדיכטעניש, מען זאָל אין זיינע אויגן בישט
דערזען די שרעק פאַר אייגן בלוט; און ווער ס'פאַרהאַלט זיך אַ מינוט
און פילט ווי פון דער קייט אַרויס אַ רינג פון טויזנט אָרעמס טוט
אים איינריגלען און שלעפּט אים מיט, און מיט אַ גליוווער אין געביין
און מיט געוויין אין האַלדז פאַרשטיקט לאָזט ער זיך מיט דער מחנה גיין.

און דער צעברויזטער נאַכט־יאַריד פֿאַרהאַלט די שפּילעווודיקע טריט
און ס׳קוקט אַ פרעמדער מיליאָן
ווי ס׳רוקט די שווערע קייט זיך אָן.
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פאָלק וואָס גייט
מיט האָרן־שאַל פֿאַר אַ טרומייט,
מיט שטיקער פֿאַרמעט פֿאַר אַ פֿאָן,
מיט פרוטה־קלאַנג אין בלעך — אַ פויק
און סוד פֿאַרגליווערטן אין אויג?
וואָס טרייבט זיי פֿאַר אַ שוואַרצער סוד?
וואו פירט זיי זייער אַלטער גאָט?

עס האָט נאָך וואו צו גיין דאָס פֿאָלק, עס איז נישט אַלץ נאָך איינגעמאָנט
פֿון אייגן בלוט וואָס איז פֿאַרפרעמדט, פֿון בלוט וואָס קען נאָך ווערן נאָנט.

געפּלאַסטערט גלאַט ווי שפּיגל גלאַנצט אַ ברייטע גאַס. אַ פלעמל מאַט
אין גלאַטן שפּיגל שפּילט זיך, טאַנצט. פֿוןביידע זייטן, שווער און זאַט
מיט רויטע קאַרקן ברייט צעלייגט, ווי גראָבע יונגען אויפגעריכט
אַ צייל פֿון ריזן־הייזער שטייט. עס שפּילט דאָס טאַנצנדיקע ליכט
אויף מיילן, מיילן ווייט אַוועק. פֿון ווייטן מיט אַ טעמפּן בריל
יאָגט אַן אויטאָמאָביל. זיין אויג, אַ רויטער פלאַם, צערייסט די שפּיל
פֿון מאַטן שיין, און ווידער שטיל. שאַ, שטיל. און נאַכט איז טיף און קיל,
און ווידער קומט פֿון ווייט אַ בריל. נאָר ניין! ס׳איז גלאַט דער מאַטער שטיין
און ס׳ברילן פֿון דער ווייטן שטייגט און רייסט זיך, רייסט. וואָס איז געשען?
קוק ווייט — פֿון ווייט אַ שאָטן קומט. אַ שאָטן קומט און עפּעס ברומט
אין טריט נאָך אים אַ פינצטערניש. עס רוקן שטאָרן זיך אַרויף,
עס פּראַלן הויכע פענצטער אויף, פֿון גאַס און גאַסן — אַ געלויף,
און עס דערנענטערט זיך אַ טייך, אַ ברייטער טייך פֿון שווערע טריט,
וואָס כוואַליעט סאַפּענדיק און מיד — אַ פינצטער־טייך פֿון פינצטער ציט.
ס׳יאָגט ווידער אַן אויטאָמאָביל, בלייבט שטיין מיט יענע וואָס ער פירט,
עס עפנט זיך אַ טיר. פֿון איר — אַ מאַן און דאַמע אויסעגצירט
אַ קאָפּ און פוס שטעקן אַרויס, קריכן אַרויס, מישן זיך אויס
אין טייך פֿון גייער. נאָך אייגער און נאָך און נאָך. פֿון טיר און הויז
געשטאַלטן רוקן זיך אַרויס, און היגטער טיר אויף שטאָק און שטאָק
צעמישעניש און שרעק און גרויל. ווער שטום, ווער מיט אַ בייזן זאָג
פֿאַרהאַקט די פענצטער און פֿאַרציט פֿאַרטיערן שווערע שטייף און ענג
אַנטקעגן דעם, וואָס יאָגט פֿון גאַס און בלוט מיט פּראָסטיקייט פֿאַרשווענקט;
ווער ס׳זוכט באַהעלטעניש פֿון זיך אין ווייך־באַטעפּיכטן סאַלאָן,
אין פּיאַנאָ־שפּיל און גראַמאָפאָן; און וועמען ס׳קלאַפּט אַ צאָן אין צאָן
און מיטן ביסן קוים פֿאַרדייט אַרונטער צו זיין שטאַם וואָס גייט
מיט טרעפּ און עלעווייטאָר יאָגט, און פּלעכט זיך אין אין גייער־קייט.
און ס׳שטייט אין נאַכט אַ ריזן־שטאָט.

אַ שטאָט — אַ וועלט, און הערט דעם טראָט
פון כוואַליעדיקן מיליאָן,
און שטייט און קוקט אין פּחד אָן:
וואָס טראָגט זיי פּאָר אַ שוואַרצער סוד?
וואו טרייבט זיי זייער אַלטער גאָט?
וואו שפּאַנען זיי אין נאַכט אַריין,
אין נאַכט אַריין, אין וועלט אַריין?

.1916

דער דיכטער

מיט יאָרן צוריק איז געווען אַ דיכטער,
אַן עלנטער דיכטער. פון גראָען באַגינען
ביז טונקעלער נאַכט פלעגט ער זיצן געבויגן
און שטעפּן כסדר אין רויש פון מאַשינען,
און שפּעט ביי דער נאַכט, ווען דאָס ווייב איז פון וואַרטן
אויף אים אין איר ווינקל אַנדרימלט געבליבן, —
געקומען אַ היים, און ביים שיין פון אַ לעמפּל
פאַרשלאָפן און מיד זיינע לידער געשריבן.
געשריבן פון טעג, וואָס פאַרגייען אין פינצטער,
פון בענקשאַפט נאָך זונען און ליכטיקע גליקן,
און ס'האָט אים געדאַכט מיט דער פּען צו פאַרזיסן
די גאַל פון די ביטערע עוולות, וואָס שטיקן.
און איין מאָל בייטאָג, ווען דער אַרבעטער־עולם
איז עסנדיק ביי די מאַשינען געזעסן,
האָט ער די פּאַפּירלעך פון בוזעם געצויגן,
און לאָזנדיק וואַרטן און קילן זיין עסן,
גענומען זיי לייענען. איינס און דאָס צווייטע.
דעם אָטעם פאַרהאַלטן, און בלייך, ווי אין פיבער,
פאַרגנבעט ער זייטיק אַ בליק אויפן עולם:
זיי זיצן, זיי הערן, זיי קוקן זיך איבער,
עס טראָגן זיך זיפצן: וואָס דען? איז נישט אמת? —
עס ציען זיך לענגער די מידע געזיכטער,
און איינער, וואָס האַלט זיך אַליין פאַר אַ מבין,
לאָזט הערן זיין משפּט: ער איז דאָך אַ דיכטער!

דעם טאָג האָט דער דיכטער קוים־קוים שוין דעראַרבעט:
עס האָט זיך כסדר די נאָדל געבראָכן.
ביינאַכט האָט קיין שלאָף נישט גענומען, און שווערער
דערנאָך האָבן זיך שוין געצויגן די וואָכן
פון אַרבעט, כאָטש לייכטער איז ערשט אים געווען.

עס פלעגן חברים אַלץ אָפטער און גערן
די אַרבעט פון האַנט ביי אים נעמען און זאָגן:
— דו לייען אונדז בעסער, און מיר וועלן הערן.
ער האָט זיי געלייענט. און שפּעטער געזעסן
אַ נאַכט אַ פאַרשלאָפענע ביזן פרימאָרגן,
און טויטלעך־פאַרמאַטערט געשריבן די לידער,
וואָס ער זאָל זיי האָבן צום לייענען מאָרגן.
זיי האָבן געקוואָלן. פאַר ווייב און באַקאַנטע
דערציילט און געהאַלטן זיך שטאָלצער דעריבער —
און אים וואָס אַ טאָג און אַ נאַכט זיינען טיפער
די אויגן אַריין אין די טונקעלע גריבער.
ער האָט זיך שוין קוים אויפן בענקל געהאַלטן
און ס'האָבן אים שאָטנס פאַרצויגן די שטעפּן:
אָט באַלד — און ער וועט זיינע פיס פון דער אַרבעט
קוים־קוים צו דעם מידן געלעגער דערשלעפּן.
און ס'האָט זיך אַ מורמל צעטראָגן: וואָס טוט מען?
ער קען דאָך אַזוי אַרום אויסגיין, חלילה!
עס האָבן זיך עצות דערהערט, און אויף מאָרגן
נאָך היציקע רייד און נאָך ישובן פילע
געמאַכט האָט מען אָט וואָס: מען האָט זיך באַשטייערט
מיט וויפיל ס'האָט יעדער געקענט, און דעם בלייכן
פאַרמאַטערטן דיכטער אין פרייהייט געלאָזן
דעם וואונטש פון זיין האַרץ מיטן ליד צו דערגרייכן.

מען האָט אים באַפרייט. ס'איז אַ מאָרגן געקומען
אָן אַרבעט און זאָרג, און ער האָט זיך אין לידער
פון פולן און דאַנקבאַרן האַרצן צעזונגען,
אין לויב פון דער טרייהייט פון מענטשלעכע ברידער,
פון איינהייט און ליבע. זיי האָבן פון נחת
די קינדער מיט ליבע געוויגט אין די שויסן
און איינער צום צווייטן געשמייכלט. ס'האָט זומער
אין גרינקייט און בלאָ זיך פאַרנומען אין דרויסן.
אַרויס איז דער דיכטער אין גאַס, און צום ערשטן
און פריידיקן מאָל זיך פאַרקוקט אויף די הימלען,
וואָס שיינען מיט בלענדיקער בלאָקייט, פאַרקוקט זיך
אויף גאַסן, באַשיינט און באַזונטע, וואָס ווימלען
מיט מענטשן, אין העלן געקליידט, און עס האָט זיך
אַ פרייד איבער אים פון דעם דרויסן צעגאָסן.
און פריידיק־דערפרישט זיינען הייטערע לידער
אַנטקעגן דעם ליכטיקן מאָרגן געפלאָסן.
געקוקט האָבן פריער חברים פאַרחידושט,

צעשמייכלט, דאָך שפּעטער געגומען זיך בלאָזן:
— וואָס דאַרף מען אַזעלכעס? — נאָר ס'איז שוין דער דיכטער
געוועזן צווישן פעלדער פון זאַנגען און גראָזן,
געבאָדן דעם קאָפּ אין די זאַפטיקע ווינטן,
וואָס טיילן אין סטעזשקעס פונאַנדער די זאַנגען,
און ס'איז אַלץ דער וואַקסנדער בייזער געמורמל
פון זיינע חברים צו אים נישט דערגאַנגען.

ער האָט נישט געוואוסט וועגן דעם ביז דעם אָוונט,
ווען זיי זיינען ברוגזדיק צונ'אים געקומען
און האָבן געזאָגט: אויב מיר האָבן באַפרייט דיך,
איז נישט צוליב לידער פון פייגל און בלומען.
דו שרייב אונדז אַזוי, עס זאָל טאַקע פאַרנעמען
ביים האַרצן און מאַכן די אויגן צו טרערן.
און נישט אונדז אַליין! פאַרוואָס קען נישט געמאָלט זיין,
עס זאָל פון דיין שרייבן אַ טובה אונדז ווערן? —
אַזוי האָבן זיי אים געזאָגט. ער האָט ציטריק
פאַרנומען דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבן געקינדיקט
און שולדיק געביסן די ליפּן. ס'איז אמת —
ער האָט גאָר אַליין נישט געפילט, אַז ער זינדיקט
מיט אַלץ, וואָס ער טוט, קעגן ברידער געטרייע,
וואָס האָבן אים פרייהייט געשענקט! פונעם זינען
אַרויס האָט ער ווידער גערופן די יאָרן
פון אַרבעט פאַרשטיקטער אין רויש פון מאַשינען,
פון צאָרן און וויי, און ווי דעמאָלט געגומען
די פעדער אין האַנט. ניין, אומזיסט זיך געמאַטערט!
ס'האָט עפּעס אין אים זיך צעריסן אויף שפּינוועב,
און דאָס, וואָס האָט פריער געפּרעסט אַזוי, פלאַטערט
אַצינד, ווי אַ שמעטערלינג, וואָס איז געפאַנגען
ביים זיידענעם פליגל און רייסט זיך צום פליען.
און ס'דאַכט, אַז די ווערטער, געצוואונגען צום פעדער,
האָט ער פון זיין אייגענעם נעכטן אַנטליען.
עס האָבן חברים געלייענט, געקווענקלט,
געשושקעט זיך איינס מיטן צווייטן, און זענען
געקומען צום אָפּמאַך: נישטאָ וואָס צו ריידן,
מען קען דעם געוועזענעם מער נישט דערקענען.

געבליבן אַליין איז דער דיכטער. וואוהין זאָל
ער גיין, פון די אייגענע ברידער פאַרשטויסן
אָן שולד און אָן שוץ? און אָן ברידער געטרייע
איז קאַלט און גלייכגילטיק דער ליכטיקער דרויסן,
און דאָס, וואָס האָט נעכטן געפרייט און געזונגען,

דערציילט נאָר פון אייגענעם עלנט אַצינדער,
און ס'יאָגן אין גאַס מיט אַ בלוטיקן פאַרוואורף
די אויגן פון בלייכע, פאַרמאַטערטע קינדער.

געוווג! ער גייט ווידער אין שאָפּ! זאָל זי ברענען
די וועלט, וואָס לאָזט הונגערן אירע פּאָעטן! ...
נאָר דאָ האָט אים פּלוצלונג אַ קרוב אַ רייכער
באַגעגנט מיט רייד: צו וואָס דאַרפסטו זיך בעטן
אויף וואַסער מיט ברויט ביי די בעטלער ביי דיינע?
מיר האָבן דאָך אויך נישט קיין הערצער פון שטיינער.
באַזינג אונדז דיין עלנט! נישקשה, פון הונגער
ביי אונדזערס אַ טיש וועט נישט פּלאָגן זיך קיינער! —
אַוועקגיין? ביי פרעמדע פון עלנט זיך שפּייזן?
און דאָך — וואָס קען מאַכן אַן עלנטער זינגער?

דער דיכטער לעבט ווידער. ער שרייבט זיינע לידער
פון אומעט און עלנט, און מונטערער, ייִנגער
אים שיינען די אויגן. און טרעפט זיך נישט זעלטן,
אַז בלאָנדזשענדיק צווישן די גילדענע זאַנגען,
פאַרגעסט ער אַמאָל פון זיין נעכטיקן עלנט
און ס'רייסט זיך אַ פרייד פון די העלע געזאַנגען, —
איז אויך נישט קיין אומגליק. מען שמייכלט גוטמוטיק:
— דו נעמסט זיך צום שרייבן גאָר פריילעכע זאַכן!
ס'וואָלט טאַקע קיין עוולה פון דיר נישט געוועזן
אַמאָל און צוביסלעך אונדז פריילעך צו מאַכן! —
אַ פריילעכס? ווי קען מען? דאָך אַרבעט, ווען פלייסיק,
אַ צאָלער וועט אַלעמאָל זיין אַ גערעכטער;
זיי האָבן געלעקט פון זיין פריילעכס די פינגער,
געוואַקסן פון נחת, געקייכט פון געלעכטער.
און ווייט איז דאָס לאַכן געגאַנגען. עס האָבן
די אַלטע חברים געשאָלטן: פאַררעטער!
ער האָט זייער קללה געהערט, און באַהאַלטן
האָט עפּעס געריסן אין האַרצן. דאָך שפּעטער
דערמאָנט האָט ער זיך, אַז פון הייַנט אין אַ חודש
וועט דאַרפן זיין גוטער פאַרזאָרגער פאַרקנסן
די עלטערע טאָכטער, און ער איז געלאַדן —
איז דאַרף מען צום קנס־מאָל אַ פריילעכס פאַרפאַסן.

אַ פריילעכס פאַרפאַסט צו אַ קנס־מאָל, אַ לידל
אַ זילבערנע חתונה איינעמס באַגריסן,
אַן ערשטלינגס אַ נאָמען אין גראַמען געפלאָכטן
און מזל־טוב לידער צו תנאים און בריתן —

און ער האָט זיי פיינט געהאַט. פריער מיט מורא,
ווי ר'וואָלט פאַר זיין אייגענער שנאה געציטערט,
נאָר ווען ער האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז זיי צאָלן
צוריק מיט דעם זעלבן, — איז האָט עס פאַרביטערט
געזאָטן אין אים מיט דער גאַליקער שנאה
און ס'איז שוין פאַרשוואונדן די שרעק פאַר די רענדלעך,
וואָס קומען פאַר לידער. אַלץ איינס וועט מען וואַרפן
אַנטקעגן דאָס געלט, ווי אַ הויפן מיט שפּענדלעך,
און קוועלן פון נחת פון דעם, ווי ער קלייבט עס.
און ווען ס'האָט זיי ווידער פאַרגלוסט זיך צום לאַכן,
דאַן האָט ער מיט בריאיקע אויגן גענומען
פון זיי אין די הויפּנס אַ חוזק צו מאַכן.
געשצירעט די ציין, און אין גאַליקן לאַכן
געפילט, ווי דעם אייגענעם גאָרגל צערייסט ער.
און זיי האָבן הילכיק געקלאַפּט אין די פויסטן:
— ער איז בנאמנות אַ מאַדים, אַ מייסטער!
אַוועק מיט די רענדלעך אין בוזעם צו וואַרטן,
ביז וואַנען מען וועט אים צוריקרופן מאָרגן,
און ס'האָבן ווי זעגן געזעגט אינעם האַרצן,
און ס'האָבן די טרערן אין גאָרגל געוואָרגן.

אַ מעשה דערציילט זיך אויף גיך, נאָר פאַרלויפן
פאַרלויפט זי פּאַמעלעך דורך יאָרן און יאָרן.
און אָט איז דער דיכטער שוין אַלט און פאַרמאַטערט
פון ווייַנען און לאַכן און האַסן געוואָרן.
צו וואָס? ווערט אַ מענטש דערפון ווייניקער איינזאַם?
צי בענטער דערשלאָגט זיך זיין ווייטיק צו וועמען?
אָט גייט דאָ אַ חבר אַנ'אַלטער. עס ווילט זיך
אים צוגיין צו יענעם, ביים אָרעם אַננעמען
און זאָגן: ווי לעבט זיך דיר, ברודער? נאָר יענער
דערזעט אים און קערט זיך אַוועק. וואָס פאַרשטייט ער,
דער אייזל? ער מיינט, אַז ער וועט ביי אים בעטן
אַ דרייער, ווי דעמאָלט . . . אָט קומט אָן אַ צווייטער
און שמייכלט אַנטקעגן. א, דונער און בליצן!
וואָס מיינט עס? אָט, גאָרנישט! זיין ווייב איז געשטאָרבן,
איז — וויל ער אַ ליד אויפן שטיין אויסקריצן.
און דו? וואָס פאַרלאַנגסטו, דו שנעק? צו דיין כלה
אַ לידל, עס זאָל איר פאַרנעמען ביים האַרצן?
אַהער די מטבע — און באַלד וועט מען גראַמען
דיין ליבע פון האַרצן מיט ביטערע שמאַרצן.
ווי קען מען זיי ליבן? ווי קען מען זיי האַסן?

און אָפּטמאָל באַפאַלט אַזאַ עלנטער ווייטיק
אויף זיך און אויף זיי, און עס ווילט זיך ווי קינדער
זיי גלעטן און בענטשן. צו וואָס איז עס נייטיק?
אַ קללה וועט גיכער דאָס אויער דערגרייכן,
און איז נישט אַלץ איינס דען, צי בענטשן, צי שעלטן?
ווער הערט דיינע ברכות און ווער — דיינע קללות
און ווער וועט דעם ווייטיק פאַר ביידע פאַרגעלטן?
און אַט איז שוין באַלד נישט קיין כוח געבליבן
די טעמפּקייט אַפילו פון ווייטיק צו פילן.
שאַ — שטיל, און די מעשה גייט אויס אָן אַ ניגון.
זאָל זיין — ס'וועלן שאָטנס איר ביטערקייט קילן.

.1918

אַ פּאָר פאָלק

האָט זיך אַ פּאָרל פאַר זיך
איינזאָם געלעבט אויף דער וועלט.
זי האָט געזאָרגט פאַר דער קיך,
ער האָט געזאָרגט פאַרן געלט.

זי האָט ביים טאָטן געקענט
זמירות פון פרייטיק ביינאַכט.
ער — צווישן קלויסטערשע ווענט
האָט ביז צו זעכצן פאַרבראַכט.

קאָכט זי דאָס עסן און ברומט
זמירות פון הייםישן טיש.
ער, ווען דער דאָנערשטיק קומט,
ברענגט איר אויף מאָרגן די פיש.

ער זאָגט: שוין יאָרצייט די וואָך,
האָסט דאָך קיין קדיש נאָך ניט.
דאַכט זיך, עס קומט עפּעס נאָך
פון פאַראַיאָרן דעם ייד.

זי זאָגט: עס וואָלט שוין דיר צייט
קויפן אַ מאַנטל געווען.
זונטיק אין קירך צווישן לייט
פשוט אַ חרפה צו גיין.

גייט ער אין קירך ווען ניט איז,
בלייבט אין אַ ווינקל פאַר זיך.

טראַכט: ס׳מוז איר שווער זיין געוויס
געבעך אַליין דאָרט אין קיך.

זי, ווען יום־כפּור פון שול
מיד און אַן עלנדע גייט,
ווייסט זי — עס וואַרט שוין איר שטול
לעבן דעם עסן געגרייט.

שפּאַרט זי אָפּ גראָשנס אַ פּאָר,
קלייבט ערגעץ־וואו איז געשיר;
ס׳ברעכט אים די מי וואָס אַ יאָר,
און ווי לאַנג נאָך איז דער שיעור?

קומט ער אַמאָל און ווערט קראַנק,
רעדט פון געלעגער צו איר:
כ׳האָב שוין צו לעבן ניט לאַנג . . .
אָפּגעשפּאָרט עפּעס פאַר דיר . . .

זאָגט זי: ניט רייד מער דערפון,
איך דאַרף ניט האָבן קיין געלט.
כ׳האָב ניט אָן דיר וואָס צו טאָן
איינע אליין אויף דער וועלט.

שטאַרבט ער. באַגלייטן פון שטוב
עטלעכע פרעמדע זיין וועג,
גראָבט מען ביים פּאַרקאַן אַ גרוב,
שטעלט מען אַ צלם אַוועק.

יאָמערט זי שטיל, ווי אַ קינד,
בלייבט ביי זיין בעט איבער נאַכט.
ווער ס׳קומט אויף מאָרגן — געפינט —
זי האָט די אויגן פאַרמאַכט.

קומען באַגלייטן פון שטוב
עטלעכע פרעמדע איר וועג,
גראָבט מען ביים פּאַרקאַן אַ גרוב,
שטעלט מען אַ ברעטל אַוועק.

רוען זיך אַלטינקע צוויי,
יעדער פאַר זיך אויף זיין פעלד,
רוען זיך אַלטינקע צוויי,
עלנדע צוויי אויף דער וועלט.

.1918

אַן איסט־סידער באַלאַדע

אַ שטיבל אויף אַ קברים־פעלד.
קען זיין — אַ יידיש מתים־שטיבל,
קען זיין — אַ צווינטער־קירך
אין ברוינעם ציגל צווישן יוני־בוימער.
אויף בענק אויף דעמבענע מיט הויכע ווענט —
אויף קירכן־בענק צי טעמפּל־בענק,
אַ פּאָר מנינים זונטיקדיקע —
(ס'איז גוט צו שטאַרבן ערב זונטיק,
מ'זאָל ניט דאַרפן לייט געהויבענע
פון ביזנעס אָפּרייסן מיט דער לוויה),
אין רעכטן ווינקל — אַ בעלעמער,
אַ פּריידיקער אין שוואַרץ ביז קנאָפּ פון גאַרגל,
און צו די פיס פון אים,
און צו די פיס פון די, וואָס זיצן פאַרנט —
אַ שוואַרצער אָרון.

זאָגט דער פּרעדיקער פון שוואַרצן ביכל,
די אַלמנה ווישט די אויגן מיט אַ טיכל,
און די פּאָר מנינים זיצן איינגעפּראָרן.
הויבט דער פּרעדיקער אָן זינגען אַ געזאַנג,
הויבט זיך אויף דער מנין פון דער ערשטער באַנק,
און מען דרייט זיך אַרום אָרון.
דרייט מען זיך הקפות זיבן מאָל,
זינגט מען צו מזמורים מיט אַ טרוקן קול,
שטעלן זיך די דאַמען מיט די הערן,
פון די בענק די דעמבענע, און הערן,
ביז די ערשטע זעצן זיך צוריק אַנידער
און דער פּרעדיקער זאָגט ווידער.

זיין זיידע איז געוועזן רב אין לאָנדאָן,
זיין עלטער־זיידע — אַמסטערדאַמער דאָקטאָר,
די עלטער־עלטער זיידעס —
רבנים, סוחרים און דאָקטוירים
אין שטעט און הויפן פּאָרטוגעזישע,
און ער, וואָס רוט אין אָרון,
האָט צוואַנציק יאָר געהאַט אַ ווייכע שטול
אַ שרייבטיש מיט אַ גלעקל אין אַ מעכטיק הויז

אין מיטן דער איסט־סייד,
און פון זיין שטול אַרויס
האָט ער, מיטן רשות
און גוטן האַרץ פון זיינע בעלי־בתּים,
אַדירים און מאַגנאַטן,
די קינדער פון איסט־סיידער טענעמענטס געריכט
אין זונטיקדיקער תּורה,
עס זאָל ניט אָפּטון זיך פון זיי דאָס ליכט
פון פרומער מורא,
וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אין זיין שלשלת
פון ליסאַבאָן און אַמסטערדאַם און לאָנדאָן.

רעדט דער פּרעדיקער איבערן שוואַרצן אָרון
פון דעם בר־מנגס גאָטספאָרכטיקייט און תּורה.
שטעלן זיך אַנידער די, וואָס זיצן פאָרנט,
און זיי נעמען זינגען די מזמורים —
פון פאַרצייטיקע פאָעטן טרויער־לידער
אויפן טויט פון כלות און פון ברידער —
רירן זיי זיך, הויבן זיי אָן טרעטן
אין דעם ריטם פון פאַרצייטיקע פאָעטן
רונד אַ ראָד אַרום דעם שוואַרצן אָרון,
דרייען זיי זיך זיבן מאָל אַ ראָד
און זיי זינגען מיטן וויינענדיקן טראָט
טרויער־לידער, לויב־לידער צו גאָט.

דער אַלטער שמש שטייט ביים טיר אין דרויסן
און בלאָזט דעם רויך פון פּאַפּיראָס אין פעלד.
דער אַלטער שמש האָט פון מת געלערנט:
— באַ זיי די מאַכט, און מיר — זייערע דינער.
האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געזאָגט איבער אים תּהילים,
און ערשט, ווען יענע זיינען דרינען,
אין דרויסן שטייט ער אַ פאַרשלאָפענער און רויכערט.
מיט אים — דאָס מיידל די סטענאָגראַפיסטקע,
פאַרקנעפּלט שטייף דאָס בלאָע רעקל.
געדענקט זי דאָך די קללות פון דעם מת,
ווען זי האָט זיך געקויפט אויף אויסצאָלן אַ פוטער
צו קאָנען אויסקוקן ווי יענע.
איז קנעפּלט זי דאָס בלאָע רעקל צו —
עס זאָל איר מיידלשאַפט ניט אויפבליען
מיט צופיל זומערדיקייט פאַרן מתים־שטיבל,
און קוקט אין טיר אַריין צו יענע.

וויקלען זיך פאַרצייטיקע געזאַנגען
ווי פאַרבאַרגענע און פלאָנטערדיקע גאַנגען
איבער סודות־טרעפּ אַנוסישע און קעלערס.
ווי די ליכט איבערן מת, וואָס צאַנקען
און צעגליען זיך אין לעצטע פלאַמען העלער,
נעילהדיקע גליען די געזאַנגען,
און מיט צאַנקנדיקער נעילהדיקייט שפּרייזן
מידע פיס אין לעצטע מזמור־קרייזן.
שוין זיך אָפּגעדרייט אַרום די לעצטע ראָד,
איינגעשטעלט דעם לעצטן מידן טראָט,
די אַלמנה לאָזט אַראָפּ דעם שוואַרצן קרעפּ,
אונטער שוואַרצן אָרון בויגן זיך די קעפּ
און מען טראָגט צום טיר דעם שוואַרצן אָרון.

פאַראויס אַ מנין קינדערלעך
אין אַנצוגלעך פון עסעקס סטריט
(וואו האָט מען זיי ביז ערשט באַהאַלטן?)
ווי לעבעדיקע מעשים טובים שפּאַנען
די טירן פון גן־עדן אויפצושפּאַרן.
אויף פּלייצעס הינטער זיי — דער שוואַרצער אָרון,
אויף אָרעמס אָנגעשפּאַרט — אַ שטייפע די אלמנה,
(זי וועט אין טרייסט געדענקען, ווער ס'האָט זי געפירט)
און האַרטע מענער־היט, און ווייכע דאַמען־היטעלעך,
פאַרשייטע אין באַשיידנקייט,
און הינטער זיי — דער אַלטער שמש.
עס שמעקן יוני־ביימער אויף דער סטעזשקע,
און אין דער העלקייט, ווי די לעצטע לאַפּעטעס פון זאַמד
צום קבר פאַלן לעצטע הייליקע געזאַנגען.

שוין דערוואַרט זיך פאַרן טויער די שאָפערן,
און ווי ווייסע פערדלעך סאָפּען די מאָטאָרן.
שטייגן איין די דאַמען מיט די הערן,
און דאָס טונקעלע געזאַנג אַרום דעם אָרון
ווערט צעריסן אין דעם רוישן פון מאָטאָרן
און צעוואָרפן איבער ברוקלינישע ברוקן.
און פון פענצטער פון די באַן־וואַגאָנען קוקן
אויף די ברוקלינישע טענעמענטס און ברוקן
קינדער, איינוואוינער פון ראָטגערס־סקווער,
היינט באַפרייטע פון דער זונטיקדיקער תורה.
יאָגט די באַן די קינדער גיכער ווי שאָפערן
צו דעם סקווער און צו די גאַסן — צו דערציילן

פון הקפות מיט פּאַרצייטיקע מזמורים
און געזעגנגען ווי די נעילה־ליכט אין היילן —
צו דערציילן און באַטיילן און צעזינגען
צווישן שפּילנדיקע, זינגנדיקע יונגען
אַפן שטיינערדיקן ראַטגערס־סקווער.

זיין זיידע איז געווען רב אין לאָנדאָן,
זיין עלטער־זיידע — אַמסטערדאַמער דאָקטאָר,
און ס'האָבן עלטער־עלטער זיידעס,
רבנים, סוחרים און דאָקטוירים,
פון היילן און פון קעלערן אַנוסישע
אים מיטגעגעבן טונקעלע מזמורים
פאַר קינדערלעך פון עמיגראַנטן רוסישע
צו קאָנען זיי צעוואָרפן און צעזינגען
אין שפּיל פון טומלדיקע יונגען,
אויף שטיינערדיקן ראַטגערס־סקווער.
1927.

אַ קאַמין אין מאַי

געווען איז עס איינמאָל אַ פרייטיק־צו־נאַכט,
מאַיאיק און דעמפּיק און וואַרעם.
די גריניטש־ווילעדזשער גאַס האָט נאָך וואַך
געאָטעמט מיט קינדער־ליאַרעם
און ריח פון געזאַלין.
און דאָ האָט אַ רויט־צעפלאַמטער קאַמין
מיט ציינגער געקנאַקט און באַפינקלט:
שטאָרן אויף פענצטער אין טונקעלן גרין,
טישלעך און שענקלעך אין ווינקלען,
זילבערוואַרג און פּאָרצעליי
און אַלטע מאַקאַטן און שניצעריי,
צעהאַנגען איבער ווענט.
און אויף אַ טישל, קליין און לייכט,
האָבן צוויי ליכט געברענט,
צוויי ליכט אין באָבעשע זילבערנע לייכטער
איבער אַ ווייסער שבת־חלה.
דער בלאָער רויך פון פּאַפּיראָסן,
אין רויטן פייער־שיין צעפלאָסן,
האָט איינגעהילט אַ בלייכן פּנים
איבער אַ גאָלד־געשטיקטער קימאָנאָ,
און ווייסע הענט, ווי אָרעמע גאַרבן

פון צווישן ברייטע קימאַנאַ־אַרבל,
האָבן געגאָלדיקט, עלנט און דין,
אין רויטן אָפּשיין פון קאַמין.

אַ שווערע קייט פון אַלטן גאָלד
האָט דעם האַלדז אַרומגענומען.
אַ שווערער רייף פון אַלטן גאָלד
האָט די האַנט אַרומגענומען,
און גאָלד צעשמאָלצענער האָט העל
געשיינט פון גרויסע ברוינע אויגן.
אַזוי אין טיפקייט פון פּאָטעל
איז זי געזעסן צענויפגעצויגן,
ווי אַ צאַרטער יאָדער אויסגעשיילט
פון זיין האַרטן זיכערן שאָל,
און אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט און דערציילט,
האָט געקלונגען מיט וויטן אַמאָל:
גאַסן אין אַלטן פראַנקפורט־אַם־מאַין,
גאַסן אין סינסינעטי,
קאַסטנס געשמידטע מיט היימישן ליין,
ראַבינסאָנס קלוגע סאָנעטן,
גילדענע בעכער פאַר פּסח־וויין,
אין ביזנעס פאַרשלונגענע ברידער,
און קלאַנג פון אַ נאָמען: ראָוטענדעליין,
און — סוף כל סוף — וואָס זיינען יידן?

האָט זיך מיר זייער געוואָלט זי פרעגן:
און וואָס האָט דען דיך געקאָנט באַוועגן
איבערצולאָזן די קופּערטן ליין
און קומען דאָ זוכן שבת־שיין
ביים גריניטש־ווילעדזשער אַלטן קאַמין?
נאָר זי איז געזעסן, ווייס און דין,
און פון טאַבאַק־רויך, פון שלענגלעך בלוי,
ווידער גערעדט אַזוי:

מענטש איז מענטש — און בין איך מחויב
צו ציען אַ גרענעץ פון פראַנקפורט ביז קיעוו?
אַז אַלע דאָ זיינען מיר גרין און ניי,
איז וואָס איז דאָ שייך: די פּאָליאַקיי?
נאָר שטויס איך מיר אָן אויף זייערע וועגן,
האָוועניש זייערס, רייד און האָוואַיעס —
קומט מיר דאָס בייזע וואָרט אַנטקעגן,
פיל איך מיט איינמאָל וואָס פּאָליאַקיי איז.

און אַט בין איך פראַנקפורט און זיי — פּאַליאַקיי,
און ווי קאָן אַ מענטש מיט אַ מענטש זיין פריי,
ווען האַס און דערווידערס אין בלוט אים יורן,
נאָך איידער ער ווערט געבוירן?

איך, דער געקומענער פון פּאַליאַקיי,
האָב שטיל געקנייטשט די געלבע בלעטער
פון אַן עברי־טייטש ספר אין אַלטן לעדער,
געזען, ווי עס זיפן זיך שיטער און דין
די זעמדלעך אין זאַמד־זייגער אויפן קאַמין,
און זיך אויפגעהויבן און אומגעשפּאַנט
אין שאָטנס פון וואַנט צו וואַנט.
אונטערן אַש האָט געצאַנקט דאָס פייער,
איז טונקל געוואָרן און קיל,
און זי, אין טערקישן שאַל איינגעהילט,
האָט זיך איינגענורעט אויפן דיוואַן.
האָב איך דערזען אין האַלבן שפּאַן,
ווי ס'האָט זיך גענומען גענדזלען די הויט
אויף אירן אַן אָפענעם אָרעם,
דערהערט, ווי ס'טאָטשעט אין מיר דער וואָרעם:
צי איז שוין דאָס מאַנסבילש בלוט נישט רויט,
וואָס אַ ווייבלעך וועזן, שטיל און נאָענט,
גייט דיך נישט אָן מער אין שפּעטן אָוונט?
און, בלייבנדיק אַזוי שטיין איבער איר,
האָב איך דערפילט, אַז ווען דאָס אין מיר,
וואָס וויס נישט, ווער און וואָס איך בין,
זאָל אַ לעבעדיק פּנים קריגן,
וואָלט עס ווי זי אַצינד אַזוי ליגן
לעבן אַ גוססן קאַמין,
וואָס האָט מיט זיין היימישקייט אָפּגעגאַרט,
און געגליווערט אין שטומען צער.
איז וואָס קאָן איך טאָן מיט איר?

האָט אַליין זיך מיין האַנט געטאָן אַ הויב,
און פון דער וואַנט, פון פאַרגעסענעם שטויב
אַרונטערגענומען עפּעס אַ זאַך,
האָבן מיר ביידע די זאַך באַטראַכט
און ביידע אַזוי ביז אין אָוונט שפּעט
געזעסן נאָענט און גערעדט:
פון ריטער, וואָס פלעגן אין זיידענע רימענטס
טראָגן קליאַמרעס פון עלפאַנטביין,
פון מייסטער טשעליני, דעם גרויסן באַרימער,

פון גאווה, געטאָקטער אין גאָלד און שטיין,
און פון כינעזישן פּאָרצעליי,
וואָס האָט נאָך געדינט דער דינאַסטיע מינג
אויף רייז דערפון צו עסן — — —
מיר זיינען אַזוי צוזאַמען געזעסן,
געפּלוידערט פון אַלצענעסדינג,
נאָר מער נישט דערמאָנט די פּאָליאַקיי
און אויך נישט די, וואָס ביים עלנטן פייער
ווילן אַ היימישן שיין דערקענען
און ווייסן נישט, ווער זיי זענען . . .
און ווען ס'האָט דער הונגער גענומען מאָנען
אַ צובייס צום פּעניצל חלה מיט האָניק,
האָב איך זיך ריטערלעך פּאַרנייגט,
די ליפּן צום האַנט איר צוגעלייגט,
און זי האָט ביים טיר צו מיר אַזוי נאָענט
געדאַנקט פאַרן ליבן אָוונט.

צוויי שיכורע מאַטראָסן, פולע ווי אַ ברונעם,
האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין סאַבוויי,
האָבן זיי געזונגען הינטערגאַס-ניגונים,
איבער גאָר דעם וועג פון אונטער בראָדוויי.

לעבן זיי צוויי מוידן מיט געפאַרבטע ליפּן —
האָט מען זיך געקיצלט און געקניפּן.
און פון הענט און בוזעמער און פייכטע בליקן
האָט די נאַכט, וואָס קומט אויף זיי, געשיכורט.

האָט אַ נאַכט אַ נאַקעטע פון שיכורע מאַטראָסן
איבערן וואַגאָן זיך פריי צעלאָזן.
אַלט און יונג און קינדער — אַלע אין וואַגאָן
האָט די אומפאַרשעמטע נאַקעטע אויסגעטאָן.

האָט מען זיך געזוכט די אויגן צו פאַרשטעלן,
האָט מען זיך געשטופּט וואָס גיכער צו דער גאַס.
האָט מען זיך געיאָגט דורך פינצטערע טונעלן
מענטש צו מענטשן פרעמדער אין אומזיסטן האַס.

און איך אויך, אַ פרעמדער, בין אַזוי געפאָרן,
זינדיקער און ערגער ווי איך בין,
פון דעם צער פאַרנורעטע הינטער גרינגע שטאָרן
ביי דעם קאַלטן אויסגעלאָשענעם קאַמין.

.1927

וואָלטער

הייסט עס, אַז עס טויג נישט, וואָלטער?
און ווען ס'וויב אין דרויסן שטעלט אַרויס אַ פּיסל,
קענסטו זיך פאַרגינען זיצן דאָ אַ ביסל
אויף דער טויזנט־דאָלאַרדיקער סאָפע
און באַטרויערן די יאָרן, וואָס צערינען
אין דער נעץ פון גאָלדיקע גאַרדינען,
און זיך איינריידן, אַז וואָלסט אַנטלאָפן
צו דער שאָפע ספרים דאָרט אין אויבער־שטיבל
און פאַרשליסן זיך פון אַלץ אויף זיבן שלעסער
און אַ סוף זאָל נעמען . . . האָב נישט קיין פאַריבל!
אפשר גאָר קאַפּויער? אפשר דאַרפסטו גאָר פאַרגעסן
אָט דאָס ספרים־שטיבל — פון דיין פלאַגעניש דעם מקור —
און ביים וויב איר תורה איבערנעמען
און נישט דאַרפן אייביק זי פאַרשעמען
מיט אַ מאַן, אַ טויטער האַנט אין פּאַקער?

אפשר, וואָלטער?
ניין, איך שפּאַס נישט. וויפיל איז דיר נאָך געבליבן
פון דער בענקעניש אַהין צום ספרים־שטיבל,
אַז פון פּרי ביז אָוונט, פון די שווערע פּאַליאַנטן
בוכהאַלטעריע אין פאַבריק ביז צו די שמועסן און שפּאַסן
פון דיין וויב און אירע חברטעס און קלוב־באַקאַנטע,
פלעכט עס דיך אַרום מיט ברויזנדיקער עולם־הזה,
און ווי לאַנג קען אַ געשטרויכלטער בן־אדם
האַלטן זיך ביי אַ צעפלאַכטענעם און שוואַכן פאָדעם?
וועסט זיך מוזן אונטערגעבן סוף־כל־סוף.
און כ'וואָלט זיכער נישט באַשווינדלט מיסיס גרין
דאָ מיט דיר אויפן אַנטיקן מעבל־שטיק צו זיצן,
ווען עס זאָל אין אויג זיך נישט פאַרקריצן
אָט דאָס טיפע גריבל אין דיין קין
און אַ נעץ פון אַדערלעך אויף דיינע באַקן — דין און רויט.
האָט עס מיר פאַרשמעקט מיט שוואַרצן ברויט
און גרינע אוגערקעלעך, און דורך אַלע דיינע שטיבער,
די באַטעפּיכטע, באַמאָלטע און באַצירטע,
גייט פון דיינע באַקן און פון גריבל
אַזאַ טערפּקער, ערדיש־זויערלעכער ריח,
און מיר דאַכט זיך — אונדזער עלטער־באָבע זע איך.

האָסט געקענט די עלטער־באָבע, וואָלטער?
איך אָוודאי נישט. מיט דיר ביים אָרעם אָבער

זע איך זי אַצינד. אויף פּיס געשוואָלענע
טראָגט זי אום דעם בויך, דעם אָנגעדראָלענעם,
פון אַ דור אַ גאַנצן אויסטראָגן און האָבן,
טאַפּטשעט זיך אין גרינע בייטן און די האַרטע פינגער
צווישן גרינסן־בלעטער גראָבן.
פון די פענצטער קולות יינגלשע צעקלינגען
מיטן ניגון פון דער פרשה, וואָס דער עלטער־זיידע
לייענט מיט זיי איין, און איבער גרינע בייטן
בלייבט אַזוי די אַלטע אַ געבויגענע,
און אַרונטער פויערשן געבלימטן טיכל
בלויע אויגן קינדערשע פאַרקריכן
טיפער — ווי מיין מאַמעס קינדעריש־בלויע אויגן
פלעגן וויינענדיק פאַרקריכן אונטער טיכל —
און די עלטער־באָבע וויינט.

וויסטו וואָס עס וויינט די אַלטע, וואָלטער?
זי האָט אויך געהאַט אַ באָבע. אויך ווי זי
מיט די פיס געשוואָלענע געטאַפּטשעט אינדערפרי
פון די בייטן אויפצוקלייבן אוגערקעס אַ פּאָר
פאַרן זון צום שטיקל ברויט. נאָר נאָך אַ הונדערט יאָר,
אַז דער זון איז אָנגעקומען נאָענט פון קבר
פון דער מאַמעס, האָט אַ מלאך אָנגעקלאַפּט צו איר
און די מאַמע איז געגאַנגען אים מקבל פּנים זיין צום טיר
פון בית־עלמין. וויינט די עלטער־באָבע אונדזערע: אָט גיי איך אויך
אָנצורייסן אוגערקעלעך, רעטעכלעך אַ פּאָר
צו דעם ברויט פאַר מיינע קינדער. פון דעם דור,
וואָס כ׳האָב אויסגעטראָגן, איז דער בויך
אָנגעדראָלן און פון פיס פון שטרויכלדיקע פאַל איך —
וועט מיר אויך אין קבר קומען אָנקלאַפּן אַ מלאך
איך זאָל גיין מקבל פּנים זיין מיין זון?
וועל איך זוכה זיין דערצו?

איז דער זכות פון שוואַרצן ברויט איר בייגעשטאַנען, וואָלטער?
אויפן ווילנער שול־הויף איז דער קלויז פאַראַנען
מיטן אָפּגעצאַמטן שטענדער, דעם פאַרהייליקטן,
פון דעם זון, וואָס האָט געקענט מטריח זיין אַ מאַמען
אויפצושטיין פון קבר. כ׳ווייס נישט, אַז מען זאָל פאַרצאַמען
ערגעץ וואו אַ ווינקל פאַר אַ זון אָדער אַן אייניקל
פון אונדזער עלטער־באָבען. כ׳ווייס אָבער,
אַז דאָס אָרעם ברויט איז נישט פאַרשעמט געוואָרן ביז אַהער
פון דעם צדיק ביי זיין שטענדער
ביז דעם פריילעכסטן צעטאַנצטן בעל־מלאכה

פון דעם ווייטסטן אָפּשטאָם נאָך אים.
איינער האָט אַ פּאַטשט געהאַלטן אין אַרענדע
און באַזאָרגט מיט נאַכטלעגער די אורחים,
איינער האָט ביי לייטן ווענט באַמאָלן,
איינער פלעגט דעם פּויערס תבואה מאָלן,
איינער איז אין דערפער אומגעגאַנגען אויפצוקויפן
פעלכלעך פּויערשע, און נאָך איינעם איז איינגעפאַלן
מיט אַ גאָסן־מיידל איבער ימים צו אַנטלויפן
און פון אירעטוועגן דאָ אַ שוסטער ווערן.
אַלע האָבן זיך און זייערע געטאָן דערנערן
מיט דער מי פון ערלעכע פאַרשוואַרצטע הענט
און ס'האָט קיינער נישט דער עלטער־באָבעס ברויט פאַרשעמט.

אפשר גאָר נאַראָנים די משפחה, וואָלטער?
טאַפּטשעט מען זיך אין קבצנישע מלאכות
און קיין שכל נישט געוועזן אַ הונדערט הענט פאַרשפּאַנען
אין דער אויסאַרבעטונג פון אַ גאַנגבאַרן אַרטיקל
ביי פאַרשמידטע שויבן פון פאַבריקן,
אַז מען זאָל זיך קענען אויסלייגן די דילן מיט דיוואַנען
און מיט שווערן זייד די ווענט פונעם סאַלאָן
און מיט מירמלשטיין דעם בית־הכסא.
וואָס זשע קענסטו נישט באַשליסן
אויך דעם לעצטן נאָכשלעפּ פון זיך אָפּצוטאָן
און אַרויסוואַרפן די שאָפּע דאָרט פון אויבער־שטיבל
מיט די גאָלד־געשטיקטע רוקנס פון די בענדער?
אפשר וועט זיך מיטן לעצטן שפּור פון ווייטן שטענדער
אָפּטאָן אויך דער ריח פון דיין קין־גריבל,
און דאָס אָרעם ווייב וועט זיך דערלייזן פון דער שאַנד
פון אַ מאַן, וואָס איז ביים פּאָקער־טיש אַ טויטע האַנט.

ווי פון אַפריקע דער פרייער באַרבאַר, וואָלטער,
פילט זיך איינגעקלעמט צום שטאַרבן
אין דעם צוואַנג פון אונדזערע פאַרקלאַמערטע מלבושים —
טוען מיר זיך וואַרגן, לייב און חושים,
אין דעם אָפּגעגילטן גליק, וואָס ווערט געבויט
אויף דער מי פון פרעמדע. אונדזער לופט איז אָרעמקייט,
אונדזער שפּייז — דער זויערלעכער ברויט
מיטן טעם פון פייכטער ערד, וואָס ווערט צעקייט
אין די האַרבע קערנער און גיסט אָן דאָס בלוט מיט פראַלן
פון פאַרבאָרגענע, פאַרשטיקטע קוואַלן.
אונדזער דאַך דאַרף ליגן נידעריק און שיף,

אַז אים אונטערשפּאַרנדיק
מיט די קאַרקן זאָל מען אָטעמען אַ הימלס טיף
אונטער זיינע שימלדיקע שינדלען. צער איז אונדזער וויג
און דאָס ליכט פון צער — דער זיג
איבער אונדזער אָנמאַכט. האַרב דאָס קלייד,
און דער בין־השמשותדיקער אויפגעקלעמטער טרויער
איז דער שוועל, דער ציטערדיקער, פאַרן טויער
צו דעם הויז פון אונדזער פרייד.

ווער עס קען פון צימערן געריימע, וואָלטער,
זיך צעיאָגן מיטן ווינט פון פרייע רוימען,
ווער עס קען אין ליכט פון בליץ־לאָמפּן באַגילטע
שפּאַנען ווי אין זון אַן איינגעהילטער,
ווער אין טורעמדיקע שלעסער
איבער קעלערס אָנגעפּילט מיט פּולווער־פעסער
קען אויף זיך אַליין אַ פרייער הערשער זיין.
מיר, פון אונדזער אָרעמקייט אַרויסגעריסן,
וועלן זיך דערנאָך אַליין פאַרשליסן
אין אַן אייגענער פאַרהאַקטער תּפיסה,
אַז אין טויטע ווענט און טויטן שיין
זאָלן זונען ברענען, זאָלן ווינטן וואָיען,
זאָלן העלע ימען אין די וויטן בלויען,
זאָלן טורעמס פאַלן, זאָל מען טורעמס בויען.

אפשר ביסטו גאָר באמת אַ מאַרטירער, וואָלטער!
אין דערלייזערישן דראַנג אַרויסצופירן
אונדזער בלוט פון געסלעך אָרעמע,
האָט זיך דיר אין וועג געשטעלט דער ריח
פון דיין קין־גריבל און פאַלסט אויפן מזבח
פון אַן עלטער־באָבע, וואָס האָט אויסגעקאָרמעט
דורות אויפן שוואַרץ־ברויט. אפשר וועט נאָך ווען
עמעצער אין הויז ביי דיר דיין צער דערזען
און דיין נאָמען מיט מאַרטירער־קרענץ באַדעקן.
אָבער מיר, דער עלטער־באָבעס אור־אייניקלעך אַלע,
וועלן זיך שוין אומטראָגן מיט אונדזער דלות,
אירן און איר באָבעס און דעם זונס ביים שטענדער —
מיר, די שוואַרצע ברויט־עסער פון אַלע לענדער —
און דיין מי אונדז אויסצולייזן איז פאַרפאַלן.

זיי מיר מוחל, וואָלטער, אויב עס איז געפאַלן
דאָ אַ וואָרט אַן איבעריקס. און לאָמיר האָפן —

מיסיס גרין וועט נישט דערקענען גאַרנישט אויף דער סאָפע,
און אויב עס האָט זיך צוגעקלעפּט אַ שטיקל דלות צו אַ קישן,
וועט די דינסט, די נעגערטע, מסתמא דאָס פאַרווישן.

.1928

פון טורעם

אויפן פערציקסטן שטאָק פון אַ טורעם־געבוי
איז צוועלף אַזייגער בייטאָג
געזעסן אַנטאָן קאָסאָי,
געקייט אַ ווייסן ברויט מיט וואורשט,
פון פלאַש מיט מילך געשטילט זיין דורשט,
געקוקט אַריבער די אייזערנע בריקן,
געזען און גאַרנישט געזען.
צו רעכטס — אַ ברעג מיט רויטע פאַבריקן,
צו לינקס — אַ ברעג מיט רויטע פאַבריקן,
און טייכן מיט שיפן פוןביידע זייטן
און אָפענער ים פון ווייטן.
אויף יענער זייט פון די טייכן אַריבער —
באַגרינטע גאַסן מיט ווייסע שטיבער,
און צווישן די טייכן פון ברעג צו ברעג
די קאַנטיקע בערג פון שטיינערנע טורעמס,
ווי פעלזן אָנגעהורבעט.
אַ טורעם אַרויף, און אַרונטער — אַ דאַך,
אַ ריזיקער טרעפּ און אַ שמאָלער פלאַך,
און ווי מיט אַ שאַרפן מעסער צעשניטן
די תהומיקע גאַסן אין מיטן.
דאָרטן אונטן קליינע טראַמווייעלעך קריכן
ווי גלאַנציקע זשוקלעך מיט בלעכענע פליגל,
עס שטופּן זיך ענג, ווי אויף צוקער די פליגן,
די פאַר־מאַשינען אויפן גאַסיקן פלאַסטער.
עס פויזען, ווי לאַנגע שוואַרצע ווערעם,
די באַנען אויף נאַקעטע גאַסן־געדערים,
און איבער דעם אַלעם — פון פעלזיקע הויכן,
פון ווינקלען אַרום קריכן דינינקע רויכן,
ווי ס׳וואָלטן געריכערט פאַרשטיקטע וואולקאַנען.
(אַזוי איז דאָס בילד ביי דער טאָכטער אין ביכל,
אַזוי קוקט עס אויס פון דאַנען).

אַנטאָן האָט זיין ברויט מיט וואורשט געקייט,
פון טורעם אַרונטער געקוקט אין דער ווייט,
און ער וואָלט אויך היינט, ווי אַלע מאָל,

פאַרזען אי די בערג, אי דעם תהומיקן טאָל,
ווען פון יענער זייט ברעג, פון גרינס אַרויס,
זאָל נישט אויפקומען פּלוצלונג אַ ווייסע הויז,
אַ מאָדנע ווייסע הויז.
צי איז עס באמת, צי דאַכט זיך אים בלויז —
נאָר ער זעט די געזימסן פון ווייסע באַלקאָנען,
די שווערע געשניצטע קאָלאָנעס,
דעם ברייטן אַריינפאַר, די דעמבענע טיר
און גרויסע פּיל־שויביקע פענצטער —
דאָס איז דאָך דאָס הויז פון היימישן גביר,
אין שטעטל דאָס גרעסטע און שענסטע.

ווי קומט דיר אַהער דאָס גבירישע הויז? . . .
ער ווייס, אַז עס איז אַ פאַרבלענדעניש בלויז,
ער ווייס, און מען האָט אים פון לאַנג שוין געשריבן,
אַז ווען מ׳האָט דעם גביר זיין רעכט געטאָן,
האָט דאָרטן געהוליעט דער רויטער האָן
און אַש איז פון הויז געבליבן.
האָט אַנטאָן זיינע אויגן אַ וויש געטון,
און צווישן אַ הורבע פעלזיקע ווענט
פון ווייטן דעם טורעם דערקענט,
וואו ער איז, ווי דאָ, אַמאָל געזעסן,
דעם ווייסן ברויט מיט וואורשט געגעסן,
געטרונקען זיין פלאַש מיט מילך
און טעג און חדשים פאַרהילכט אין געהילך
פון הונדערטער עגבערס, וואָס האָבן געבויערט
די שטאָלענע קראַקוועס פאַר אייזערנעם מויער,
פון שרויפן מיליאָנען, פון ציגל מיליאָנען,
פון שטיינער געהובלטע טויזנטער טאָנען,
וואָס האָבן די לופט פאַרהילכט און פאַרקריצט,
עס זאָל ביז די וואָלקן גרייכן איצט
דער שלאָס פון שטיין און שטאָל . . .
אַזוי איז ער דאָרטן געשטאַנען אַמאָל,
אַזוי שטייט ער איצטער דאָ
פון מאָרגן־שעה ביז אָוונט־שעה.
אוי, שעהן, וויסט־פאַרלאָפן,
וואָלט זיי כאָטש אַ פייער געטראָפן!
איז זאָגט אַנטאָן — און אַ פייער גייט אויף
פון קעלער דאָרט ביזן טורעם אַרויף
און שלאָגט אין שוואַרצע קנוילן.
ווערט הימל און זון און רויך פאַרהוילן.

און חושך צעלייגט זיך און שווארצע נאַכט
מיט פונקען מיליאַנען — און ס'שטורעמט און קראַכט
צעפאַלענער שטיין און ציגל און אייזן,
ביז פייערן רויטע פון נאַכט באַווייזן
פון טויטן טורעם די שטאַלענע ריפּן — — — —
העי, וואָלט עס געווען אַ שפּילכל אַ ביסל!
אַנטאָן בלייבט שטיין אין מיטן אַ ביסן
און קוקט אויף דער זון און צעשפּרייט די ליפּן:
— דיר ווילט זיך אַ שפּילכל, אַנטאָן?

דער קעלער דאָרט איז געמאַכט פון בעטאָן,
דער טורעם געשמידט פון אייזן און שטיין,
די ווענט געדעקט מיט מירמלשטיין,
די טירן פון קופּער, די פענצטער פון בלעך — — — —
ביינאַכט זיינען טויט אַלע פערציק שטאָק.
זיי לעבן נאָר אויף אין די שעהן פון טאָג,
ווען ס'קומען דאָרט מענטשן דאָס ברויט פאַרדינען
ביי טישן און שרייב־מאַשינען.
אַמאָל וועט זיין טאָכטער אויך קומען אַהין
און זיצן דאָרט ביי אַ שרייב מאַשין,
און אפשר אויך פיינט האָבן איר באַלעבאָס,
וואָס וועט ערגעץ וואוינען אין גבירישן הויז,
ווייט פון שטאָט אַרויס.
נאָר וואָס קען ער האָבן צום פעלזיקן שלאָס,
צום טויטן קאַלטן שלאָס?
און ווי קען מען פיינט האָבן עפּעס אַזוינס,
וואָס הייבט זיך צו וואָקנס ווי ריזיקע בערג,
און כאָטש דו ווייסט, אַז דאָס זיינען די ווערק
פון דיינע אייגענע פינגער,
דאָך קענסטו קוים מיטן אויג דערגרייכן
די קאַלטע שטיינערנע הייכן?

דערמאָנט זיך אַנטאָן אַ זונטיק איינמאָל,
ווען שטאָט מיטן ווייב און קינד שפּאַצירן
צו גיין צווישן גרינס און ביימער,
האָט ער זיי געבראַכט אַהין צו פירן,
און האָט ביי דעם ווייב דאָס פּנים געפאָרשט:
— וואָס וועט זי זאָגן אָקאָרשט?
נאָר דאָס נאַרישע ווייב האָט אַ פרעג געטאָן:
— און וואָס איז דאָ דיינס, אַנטאָן?
איז ער געבליבן פאַרגולמט אַזוי:
—וואָס איז דאָ דיינס, אַנטאָן קאָסאַי,

אין ריזיקן פעלז־געבוי?
וואו האָט דאָ דיין עגבער דעם שטאָל צעגליט?
וואו ליגט די קראָקווע, וואָס דו האָסט געשמידט?
וואו איז דאָ דיין האַנט געווען?
די ריזיקע וואַנט, הויך און גלאַט,
האָט ערגעץ פאַר אים נישט קיין סימן געהאַט,
און מיט הענט האָט געענטפערט אַנטאָן קאָסאַי:
— מיר האָבן דאָ אַלע צוזאַמען אַזוי . . .
געענטפערט אַזוי און צעפּירט די הענט,
און דערפילט ווי דער טורעם איז קאַלט און פרעמד,
ווי פרעמד אויך איצט די גלאַטע ווענט,
ווי פרעמד די גאַסיקע תהומען,
וואו ס׳פּויזען און קריכן אוןווימלען און שטראָמען
אין אייביקן שאָטן
די באַנען־ווערים, פון שטאָל געקנאָטן,
די זשוקעס־טראַמווייען, די פליגן־מאַשינען,
און טויזנטער, טויזנטער מענטשן, ווי בינען,
פרעמד און ווייט און קאַלט און קליין,
ווי פון שטאָל געקנאָטן אַליין.

אַנטאָן האָט זיין אָנבייסן אָפּגעגעסן
און איז נאָך אַלץ אַזוי געזעסן,
געקוקט פאַרגאַפט און אַ טורעם און שלאָס
און צו זיך אַליין גערעדט:
— עס איז נישט פאַר מענטשן — דאָס!
עפּעס אַ קאַלטער אייזערנער שד
האָט דיך אָנגעכאַפּט מיט אַן אייזערנער האַנט
און האָט דיך אין אַרבעט פאַרשפּאַנט,
איז אַרבעטסטו נעכטן און אַרבעטסט היינט,
און האָסט עס נישט ליב און האָסט עס נישט פיינט,
נאָר ווערסט געיאָגט פון ווילדער שרעק
פאַר נאַקעט לייב און הונגער־טעג,
און גייסט ביים שד אין שפּאַן.
נאָך גוט, וואָס עס לויפט אַ שטאָלענע באַן,
און קומט דער אָוונט — יאָגט זי געשווינט
אַהיים, צו ווייב, צו קינד.

און אַנטאָן האָט די ברעמען אָנגערוקט,
צום שלאָס אַנטקעגן אַריבערגעקוקט
און האָט אַזוי געטראַכט:
— אַ הויז, וואו קיינער שלאָפט נישט ביינאַכט,
לאַדט איין שדים צו געסט.

און דאָ האָט אַן אײַזערנע שטאָט זיך צעשפּרייט
אין נאַכט מיט טויטער ליידיקייט —
איז עס געוואָרן אַ שוואַרצע נעסט
פון שדים, וואָס פּראַוועז דאָ חתונות,
און וואָס איז דער וואונדער, וואָס אויך בייטאָג
ווערן דאָ מענטשן פון שדים געיאָגט,
און גאַנצענע טעג נאָר מען רעדט און רעדט
דורך רערן, דורך דראָטן, דורך אײַנגעווייד
פון אײַזערנער שטאָט, וואָס איז אײַנגעדרייט
אין כישוף פון וויסטע רייד,
אַז אַ מענטש אַ מענטשן נישט זעט,
אַז צווישן זיי שטייט דער אײַזערנער שד,
און מענטש פון מענטש צעשיידט.

און אַנטאָן וואָלט געטראַכט מסתמא נאָך לאַנג,
ווען ס'וואָלט זיך אין לופט נישט צעטראָגן דער קלאַנג
פון עגבערס אויף שטאָל, וואָס הילכן.
האָט ער אויסגעטרונקען פון פלאַש זײַן מילך
און צוריק צו דער אַרבעט געגאַנגען.

.1927

דער לײַמענער גולם

אין מיטן גאַס, אין מיטן מאַרק,
האָט מען פון שטיין און ליים אַ באַרג
אַ גולם אויסגעבויט.
מען האָט געפאַרבט אים ווייס און גרוי,
מען האָט געפאַרבט אים הימל־בלוי,
מען האָט געפאַרבט אים רויט,
ביז ס'האָט אַ פאַרב אַ פאַרב פאַרווישט
און די קאָלירן אויסגעמישט
צום געלן ליים צוריק —
דאַן האָט מען צו די פיס און הענט,
צו פינגער, אָרעם, קני און לענד
אים צוגעבונדן שטריק —
און ווער ס'האָט געוואָלט האָט געצויגן אַ שטריקל,
געטאַנצט און גערופן צום עולם:
— אָט באַלד, מיר פאַרכאַפּן פון שטריק נאָך אַ שטיקל,
איז אונדזער דער לײַמענער גולם.

אָט שטייט ער אויף זײַן הויכן אָרט,
מיט שטריימל, פּאות און אַ באָרד,

אין אַ טלית איינגעדעקט,
דער שפּיץ פון באָרד אַרויף געווענדט,
און די צונויפגעלייגטע הענט
צום הימל אויסגעשטרעקט.
אָט שערט מען אים די פּאות אָפּ,
מען פּאַסט אַריין אין הוט זיין קאָפּ,
די אַקסל אין אַ ראָק,
אַ שוואַרצן שניפּסל צום פּאַסאָן,
ביים זייט אַ הימל־בלויע פאָן,
אין האַנט אַ וואַנדער־שטאָק, —
און ווער עס פאַרכאַפּט אים דער ערשטער—דער ליאַרעמט
מיט שמחה אַרויס צו דעם עולם:
— עס האָט זיך זיין הארץ שוין מיט גאולה דערוואַרעמט.
זאָל לעבן דער ליימענער גולם!

דאַן קומט אַ מחנה זיך צונויף,
מען ציט די אַרבל אים אַרויף
ביז שולטערן אַנטבלויזט,
אין האַנט — אַ פאָן פון רויטן בראַנד,
און פון דער צווייטער פרייער האַנט
צונויפגעדריקט אַ פויסט,
ביז פון אַ ווינקל ערגעץ־וואו
אַ נייע מחנה רוקט זיך צו
צו זיי מיט אַ געשריי,
און צו דער ברעניק־רויטער פאָן
אַ צוקער־ווייסע קניפּט מען אָן —
איז — פאַכט ער שוין מיט צוויי.
און ווי נאָר די פאָנען פון לאַרעמען ווייען,
דאַן שרייט מען אַרויס צו דעם עולם:
— ער גייט שוין די זוימען פון אויפשטאַנד פאַרזייען,
זאָל לעבן דער ליימענער גולם!

דאַן קומען אָן פון וואו אַ לאַנד
מיט בונטע פאָנען אין דער האַנט
געטרייע אַלערליי,
מיט לייב און אָדלער, וואָלף און בער
אין שילד פון קרייציקן געווער,
וואָס פלאַטערן פון זיי.
און ווער עס וויל — דער קניפּט אים אָן
זיין לייב און אָדלער אויף דער פאָן
און לאָזט עס העכער ווייען,

ביז אין דער דעק פון פּאַן און שילד
ווערט ער אינגאַנצן איינגעהילט,
ווי ס'וואָלט נישט ער געווען, —
און ווי נאָר אַ ווינטל צעפּאַכעט די פאָנען,
דאַן רייסט מען זיך נענטער צום עולם:
— דאָס גייט ער די קריוודעס פון פאָטערלאַנד מאָנען,
זאָל לעבן דער ליימענער גולם!

אין מיטן גאַס, אין מיטן מאַרק
האָט מען פון שטיין און ליים אַ באַרג
אַ גולם אויסגעבויט.
ווער ס'קומט אַפריער קליידט אים אָן
און שטעקט אין האַנט אריין זיין פאָן,
צי ווייס, צי בלוי, צי רויט, —
ווער ס'קומט דערנאָך — דאָס ערשטע רייסט,
איז — הענגט עס פון אים פאַסנווייז
פון פאָנען, קלייד און שיך,
און אויב ס'פאַרבלייבט אַ גאַנצער פּאַס,
דאַן קומען יינגלעך פון דער גאַס
און רייסן עס פאַר זיך —
און די, וואָס פאַרנייען מיט לאַטעס די לעכער —
זיי רייסן זיך נענטער צום עולם,
און יעדער מיט זיך צו שרייען אַלץ העכער:
— ס'איז אונדזער דער ליימענער גולם!

1918.

פיל בענסאָן

1

ביסט אַ פרייער מענטש, פיל בענסאָן, זיץ!
אַריינגעלייגט אין באַנק אַריין דעם לעצטן טשעק
פון מיסטער ליוויי — דער סך־הכל איז נישט שלעכט.
מעגסט פוסט־און־פּאַסעווען אַ האַלבן צענדליק יאָר —
ס'וועט זיין חיונה. מיסטער ליוויי האָט באַזאָרגט.
קאָנסטו זיך פאַרגינען זיצן אויף אַ באַנק אין פּאַרק.

טויבן טריטלען איבערן אַספאַלט פון דער אַלעע.
קינדער לויפן אום, וואַרפן קרישקעלעך צו זיי.
זון אויפן גראָז, אויף בלעטער. און אַריבערן פּאַרק,
אויף די ווייסמעטאַלענע שפּיצן פון די טורעמער — זון!

קומען ווייסע פּוקע וואָלקן אָנצושוועבן — דאַכט זיך:
באַלד וועט איינער זיך פאַרהעקלען אין אַ טורעם־שטאַנג
און פלאַטערן אַזוי אין בלאָער זוניקייט — אַ פאָן,
אַ ווייסע שלומדיקע הימל־פאָן איבער דער שטאָט
פון טורעמער.

2

די באָנע מיט די קינדער פון קעגנאיבערדיקער באַנק —
וואָס טראַכט זי וועגן מיר? אַ מענטש אַ הויכער, אַ זעקספּוסיקער,
באַקליידט ווי אין אַ שוי־פענצטער. פּענסנע, פּאַנאַמע־הוט,
אַ זילבערנע גאָלקע אויפן שטעקן — אַן אַריסטאָקראַט אַן אויסלענדער
פון אַ האָטעל דאָ אַרום פּאַרק. אַזוי טראַכט איר, מיס?
און טאָמער איז דער דזשענטלמען נישט מער ווי אַ משרת?
ערגער נאָך — אַ משרת אַן אַרויסגעוואָרפענער!
ערשט מיט אַ שעה צוריק. אַריינגעקומען ס׳מיידל, צוגעטראָגן
אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט און זיך אַרויסגעגליטשט.
און ס׳האָט געהייסן: דאָ האָסטו דייגע לעצטע שכירות
און טריקן אויס!
און ס׳איז געווען אַן איידלקייט. אַז כ׳בין געגאַנגען
אין דער פרי, איז מיר געווען טשיקאַווע — ווי וועט ער עס מאַכן?
אָבער מיסטער ליוויי קען זיך נישט פאַרגינען קיין סקאַנדאַל.
צעזעצט געוואָרן און געבליבן איידל.

3

אַז איר וועט אויפהויבן די אויגן צום צענטן שטאָק
פון הויז אַנטקעגנאיבער אייך, וועט איר באַמערקן
גאַרדינען אויף די פענצטער. זייער קאָליר איז פּאָמעראַנץ.
פון זייער אָפּשלאָג פאַלט אין די צימערן אַ גאַנצן טאָג
אַ ליכט פון זון־פאַרגאַנג.

איז אייך נישט קענטלעך דער קאָליר? געדענקט איר
די פאַרביקע רעקלאַמעס פון די באַרימטע
לאַטאַס־וועש? האָט איר געלייענט די דיכטונגען
אין די רעקלאַמעס? דער דיכטער — דאָס בין איך.

און אויך בין איך פּראָפעסער פון געהויבענע רעדעס
וועגן מענטשנליבע און פליכט צום אָרעמען — רעדעס דורכגעזיפּט
מיט ווערטלעך פון שעקספּיר און פּסוקים פון דער ביבל.
נאָר געהאַלטן די רעדעס האָב נישט איך: אַן אַנדערער.
נישטאָ וואָס צו מקנא זיין שעקספּירן

דעם קלאַנג פון לשון זיינעם אין יענעמס מויל.
נאָר אויב ער האָט אַליין פאַרגונען שיילאָקן דאָס לשון, —
פאַרוואָס נישט מיין באַלעבאָס אייב ליוויי?

איר קענט נישט לייקענען זיין קרובהשאַפט מיטן סוחר פון ווענעדיג!
אין אונדזער לאַנד זענען די נאָבל-געבוירענע אַנטאָניאָס
נישט די מערהייט. ס'איז וואויל באַקאַנט,
אַז יעדער פּרינץ ביי אונדז האָט אָנגעהויבן פון פאַרקויפן צייטונגען.
מיינער, דער פּרינץ פון הענרי סטריט, האָט די התחלה געמאַכט
אַ ביסל אַנדערש: פון זאַקן-בענדלעך. אַ ירושה, מסתמא,
פון טאַטן זיינעם, וואָס האָט געפּעדלט מיט דער סחורה.
אָדער ס'האָט אים שוין פון קינדוויז אָן געצויגן צו דעם,
וואָס איז ביים סאַמע לייב. דערנאָך אין נאַכט-קלובן
צו קאָרטן-שפּילער פאַרקויפט ציגאַרן און אונטערוועש,
דערנאָך אין שותפות מיט אַ מומעלע געעפנט אַ געשעפט אַזאַ,
מיט אַ קליענטעל פון טענצערינס, כאָריסטקעס און פּראָפעסיאָנעלע,
פאַר ווענען רייכע פעטערס צאָלן די חשבונות, און געענדיקט
מיט אַ ריזיקער פאַבריק און געשעפטן אויף בראָדוויי,
אין שיקאַגאָ און לאָס אַנגעלעס.
דאָס איז די געשיכטע פון די לאָטאָס-וועש. איר פרעגט—ווי בינדט זיך
די לאָטאָס-בלום מיטן אויפגעשניטענעם פּאָמעראַנץ? עס בינדט זיך
אין אייבס מוח. איז ווי קענען גאַרדינען
אויף די פענצטער פון זיין קעפּס-ווייב אַנדערע זיין?

4

איך האָב געזאָגט אַ האַלבן ליגן: די מייסטערהאַפטע רעדעס
האָב איך נישט אַליין פאַרפאַסט, איך האָב געהאַט אַ שותפטע.

האָט איר געזען אַ זון-פאַרגאַנג? אַריבער וואַסער, הינטער בערג,
זעצט זיך די זון, אַ קופּער-רויטע, גליענדיקע. זי וואַרעמט מער נישט,
לייכט נישט מער, נאָר שטייט און קוקט, און דאָ קומט אַ דינער וואָלקן
און שפּרייט זיך איבער איר. איר בליק ווערט נעפּלדיק,
אָבער הינטערן וואָלקן גליט, עס גליט דאָס דינע געוועב פון וואָלקן,
ס'איז פול מיט גלי די וועלט — אַ געפּלעפטע, אַ פאַרשיכורטע.
איצט מאָלט אייך אויס, אַז די וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט,
און טויזנט יאָר שטייט אַזוי די זון הינטער וואָלקן און קוקט
און ווערט אַלץ טרויעריקער, גליענדיקער אין איר טרויער,
שווייגנדיקער אין איר צער, דעם פלאַמיקן — — —

צום טייוול — וואו בין איך פאַרפאָרן! איר קאָנט נאָך מיינען,
אַז איך בין אויך פון די דאָזיקע . . . ס'הייבט זיך נישט אָן!

איך האָב ליב די זון אין מיטן טאָג און די שטערן באַנאַכט
און לאָמטערן אויף די גאַסן און לאָמפּן אין די הייזער
און אַבאַזשורן אויף די לאָמפּן . . . איך בין אַ מענטש אַ היגער:
דאָס האָב איך זיך פאַרפלאָנטערט
אין אויגן־גלי פון מיין שותּפטע — — און פון נאָך איינעם,
אַ מענטש אַזאַ . . .

5

קומט אַ מענטש צו פאָרן פון אַ לאַנד איבערן ים,
קומען אַנדערע מיט אים, קלייבן זיך אַריין
אין צימערלעך, אין הייזער ווי מוראַשניקעס, באַדאַרפן
בעטן, טישן, בענקלעך, קריגט ער עס פאַר זיי אויף אויסצוצאָלן.
קלעטערט אויס אַ טויזנט שטיגן יעדן טאָג איינצומאָנען וואָכערס —
איז עס אַ פּרנסה אַ ביטערע, דאַרף מען זיך פון איר באַפרייען.
וואָס זשע טוט דער וואָכערניק? קוים ער ציט דעם אָטעם
און רעדט: — מענטשן אין אַ נייעם לאַנד דאַרפן אויסקוקן
מיט לייטן גלייך! — מאַכט ער פון דער ביטערער פּרנסה
אַ מיסיע, קלעטערט ער אויף שטיגן טויזנטער
און שטאַרבט דערנאָך צו פופציק יאָר פון האַרץ־פעלער.

קומט דער מענטש אַהיים אין שפּעטן אָוונט,
טוט אים אויס דאָס ווייב די שיך, און ער זיצט
אין דער נאַכט אַריין איבער אַ ספר מיט אַן אונטערזינגען.
פילט עס אָן די קליינע צימערלעך, דרינגט עס אין די אויערן
פון די שלאָפנדיקע קינדער. קומט אַמאָל
אַ לאַנדסמאַן פון דער היים, זיצט ער ווי אַ תּלמיד
פאַרן רבין, און אַז ער גייט אַוועק, שאָקלט צו די מאַמע
מיטן קאָפּ און זיפצט אונטער, און דער טאַטע רעדט,
אומעטיק און שטראָפנדיק: — מיר זיינען דאָ אַלע פרעמדע . . .
אָבער מיר זיינען נישט פרעמד. מיר, די קינדער, האָבן גאַס
און זון און פריינט. איז צו וואָס דער ניגון אויך אויף אונדז?
אין אַ קעלער אַ מלמד מיט אַ טייטל — רייסט עס פּיוולען
צו גאַס, צום באַלעם און שטעקן . . . נאָר ס'געשעט אַמאָל,
אַז פון דער טונקלקייט אין קעלער יאָגט אַן אויך אויף אים
מיט נאַכט און מיטן טאַטנס ניגון — נעמט ער אונטערזינגען
ווי דער טאַטע, ווי דער רבי — און דערקענט זיך נישט אַליין.

פּיוול וועט זיין אַן אַדוואָקאַט, אַ באַשיצער פון די אָרעמע,
פאַרפאָלגטע . . . ווער איז דאָ פאַרפאָלגט?
פאַר די ברוינע אויגן מיטן גלי מיט יענעם (דער טאַטע

איז געוועזן דער ערשטער מיטן גלי) שטייען זיי אַלעמאָל
אין טויזנטער, אין מיליאָנען. נאָר דער טאַטע שטאַרבט אין צייט.
און פייוול שפּרינגט אַרויס פון קאַלעדזש, ווערט אַ רעפּאָרטער,
ווערט פיליפּ בענסאָן, און ס׳הייבט זיך אָן זיין וועלט.

6.

זון אין הימל קען באַלויכטן נאָר די אויבערפלאַך פון זאַכן,
אָבער זון, אַז זי צעשפּילט זיך אין די בלוטן, קען באַהעלן אַלץ:
קעלערס חושכדיקע, דאַך־שטיבלעך, קאַמערן פון תפיסות,
שענקען פון גנבים, בייסיק־פּאַרפומירטע טאַנץ־זאַלן—אַלץ איז שפּיל.
אַקטיאָרן, ריכטער, סענאַטאָרן, גענגסטערס, מיליאָנערן —
וואָס איז בענסאָנען פאַר אַ חילוק, ווער עס גיט אים שטאָף?
אַלעמען אַ גלייכע האַנט, און ווען ס׳לאָזט זיך —
אַ קלאַפּ איבערן פּלייצע, און פון וועמען ס׳לוינט זיך —
שטעל אליין די פּלייצע אונטער, און וואו ס׳פאַלט אַריין
אַ ציגאַר, אַ פינפערל, אַ צענערל — וויש אָפּ די האַנט און לעב!

וואָס פעלט בענסאָנען אַז אַלע עווענטוס און גאַסן
זיינען פריי פאַר אים און אַלע טירן אָפן. די גרינגע ליבעס
קומען אָן אָנטקעגן אומגעריכט, מתנהדיק, און בענסאָן קען זיין פּרייז
און וועט זיך מיט אַ ליאַדע וועמען נישט אָפּגעבן.

שוין לאַנג פאַרלאָזט דער מאַמעס צימערלעך אויף הענרי סטריט.
ער גיט צושטייער אויף דירה־געלט, אויף שבת.
און וואָס די עלטערע ברידער און אַ שוועסטער וואָרטשען —
איז מעגן זיי. די וועלט איז אַלעמענס, און וואָס מען וויל —
צי אויס אַ האַנט און נעם און קיינער דאַרף נישט ווערן
אַ האָרב אויף יענעמס פּלייצעס . . .

7.

שניידערס סטרייקן. שלאָגט די פּאָליציי מיט דרענגלעך,
שלעפּט מען זיי צעבלוטיקטע אין די באַצירקן — וואו אַ סומאַטאָכע
איז בענסאָנס יום־טוב. שטייט אויף דער עסטראַדע פון סטרייק־האָל
אַ מיידל און רעדט. וואָס זי רעדט איז ניט קיין חילוק.
נאָר די ברוינע אויגן און דאָס קול שלאָגן אָפּ מיט אַזאַ גלי —
וואָס שלינגט זיך ווי שלוקן ברענדי. ס׳איז דער גלי
פון טאַטנס אויגן, פון די נעכט איבערן ספר.
נאָר דאָ — אַ פּנים, אַ געשטאַלט, וואָס גיסט דיך אָן מיט פלאַטער.
לאָזט זיך בענסאָן ווי אַ געניטער יעגער,
אָבער פון די אויגן שפּריצט אים אָפּ ווי פון אַ הייסן וואַסערפאַל.
נישט אים! ס׳פלייצט אַ וואַסערפאַל פון באַרג

און בענסאָן האָט זיך צוגערוקט — האָט עס אים אָפּגעשפּריצט.
בריט עס . . . שטעלט ער זיך, פאַרצאַמט דעם וועג איר.
ווערט דער בליק פאַרחושט און גייט דורך אים ווי דורך אַ שויב.
איז דאָס אַ גאַנג אַזאַ פון אַ שנעק אַ צוואַנציק־יאָריקן?
און אַז מען האָט אַ זאַפטיק מויל מיט הייסע רייד,
און אַז מען טראָגט די יחוסדיקע לופט פון אימיגראַנטן־שיף —
איז מען קיין מיידל נישט? קען מען בענסאָנ׳ען באַהאַנדלען
ווי אַן אָנשיק פון זיין ליבן נאָמען?

בענסאָן קען געדולדיק נאָכגיין, ווערן לופט, זיך אונטערגעבן,
זיך איינקויפן אין טריישאָפּט. ער קען זיך אָננעמען מיט גלויבן,
זיך אַמפּערן מיטן רעדאַקטאָר פאַר אַ שורה, פאַרקויפן טובהס
דעם הויפט פון פּאָליציי פאַר קוקן דורך די פינגער. ער קען
אַוועקגיין צו דער מאַמען, קראַנק ווערן — האַלב אויף אַן אמת, —
נעמען ריידן ס׳לשון אירס, באַווייזן: איך בין אויך אַן אייגענער,
אינגאַנצן אייגן! . . . זאָל אויך די מאַמע אָנקוועלן פון דעם,
וואָס פּיליפּ האָט זיך אָפּגעקליבן, און זאָלן אויך די ברידער
גוט ווערן מיט אים, וואָס ער האָט אין הויז אַריינגעבראַכט
אַן אייגענע און זייערע: מאַטל.

און פּיליפּ בענסאָן, אַ יונג פון זיבן און צוואַנציק יאָר,
וואָס האָט זיך אומגעטראָגן צווישן וועלט און פּרויען
ווי אַ וואָלקן אין אַ זומערדיקן טאָג, ווערט אַ גוטער זון
און גייט אונטער דער חופּה מיט אַ כלה,
וואָס שמעקט נאָך מיט דער אימיגראַנטן־שיף.

8.

די ביזנעס פון פיל בענסאָנען איז צווישן די געווינער
און נישט מיט די פאַרלירער. און דאָס ווייב
האָט אָפּגעדינט איר דינסט אין שאָפּ און ס׳איז גענוג.
איצט מעג זי פריי זיין, זיין אַ ווייב, אַ העלפערין,
און אויב דער קלוגער מוח רודערט, זאָל ער זיך אַ שאַרף טאָן
ווי זיך פאַרמעסטן מיט דער וועלט, פאַרפונדעווען אין איר.
אָבער די רעדנערין פון סטרייק־האָל גייט אַרום אַן אָפּגעבאַרטע.
נישט זי איז בייגעקומען דעם פרעמדן יעגער,
נאָר געלאָזט זיך פאַנגען, און איצטער זיצט זי אין אַ שטייג
און הערט דעם געמיינעם קדיש, וואָס מען זאָגט איר נאָך
צווישן אירע פריערדיקע ברידער . . . קען מען דאָך עפענען די טיר
און גיין צוריק, מען קען נישט . . .
נישט מאַטילד! זי איז פון די, וואָס יעדע אָנטפּלעקונג
אין וועלט, און מערער נאָך — אין זיך, ווערט הייליקייט ביי זיי.
זי צאַפּלט פון דער נאָענטקייט

צום פֿאַנגער אירן, אָבער אויגן לאָזן זיך אַראָפּ פֿון בושה,
און בענסאָנען דוכט זיך אָפּט: ער האָט פֿון שול,
וואו דער טאַטע האָט געדאַוונט, אַרויסגעגאַרט אַ ספר־תורה,
צעריסן אויף יריעות און אויף דער לינקער זייט פֿון פּאַרמעט
געגומען שרייבן אַ זינדיקן ראָמאַן.

פֿאַרפֿאַלן! אַז קיין קינדער האָבן וויל מען נישט. דאָס שטראָפֿט מען
דעם פֿאַרפֿירער אָדער זיך אַליין פֿאַר פֿאַרראַטן קלאַס און גלויבן
צוליב אַ מאַנספֿאַרשוין . . . און דאָס קאַכיקע בלוט מאָנט אַרבעט,
טועכצן . . . זאָל זיין אַ שטעלע אין אַן אַנשטאַלט
אַ וואוילטעטיקן, זאָל זי ווידער דרייען אַ רעדל ווי אין שאַפּ,
זאָל זי די אָוונטן אין שטוב פֿאַרפֿילן מיט לייט באַברילטע,
באַריידעוודיקע, און זיך דראַפּן צו די הימלען
אויף שטויסן ביכער. און אַז בענסאָנען ווערט קאַלאַמוטנע
אין די אויערן פֿון די רייד — זיינען דאָ גאַסן און עוועניוס
און רעסטאָראַנען און לאָמפּן בלענדיקע.

9.

די פֿרוי, וואָס דו האָסט ליב,
איז אין איר איינציקייט אַ הונדערט האַרעמס. און אַלע אַנדערע,
וואָס קומען און פֿאַרגייען מיטן איבערברען פֿון לייב —
זיי ווערן אין אַנגעזיכט פֿון דער איינציקער ווי ברואים
פֿון אַ פֿאַרמבולדיקער ראַסע, וואָס שמעקט מיט היילן פֿינצטערע,
און גייסט אַרום און טראָגסט אויף זיך דעם ריח.

מאַטילד האָט נישט געדאַרפֿט דעם ריח. זי האָט געלייענט
פֿון מיינע אויגן — און ס'פֿלעגן קומען וואָכן אָפּגעפֿרעמדטע,
פֿאַרביסענע. פֿון עלנטע לייבער אין פֿינצטער האָט די לופֿט געברייט
מיט גלוסטעניש, מיט ווייַ און צאָרן, ביז ס'פֿלעגט דער צאָרן
און גאווה איבערברענען און זי פֿלעגט גיין
צום מאַן ווי צו אַ פֿרעמדן. און נאָכדעם זיך פֿאַרביסענער דערווייטערן
אָדער ערגער נאָך: אַרויספּאַלן מיט ברען —
עקשנותדיק, פֿאַרשיכורט — ווי וועלנדיק אויסברענען פֿון מיר
דעם לעצטן טראָפּן זינד און אויסקויפֿן מיט זיך אַליין
אַלץ, וואָס שיידט אונדז אָפּ. און איך פֿלעג אומגיין
ווי אַ קופּערנער גולם־גאָט, אין וועמען מ'האָט אָנגעצונדן
אַ פֿייער, און אין די קופּערנע אָרעמס ליגט אַ לעבעדיקער קרבן
און ברענט.

10.

עס מוז דאָך איינמאָל נמאס ווערן: די מאַטערניש, די ברענעניש,
די גאַנצע שפּיל. ביסט גרייט זיך אונטערגעבן

און לאָזן טאָן מיט זיך וואָס זי וויל. און אינמיטן כאַפּט דיך
אַ חבר פון חדר־באַנק אויף העגרי־סטריט,
דער קורצער אייבי — היינט אייברעהעם ליוויי,
און טענהט:
— שוין צייט זיך איינסטאַלירן. און ביי מיר די ביזנעס — וואַקסט.
איך דאַרף אַ מענטשן מיט אַ פּעפּערל אין פּעץ. היינט — די צדקה.
אַ דאָלאַר, וואָס גייט אַרויס, דאַרף זיך אומקערן מיט ריווח.
דער צדקה־דאָלאַר אויך... און געלט איז קיין מניעה נישט.

טראַכסטו: דאָס ווייזט מען דיר דעם גלייכן וועג.
מאַטילד איז סקעפּטיש:
ווי וועט דער פרייער פויגל זיך אַוועקזעצן אין אָפיס?
איך אַמפּער זיך: — געהאַט גענוג די פרייהייט!...

עס קומען אָוונטן. זי, אין פּאַטעל פּאַרזונקען, רויכערט.
איך — לעבן איר. פון האַלבע שפּאַסן, ווערטלעך, איינפאַלן
וואַקסן אויס רעקלאַמעס פאַרפומירטע פאַר ליוויס לאַטאַס־וועש,
עס וואַקסן נאָבעלע רעדעס פאַר די באַנקעטן, וואו ער טיילט
נדבות. די רעדעס פון זיין מויל קומען אַרויס צעקוילעטע,
אָבער אין דרוק דערנאָך זיינען זיי גלאַט,
און ליוויס נאָמען טראָגט זיך איבער צייטונג־שפּאַלטן.
עס גייט אים גוט: אי מיט די געשעפטן אי מיטן כבוד,
עס וואַקסט די שכירות פון זיין רעקלאַמע־שרייבער, און כ׳זע איין,
אַז אויך די ביכערדיקע חכמות פון די באַברילטע לייט,
וואָס קומען צו מאַטילדען, קענען ווערן סחורה אין גוטע הענט.
איך מיש זיך צווישן זיי, מאַטילדעס אויגן קוועלן, און ס׳דאַכט זיך:
אָט באַלד, און בענסאָן, דער מאַנספּאַרשוין, דער גולם־גאָט,
וועט זיך דערדינען און ווערן: מאַן!

.11

ער האָט זיך נישט דערדינט.
אויב אָפּגעזאָגט זיך פון אַ פרייער וועלט פון אַוואַנטורע
און זיך פאַרקויפט — פאַרוואָס זשע אַזוי ביליק?
דער פּיפּיקער אייב האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט
פון לאַטאַס־וועש. איז בענסאָן נאַרישער פון קורצן אייב?
ער קען פון אים אַליין זיך מאַכן אַ געשעפט. ביז מאַטילדע כאַפּט זיך,
אַז דאָס באַנק־ביכל ביים מאַן וואַקסט ווי אויף הייוון.
— וואָס מיינט עס, פיליפּ? — ליוויי האָט קיין צייט נישט
זיך אָפּצוגעבן מיט דער צדקה, טייל איך עס פון זיינטוועגן,
און אַנשטאַלטן, וואָס קריגן עס דורך מיר, טיילן מיר צו
אַ ביסל אַרבעט. — נעמסט פּראָצענטן, הייסט עס, פון דער צדקה?

— סוחריש קען עס אַזוי הייסן. — ס'איז גנבה!
— לאָז אָפּ, מאַטילד! ס'איז נישט קיין סטרייק־מיטינג,
און די שאָפּ־מאָראַל גייט דאָ נישט אָן.
דעמאָלט, ווען זי זאָל קענען, וואָלט זי זיך איינגעפּאַקט
און אַוועק. אָבער זי איז נאָך נישט גרייט געווען.
געבליבן. אַ רעזיגנירטע. אַ פאַרשלאָסענע.
אַ מלוכה אין אַ מלוכה.

.12

אויב נישט ביי זיך אין שטוב, מוז ערגעץ אַנדערש וואו
אַ מענטש האָבן אַ שטול אַ ווייכן, וואו ער זאָל קענען
אָן אָוונט אָפּזיצן. זיינען דאָ אַזעלכע שטולן
אין קלובן. און דער קלוב פון די אַמאַליקע העברי־סטריטערס
איז „מעטראָפּאָליס."
נישט אַלע סוחרים און קאַכלעפל איז אָנגעשטאַנען די חברשאַפט
מיטן רעפּאָרטער און פּרעס־אַגענט. אָבער בענסאָן וויס
וואו ס'עפּנט זיך אַ טיר. און ס'איז געווען כדאַי
צו זען דאָס פּנים פון איִב ליוויי, ווען ער האָט געדאַרפט באַגריסן
דעם מענטש זיינעם אין קלוב: — ענדלעך, פיליפּ, זעען מיר
דיך אויך צווישן מענטשן!... ער האָט אויף מאָרגן נישט געוואוסט
ווי אָנשטעלן דעם טאָן: גוטער ברודער אָדער באַלעבאָס?
געשובט זיך אַ וואָך און צוויי מיטן פאַרריסענעם וויב,
און מיט אַמאָל: פיליפּ און מאַטילדע בענסאָן
ווערן געלאַדן צו די ליוויס אויף אַ מאָלצייט. און צוגעגרייט
די אַנדערע געסט מסתמא: אין אַזאַ צייט
מוז מען זיך האַלטן ליבעראַל אַפילו מיט אַ מענטש,
וואָס דינט ביי דיר.

בענסאָנען איז אָנגעקומען מיט דער גרינער גאַל צו פּועלן
ביים וויב, אַז פאַר דער וועלט פאַראַדירט זי ווי אַ וויב. אָבער דאָס
האָבן די ליוויס נישט געוואוסט. אויפן שוועל פון זייער הויז
איז אומגעריכט דערשינען אַ געשטאַלט פון אַ מייסטערישן פּינזל,
און די באַגילטע קאַנדעליאַברעס, און די פינקלדיקע שטיינער
אויף מיסיס ליוויי —
דאָס ליכט פון אַלעם דעם איז אויסגערונען און זיך אויפגעזאַמלט
אויף דער, וואָס איז אַריין. וואָס מער די באַלעבאָסטע
האָט געזוכט אַריבערשיינען, אַלץ טונקעלער איז זי געוואָרן
אונטער די געצאַמטע אָנגעגליטע רייד און נישט־געצאַמטן גלי
פון די ברוינע אויגן.

ווי זי האָט זיי פיינט געהאַט — די באַלעבאַטים מיינע,
און מיך מיט זיי! ווי דאָס שווער־באַגילטע הויז

האָט אויפגעוועקט אין איר די אַלטע שנאה און ס׳האָט געשפּריצט
אַריבער אַלע צאַמען פון פאַרגליווערטער מאַנירלעכקייט.

ווען זי זאָל יענעם אָוונט שטעלן מיר אַ פּרייז פאַר שלום,
וואָלט איך יעדן פּרייז געצאָלט. אָבער זי האָט נישט געשטעלט.
געמיינט מיך אָנצולערנען בלויז — איך זאָל זי מער נישט שלעפּן
אין מיינע ביזנעס . . . נאָר ס׳איז נישט באַשערט געווען.

.13

מיסיס ליוויי האָט געזוכט נקמה. האָט זי געלאָזט זיך קאָסטן,
געוואָרן אַ דירעקטאָרין איבער מיסיס בענסאָן און זיך גענומען
מיט איר שאַפן. אין קלוב האָט מען דערציילט
וועגן אָוונט ביי די ליוויס און געמאָנט ביי מיר דאָס ווייב.
זיי אַ בריה און ברענג זי ! זי איז אומגעגאַנגען פינצטער,
מיט עקל צו איר אַרבעט, אָבער מיט עקשנות אָנצוהאַלטן
די שטעלע — אַ פאַדעם צו באַפרייאונג. האָב איך אַליין
איר אויפגעוויזן, אַז דער קלוב קאָן ווערן
דאָס שלאַכטפעלד, וואו זי זאָל אויספעכטן די זאַך,
און זי איז געגאַנגען.

זי האָט די טריט געוואויגן ווי אויף פרעמדער,
זינקענדיקער ערד. נאָר אָט קומט אָן איר קעגנערין. אַ זיכערקייט,
אָן אָנגעצויגענע, שטראַלט אויף, און ווי אַמאָל אויף דער עסטראַדע
פון סטרייק־האַל בלייבט זי שטיין אין מיטן זאַל, און פון די שמייכלען,
בליקן, ווערטער, ענטפערס דוכט זיך, ווי אַ הייסע זאַווערוכע
דרייט זיך אַרום איר, און זי — די אַקס דערפון און דרייט עס . . .
די בריענדיקע גאווה פון דער אַנדערער
איז פאַרווישט געוואָרן אומבאַמערקט — זי איז פאַרשוואונדן,
און אויף שטענדיק.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן.
ווי ס׳אָנגעזאַמלטע דורך יאָרן האָט זיך דורכגעריסן
און ס׳גייט. מאַטילד איז געוואָרן אַן אייגענע אין קלוב.
אַן אייגענע ? אין אַלע רייד וועגן ביכער, מענטשן, זאַכן — אין אַלץ
האָט זי געהאַט אַ וואָרט, נאָר זעלטן ווען דאָס וואָרט פון זיי.
אַמאָל אַ שמייכל, אַ טראָפּן גאַל, אַן אויפשיין פון באַגייסטערונג,
און אַלעמאָל דער גלי, וואָס האָט געצויגן און אָפּגעצאַמט.
וואָס האָט דעם עולם פון „מעטראָפּאָליס״ געפּלעפט אין איר ?
פאַרוואָס אין ווייבערשער קנאה־שנאה און מענערשער אָנגעצויגנקייט
זיך געקלעפּט צו איר ? ביסלעכווייז האָב איך דערזען, אַז אויך
היגטער דער זאַטקייט פון די האַרט־געקנאָטענע פּיקט ערגעץ
אַ הונגער, אַ ירושה פון טאַטעס, וואָס זינגען אונטער אין די נעכט,

און אַט איז זי געקומען און געבראַכט צו זיי דעם אויגן־גלי
פון יענעם הונגער און זיי קענען עס נישט בײַשטיין. ווי אַ שוואַן
אַ שוואַרצער שווימט זי אין אַ סטאַיע גראָע גענדז און גאַנערס —
און יענע שווימען נאָך.

און בענסאָן שפּרײַזט אַרום
ווי אַ ציגײַנער, וואָס האָט אַרויסגעפירט אַ בער אין מאַרק
און לאָזט דעם עולם אָנקוועלן פון זײַנע קונצן. קוועלט!
דער בער איז מײַנער! ווען זאָל דען
איינפאַלן, אַז דער בער און דער ציגײַנער — — —
ווען גייט עס אָן?

.14

און ליווין איז אויך נישט גוט געווען. אין הויז
האָט דאָס ווײַב געגעסן, נאָר אָוועקשיקן דעם מענטש און פּטור ווערן—
נישט געקענט. צי נישט געוואָלט דעם ווײַב צוליב טאָן,
אָדער נישט פאַרגונען יענעם, וואָס וועט בענסאָנען אויסכאַפּן
און אים, ליווין, אויסשטעלן אויף חוזק. איז מען אומגעגאַנגען —
באַלעבאָס און מענטש — ווי אויף הייסע קוילן.

ביז ער האָט צוגעטראַכט אַזאַ נקמה: אַרײַנגערופן
דעם מענטש צו זיך ווי אין די גוטע יאָרן, צוגעטראָגן אַ ציגאַר
און געזאָגט: — איך וויל פון דיר אַ טובה, פיל! ס'איז דאָ
אַן אַקטריסעלע אין וואָדעוויל — אַן אַקטריסע נישט איי־איי,
נאָר אַזוי אַ ברען אַ מיידל. דאַרף מען עפּעס טאָן פאַר איר.

בענסאָן האָט דעם קלאַפּ אָראָפּגעשלונגען, געגעסן וועטשערע
מיטן באַלעבאָס און זײַן קעפּס־ווײַב
און זיך געשוואַרצט דאָס פּנים פאַר אַלטע גוטע ברידער
אין צײַטונגען וועגן דער וואָדעוויל־אַקטריסע.
אָבער די נקמה האָט זיך נישט געזען אויף אים. האָט דער באַלעבאָס
אַ נײַעם פאַרטל צוגעטראַכט: אַרײַנגערופן און גענומען אויסדערציילן
די מעלות פון זײַן קעפּס־ווײַב מיטן לשון פון שיכורן מאַטראָס.
ווי איינער זאָגט: איך טו זיך אויס פאַר דיר ווי אין באָד
און דו ביסט בלויז מײַן בעדער!

האָט בענסאָן גליווערדיק אָפּגעציילט די ווערטער: — די סחורה,
וואָס דו פאַרכלינעסט זיך מיט איר, איז פול אין אַלע
בורלעסק־הײַזער און מען קריגט עס ביליק. דיר קאָסט עס צופיל...
איז ליווי געבליבן ווי דאָס ווײַב פון לוטן, וואָס האָט זיך אומגעקוקט
אויף סדום, און די רייד האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

.15

עס זיינען אַוועק חדשים ביז ער איז ווידער צוגעקומען
און געפרעגט: — קענסט אפשר אָפּשפּאָרן פאַר מיר אַן אָוונט?

לויט דעם ווי ער האָט אַפּלאָדירט אין גאַנג פון דער אָפּערעטע,
האָט עס געדאַרפט זיין די פּרימאַדאָנע — און ס'איז געווען.
ביים טיש דערנאָך איז ער געלאָפן מיט די בליקן פון מיר צו איר,
און נישט דערשפּירט — די גראָבע פעל — אַז מיט דעם, וואָס ער,
אונדזער ביידנס ברויטגעבער, האָט זיך אַריינגעזעצט אין מיטן,
האָט ער אונדז ביידן אָפּגעדעקט און צונויפגעבונדן.
איך האָב געזען: אַ ווייט פאַרפאָרענע אין פּערטן צענדליק,
האָט מערי שוין אויסגעברענט דאָס ביסל שטימע פון אַמאָל
און האַלט זיך אויף דער געשיקטער שוישפּילערישער ווייבלעכקייט
און אויף די ליפּוויס. ווען נישט זיי, וואָלט אויפן שילד
פון עלעקטרישע לעמפּלעך איבערן טעאַטער שוין געלויכטן
דער נאָמען פון אַ ייִנגערער. סיי ווי וועט עס געשען
היינט־מאָרגן. בלייבן וועט אַ פרוי אַ מיטל־יעריקע, וואָס קען
מיט קונסט און קלוגשאַפט אויסמייסטערן פון זיך אַ רייץ,
וואָס איז מער ווי יוגנט, און זי וועט עס מייסטערן
ווי לאַנג ס'געוועב פון לייב וועט לאָזן. אין מיינע אויגן
האָט מערי זיך דערזען, און ס'וואָלט געקענט אין אַ מאָמענט
אַ בלוטיקע שנאה ווערן. אָבער בענסאָן קען די פרוי. ער ווייס
ווי אויסמישן אַ רעצעפּט פון נאַקעטן אמת און אַנטציקונג,
און פון מיינע בליקן האָט עס מערי איינגענומען, און איבערן טיש
מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

און זאָל זיך ענדיקן די מעשה ליוויי! אין דער אמתן איז אַ רחמנות
אויפן לץ! און איך האָב קיין נקמה נישט געזוכט.
צו וואָס נקמה? וואָלט ער נישט אַלע מיליאָנען אָפּגעגעבן
פאַר צוויי צאָל וואוקס, פאַר אַן אַנדער נאָז און קול? און וועט ער,
אפילו ביי דער לעצטער לאָפּעטע ערד, פאַרגעסן די פינף מינוט?
עס האָבן שוין אַ סך סולטאַנען געכאַפּט די דינער זייערע
ביי געליבטע קעפּס־ווייבער. אָבער קיינמאָל איז אַ סולטאַן,
אַזוי צעשראָקן און צעקוועטשט, נישט אַרויסגעיאָגט געוואָרן
פון זיין קעפּס־ווייב ווי דער אָרעמער סולטאַן אייב ליוויי.
ווייל ווער איז דער סולטאַן? אַן איסט־סיידער ייִדליק,
וועמען מען דאַרף דעם זשעדנעם גאָרגל אָנשטאָפּן מיט אַ ביסל ליבע
צו קענען אויפהאַלטן אַ נאָמען און אַ הויז. און דאָס קעפּס־ווייב
איז פון דער העכערער ראַסע. זי איז פרוי. זי איז קינסטלערין!
ווי וואָגט דער שלעפּער, וואָס מען וואַרפט אים צו די ברעקלעך,
קומען ליאַרעמען דאָ ווי אויפן פישמאַרק? און קיינמאָל אויף דער בינע

איז מערי נישט דערגאַנגען צו אַזאַ שוישפּיל
ווי אין דעם מאָמענט, ווען, אַ האַלב־נאַקעטע, האָט זי געטריבן
איר באַלעבאָס און שפּייזער.

זי האָט דאָך דעם משרת אויך אַרויסגעטריבן! אַוודאי אַזוי.
כמעט אין זעלבן אָטעם: — אויך דו פּאַרנעם זיך און פאַרשווינד!
אָבער פּיליפּ בענסאָן און מערי האַלל — דאָס איז אַ קאַפּיטל
אַ באַזונדערער.

.16

ליכט פון זון־פאַרגאַנג הינטער זייד פון פּאָמעראַנץ־קאָליר.
דינער ריח פון ליקער. דינע קרייזן רויך פון פּאַפּיראָסן.
פאַרטויבטער רויש פון וועלט, וואָס יאָגט זיך אונטן.
מיר ביי דער וועלט נאַרן אויס די שעה פון רו. מערי מיט איר לייב,
איך — מיט מיין פרייהייט, וואָס מיר פאַרקויפןביידע.
מיר ליגנערן עס אויס ביי יענע דאָרטן, אונטן, אָבער דאָ
זיינען מיר ערלעך. מיינע אויגן הינטער ברילן ווילן נאָכגעבן
די מידקייט פון פינפטן צענדליק. מעריס קליינע ברוסט,
וואָס מיידלט זיך פאַרביסן פאַר דער וועלט, איז אָפן מודה,
אַז זי איז מיד פון ליוויס צערטלעכקייט און ס'ציט זי
נאָכצולאָזן. גאָר דער האַנדל מיט דער וועלט צערינט,
פאַרשווינדט, אַ פרייהייט — קלאָר און דורכזיכטיק — פאַרפּלייצט,
און וואָס צוויי מענטשן זאָלן נישט טאָן מיט זיך איז פריי
און אַבסאָלוט, ווי וואַסער פון די בערג, ווי ים, ווי ווינט.

צי דאַרף מען נאָכציילן די נאָכמיטאָגס און פאַרנאַכטן?
עס האָט געמעגט זיין איינמאָל בלויז. גענוג בלויז איינמאָל
זיך אויפהייבן איבער די טונקעלע קוליסן פון דער וועלט
און זיך צוהערן צום שלאָגן פון די אייגענע אָדערן —און דערזעסט,
אַז אַ פאַרקויפטער, אַ פאַראַכטער,
ביסטו אין אָפּנקייט פרייער פון אַלע, וואָס קויפן דיך,
און אין דער פרייהייט ביסטו — מענטש!

.17

האָט זי מיך נישט געדאַרפט אַרויסטרייבן?
געדאַרפט! ס'איז ערלעך! אַוועק דער גאָלדענער טייסטער,
באַ וועמען מ'האָט געגנבעט פרייד, האָט זיך אַ וואָלקן זאָרג
אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן, און מערי איז נישט פאַרליבט אַזוי,
אַז זי זאָל איר געליבטן זען דורך אַ וואָלקן.

און בענסאָן איז אויך נישט פון די,
וואָס וועט זיין באַנק־ביכל אַ וואָרף טון צו די פיס פון זיין געליבטער
און צעטרייבן אירע זאָרג. אויב מערי האָט איר ליד, האָט בענסאָן

זיין ביסל זון. און זון אין פּייער־קאַסע איז אַמאָל קוראַנטער
ווי אין הימל.

האָט זי געדאַרפט פאַרטרייבן . . .
אלא־וואָס טו איך אויף דעם באַנק דאָ מיט די פענצטער קעגנאיבער?
איך? נישט איך! דאָס זיינען די פיס געגאַנגען, די צוגעוואוינטע
צו דעם מאַרשרוט, און ס'איז מיר נישט געלעגן אין זינען
זיי אַנדערש צו פאַרקערעווען. שפּעטער וועל איך זיי אַנזאָגן
און זיי וועלן מער נישט גיין אַהער.

.18

וואָס האָט איך געוואָלט פון מיר — פריער דער טאַטע,
און שפּעטער דו, מאַטילד?
אַ לעבן בין איך אומגעגאַנגען לעבן דיר אַ נישט־דערוואַקסענער,
אַן אומווירדיקער. און אָט איז געקומען אַ פרוי,
אין דיינע אויגן אומווירדיקער פון מיר
און מיך געלאָזט אַרונטערקוקן אויף דער וועלט,
און כ'האָב דערזען — זיך.

און איך זאָג דיר: אין די גאָלדענע דורות פון דער צוקונפט,
וואָס דו באַזינגסט, וועט ניט אומגיין קיין פרייערער
און ערלעכערער מענטש ווי יענער הינטער די גאַרדינען אויבן,
ווען מערי, אַ צעלויכטענע, האָט ביי דער פּיאַנאָ אויסגעשפּילט
דעם זון־געיעג פון אַ ציגיינער־שטאַם. און אָט דער מענטש
האָב איך דאָך געקענט זיין מיט דיר. נאָר דו, וואָס יעדן טאָג
ביסטו מיין זון, האָסט בלויז געלויכטן ווי אַ לאַמטערן
פון אַ פינצטערן מאַנאַך, וואָס זוכט די זינד, די אָרעמקייט
און די געפאַלנקייט פון מענטש.

אָט שטעל איךביידן אייך אַוועק אַנטקעגן זון,
ביידן, דיך און מעריך, און איך וואָג און זאָג — — —
ניין, איך וואָג נישט . . . זאָגן קענען עס נאָר זיי,
פון מעריס שטאַם, וואָס זייער לעבן פליסט ווי לויטער וואַסער
פון בערג אַראָפּ. און איך בין פון איין שטאַם מיט דיר
און מיטן טאַטן מיינעם. וויפיל כ'האָב נישט אויסגעברענט פון זיך
דעם טשאַד אייערן, אַלץ וואָג איך נישט פאַרגלייכן
דעם שיכורדיקן גלי פון אייער צער מיט דער לויטערקייט
פון מעריס פרייהייט . . . אין שעהן הינטער די גאַרדינען
בין איך אויך געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אָט דער פרייהייט אירער
און פאַרבונדן האָט אונדז ביידן — אונדזער ביידנס אונטערגאַנג.

.19

איז — וואָס מאַכסטו, וועלט?
זיך אויסגעפּוצט אַנטקעגן מיר מיט גרינס און ליכטיקייט,
מיט קינדער־פּנימער און טויבן. ריכטיק! אַזוי זאָל אויפגענומען ווערן
אַ געפאַנגענער, וואָס האָט זיך אויסגעלייזט. און הימל אויך!
צעהעלט און דורזיכטיק. מיט וואָלקנס ווייסינקע. מיר האָבן אַלעמאָל
זיך אַזוי פאָרשטאַנען, הימל! דאָס האָבן יענע אַנגעטריבן אין דיר
מלאכים און דערלאַנגט זיי שטריקלעך אין די הענט אַריין צו קערעווען
מיט אונדז, ווי מיט מאַריאָנעטן. פאַר מיר
איז אַלעמאָל געווען גענוג די זון אין דיר
און די דורכזיכטיקע בלאָקייט.

געדענקסטו די מלחמות מיינע קינדוויין?
איך — צו דער זון אין דיר, און דער טאַטע מיינער — צום לעמפּל
אין צימערל באַנאַכט איבערן ספר. איך — צום געשריי
פון יונגן גאָרגל, וואָס ווערט פאַרכלינעט פון דיין בלאָקייט,
און דער טאַטע — צום ברומענדיקן ניגון אין פיר־ווענטיקן טונקל.
און אייביק איז מיר נאָכגעגאַנגען ער, דער אַלטער — משיח.
אַ ווייסער, מיט אַ באָרד אַ ווייסער און אויגן שוואַרצע,
גליענדיקע. און פאַרוואָס דאַרף ער אַרויסקומען פון קעלערס פינצטערע
און צו וואָס די קינדער צו אים פירן דורך אַלטער מרה־שחורה
און געקלאָג?

און שפּעטער . . . עס שפּילט די זון אין בלוט, און לייב קוועלט אַן
אַנטקעגן לייב און וויל אויפגיין און געבוירן. מוז ער,
דער אַלטער, שטיין איבער מיין בעט און מיר מיטגעבן
פאַר מיינע קינדער און קינדס־קינדער דעם שטראָפנדיקן,
אייביק־מאַנענדיקן גלי פון זיינע אויגן?
און טאָמער וויל נישט בענסאָן, אַז די דורות נאָך אים
זאָלן, ווי ער, אַ לעבן לאַנג זיך ראַנגלען צווישן העלער זון
און טונקעלן גלי פון משיחדיקע אויגן? אויב ער וויל נישט,
איז גאָר קיין דור נישט! וועט ער אַזוי בלייבן: נישט מאַן
און פלאַנצער, נאָר גולם מאַנספאַרשוין, לייב, וואָס וועט אָפּשטאַרבן
מיט זיך אַליין.

זאָל עס שטאַרבן! בענסאָן איז אַליין
און האָט נישט וואו צו גיין. די וועלט, די רויבערישע,
איז אים העסלעך, און דעם געשריי פון די גערויבטע
וועט ער נישט אונטערכאַפּן. משיחס אויגן־גלי
האָט זיך אין אים נישט איינגעגעסן,

אַז ער זאָל מיטגיין אין זיין סוויטע, און פּטור ווערן פונעם גלי —
דאָס קען ער אויך נישט. איז ער מיט קיינעם נישט. אַליין.
מיט דיר און מיט דער זון אין דיר.

.20

אַ פּיראַמידע טרעפּ.
וואָס העכער — שמעלער און שיטערער, וואָס נידעריקער — ברייטער
און באַפעלקערטער. ביים פונדאַמענט — די מיליאָנען,
אין וועמענס נאָמען מאַטילדע הייבט אַ פויסט. פון שפּיץ אַרונטער—
די געביטער, די יחסנים. און אויף די מיטעלע טרעפּ —
די קלובן „מעטראָפּאָליס".

אַמאָל, ווען בענסאָנען האָט פאַרכאַפּט די נאַרישע מלחמה
מיטן באַלעבאָס, האָט ער געמיינט — דאָס שטייגן זיי.
היינט זעט ער: אַרויפגעדראַפּעטע פון אונטן,
דערגרייכן זיי קוים אַ פּאָר שטאַפּל אויף דער פּיראַמידע, און דאָ
איז זיי באַשערט צו בלייבן. בלייבן און אייביק רייסן זיך
אַרויף צו די וואָס אויבן, ווערן אין דער לעכצעניש בלויז שאָטנס
פון די אויבערשטע, און ווי שאָטנס, וואָס בענקען נאָכן גוף,
נישט קאָנען זיין מיט זייער גלייכן און רייסן זיך איינס פון אַנדערן.
דאָס זיינען זיי. און וואָס עס בינדט זיי אַלעמען — איז בלויז
דער דראַנג זיך אָפּצורייסן פון די אַנדערע.
דאַרף בענסאָן אַ בעסערע פּרנסה? שאָטנס מוזן אומשווימען אין רייד,
צו גלויבן, אַז זיי זיינען לעבעדיק. מוזן מעלדן יעדן טאָג
פון זייער עקזיסטענץ, מוזן הערן די נעמען זייערע
אויף אַלע ראָגן, צו וויסן, אַז זיי זיינען דאָ אויפן רעגיסטער
פון די לעבעדיקע. וועט בענסאָן אָנטאָן אויף די אַקסל
די טאָרבע צייטונגען — טומלדיק פּאַפּיר, וואָס לעבט
פון דרוק־מאַשין ביז מיסט־קאַסטן, און אומגיין צווישן זיי
און רופן: טומל צו פאַרקויפן! רייד צו פאַרקויפן!
און שאָטנס וועלן קויפן.

.21

אויפן ים גייען שיפן, מאַטילד.
זיי גייען צו וויטע לענדער, צו איינזאַמע אינדזלען,
וואו דער טאַטע האָט נישט פאַרקויפט קיין מעבל אויף אויסצאָלן.
וואו דו האָסט אין שאָפּ ניט געאַרבעט, וואו משיח, מיט אַ פלאַטשיקן נעזל
און וואַליקע האָר, לויפט נאָך אום אין אַ גאַרטל פון בלעטער,
מיט יינגלשן געזעסל אין דרויסן, און פּאַשעט ווילדע ציגן.

ווערסט דאָך מיט מיר אַהין נישט פֿאָרן.
נעכטן ביינאַכט, ווען איך האָב דיר געמאָלדן, אַז איך פֿאַרלאָז
די ביזנעס פֿון מיסטער ליווי, האָסטו מיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿרעמדן
און שיר נישט געפֿרעגט: ווער איז דער ליווי? צי דאַרף מען
נאָך אַלץ אַ דירה בשותּפֿות? . . .

סיי ווי איז אַלץ פֿאַר דיר.
איך קען נישט אין מויל טראָגן אייערע רייד.
אָבער די שׂנאה צו יענע טראָג איך ווי דו.
און ווען ס'וועט האַלטן ביים פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿעטליע
אויפֿן שפּיץ פֿון דער פּיראַמידע און אַ שלעפּ טאָן די שטריק —
וועלן נאָך אַלץ מיינע מוסקולן דינען.

איך ווייס נישט,
וואָס דו וועסט אויפֿשטעלן אויפֿן פּלאַץ פֿון דער פּיראַמידע.
איך זע נישט די שאָטנס פֿון מאָרגן. נאָר ביז איר וועט וואַרפֿן
אַנדערע שאָטנס, וועט פֿאַלן אַ טורעם דערווייל און באַפֿרייען
אויף אַ ווייל אַ שטיקעלע זון —
און אַ שטיקעלע זון איז כּדאַי.

.1932

אַ חתונה אין קלוב „מעטראָפּאָלים"

דאָס איז געווען ביי דער חתונה פֿון עוועלין פּינק
מיטן דאָקטאָר אַלבערט ראָס, אַ יונגן כירורג
פֿון מוריה שפּיטאָל, וואו איר פֿאָטער איז געווען אַ דירעקטאָר.
מ'האָט די חופּה געשטעלט אין טעמפּל בית־יעקב
(דער טעמפּל איז דער שטאָלץ פֿון מאָריס פּינק.
פֿון האַלבן מיליאָן, וואָס דער בנין קאָסט, האָט ער אַליין
געזאַמלט אַ העלפֿט, און כאָטש ער וואָגט נאָך אַלץ נישט
צו ווערן פּרעזידענט, איז דער טעמפּל דאָך זיינער)
און נאָכדעם פֿאַרבעטן די געסט אין מעטראָפּאָליס קלוב
וואו מ'האָט טישן געדעקט אויף דריי הונדערט פּאַרשוין.
ס'האָט עוועלין דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט: אַזאַ מאָלצייט דאָ
וועט אַניאָגן שיר נישט דעם פּרייז פֿון דעם גאַנצן מעבל,
וואָס דער פֿאָטער האָט איר געקויפֿט פֿאַר איר דירה.
נאָר אַז דער פֿאָטער טוט — מסתּמא האָט ער זיין חשבון . . .
איצט איז דער מאָלצייט אַריבער. אין גרויסן קאָנצערט־זאַל,
צווישן באַגילטע פּאַנעלן און ריטער מיט פֿעדערן
פֿון גאָבעלענען אַראָפּ, האָט אַ הונדערט פּאָרלעך —
ווייבער מיט אָרעמס בלויזע, מענער אין שטייפֿע טאָקסידאָס —

זיך געגליטשט איבערן גלאַטן פּאַרקעט. אַן אָרקעסטער
האָט געביטן די ריטמען פון דזשעז אויף ווינער וואַלסן
און אַן איינציקן מאָל אויפגעשפּילט אויך אַ יידישע שער.
חתן־כלה צעשיידטע האָבן געטאַנצט יעדער ווילע מיט אַנדערע.
און דערביי אין אַ קלענערן צימער, צווישן דעמבענע ווענט,
אין לעדערנע שטולן, ביי פלעשלעך משקה און שאַכטלעך ציגאַרן
איז געזעסן אַן עולם מענער פאַר זיך און גערויכערט.
וואָס אין צימער דערביי איז געשען האָט עווּלין נישט געוואוסט
און ס'האָט נישט געווירקט — נישט אויפן גאַנג פון דער שמחה,
נישט אויף עוועלינס לעבן, נישט אויפן פּאַטערס געשעפטן,
נאָר עפּעס איז דאָך געשען אין צימער דערביי.

מ'איז געזעסן אַן עולם מענער — אַלע ווי איינס אין טאַקסידאָס,
און אויסער דעם רב ר' משה ביאַלער אין שלוס־ראָק,
איז שווער געווען צו דערקענען, ווער מיט וואָס פאַרנעמט זיך
און ווי גרויס די הכנסה און ווי הויך דער קרעדיט.
נאָר לויט זיצן און רייכערן, לויט קול און באַנעם
וואָלט מען יאָ געקענט זען, ווער ס'איז היימיש און פריי
אין דער קאָרטן־שפּיל שטוב פון מעטראָפּאָליס־קלוב,
און ווער ס'איז בלויז אַ חתונה־גאַסט. און געווען זיינען דאָרט,
אויסער דעם רב ר' משה, אַזוי: איירא בערנאַרד, וויצע־פּרעזעס
פון דער „ליבערטי" אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט (נישט יעדער ייד
קען זיך דערדינגען דערצו); דזשייקאָב קאַרמעל, פון באַרוף אַ ראַבאַי,
איצט — אַן אַגענט פון לעבענס־פאַרזיכערונג, שרייבט קאָנטראַקטן
פון פּופּציק טויזנט און העכער; הערריי באַגוצקי, אַמאָל אַ שניידער,
היינט אַ מאַגנאַט אין דער קלייד־אינדוסטריע; איזידאָר זאַר —
אַ היימישער סטאָליאַר, דאָ אַ בויער פון הימל־קראַצערס;
דזשוליוס קאַרלין — אַ ריכטער פון שטאַטישע קרייז־געריכטן;
עזרא סימאָנס, פאַרוואַלטער פון צדקה־פאָנד (מיר היטן געטריי
דאָס אַלטע פאַרשפּרעכן צום גאָווערנאָר פּיטער סטייוועסענט,
אַז פאַר אונדזערע קראַנקע און אָרעמע וועלן מיר זאָרגן אַליין);
היימאַן מינסקער — ערשט דאָ נישט לאַנג פון אַ יוניאָן־טוער
אַן אַגענט געוואָרן; שלמה קרינקין, לואי ווייס
און יעקב רויזמאַן — אויך אַגענטן פון דער „ליבערטי",
און דזשאָו פינק — אַן אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען.
פאַרוואָס אַזוי פיל אַגענטן? ווייל מאָריס פינק אַליין,
דער אַמאָליקער משה פינקלשטיין, גבאי פון טעמפּל בית־יעקב,
עקזעקוטיוו מיטגליד פון צדקה־פאָנד, דירעקטאָר פון „מוריה",
און ערן־פּרעזידענט פון זיין היימישער לאַנדסמאַנשאַפט
(דאָס מוז ער בלייבן, ווייל די לאַנדסלייט לאָזן נישט אָפּ
און ס'איז אַמאָל אויך אַ סגולה צו ביזנעס), פינק אַליין

האָט געהאַט אַ קאָנטאַר פון כלערליי מינים פאַרזיכערונג,
און אַלע געסט — אַלע אין צימער מיט די דעמבענע ווענט
און אַלע אין זאַל: דאַוונער אין טעמפל, טוער און וואוילטוער,
לאַנדסלייט און פריינט, ריכטער, פּאָליטיקער,
גרויסע און קליינע אַגענטן — אין די ביכער ביי פינקען
זיינען אַלע פאַרשריבן געווען: ווער ווי קליענטן
און ווער ווי קאָלעגעס און מער נאָך — פּראָספּעקטן אויף ביזנעס.
נאָר איינער — דזשאָו פינק, אויך פון דער היים אַ פינקלשטיין,
איז געקומען, ווייל אַזוי האָט פאַרלאַנגט דער כלהס מוטער:
זאָל דעם מאַנס משפּחה נישט ווערן פאַרשעמט...
און נאָך אַ מענטש איז געזעסן אין ווינקל: דעם חתנס פאָטער,
דער אַלטער דאָקטאָר ראָזנבוים, אַ למדן און אַנאַרכיסט,
וואָס האָט שוין לאַנג אַרויסגעלאָזט דעם זון פון די אויגן,
און ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען — נישט דער שידוך
און נישט דער מחותן. ווען ס'ווענדט זיך אין אים,
וואָלט ער ליבער פאַרבראַכט דעם אָוונט איבער אַ ספר.
נאָר אַ טאָג פאַר דער חתונה איז דער זון געקומען,
אַוועקגעשלעפּט אים צום שניידער, אים אויסגעפּוצט,
און אָט זיצט דער אַלטער אין די שטייפע מלבושים
און פּירט יעדער ווייל דורך אַ פינגער צווישן קראַגן
און האַלדז, ווי ער זאָל וועלן עס לויז מאַכן.

און ס'איז געווען אַזוי. אַז מאָריס פינק איז צום פינפטן מאָל
אַריינגעלאָפן אין צימער און אַ רעד געטאָן עטלעכע ווערטער
מיט איירא בערנאַרד, זיין פּרנסה־געבער, מיט דעם און יענעם,
און צוריק אַרויס, ווי ער זאָל עמעצן אויסקוקן,
איז דער עולם ווידער געבליבן צעטיילט אין די ווינקלען,
און ס'האָט זיך קיין וואַרעמער שמועס אַלץ נישט געבונדן.
דער רב מיט דער פּעכיקער באָרד און פלאַמיקן היתוך הדיבור
האָט געפּייערט אויף מר. בערנאַרד מיטן הייליקן לאַנד,
מיט די שיינע ישיבות, חלוצים אין עמק — און געטאַפּט
מיטן זעקסטן חוש, וועלכע פון זיינע רייד ווירקן מער
אויף ווייכטיקן מאַן, ער זאָל אים קענען געווינען.
מר. בערנאַרד האָט געהערט און איבערגעפרעגט, און אין מוח
איבערגעחשבונט די נעמען פון די, וואָס שטייען שוין היינט
מיט דער הייליקער זאַך פון רב ר' משה, און געוואויגן —
צי לויט זיין שטעלונג און אינטערעסן פון זיין געזעלשאַפט
לוינט זיך פאַר אים, איירא בערנאַרד, צו געבן זיין נאָמען
צו אַ זאַך אַזאַ, וואָס כאָטש עס רעדט זיך וועגן הייליקן לאַנד,
שמעקט עס נאָך אַלץ מיט גערדיכטער איסטסייד און שטעמפּלט
צו שאַרף מיט אָפענער יידישקייט... און ווידעראַמאָל:

דער אימיגראַנט ווערט שטאַרקער — אַט באַגוצקי און זאַר,
זיי וואַקסן אין איינפלוס און מאַכט — ס׳איז אפשר אַן עסק...
דערביי האָט עזרא סימאָנס געשטעלט אַ פּאָר פראַגעס דעם רב
און געוויזן זיין בקיאות, נאָר אַליין גאָרנישט געזאָגט.
אַ מענטש אויף אַ קהלשער שטעלע דאַרף וויסן אַלץ,
נאָר זיין מיינונג דאַרף זיין דער רצון פון יענע
וועמען ער דינט, און אין יעדער זאַך (ס׳ווענדט זיך ווער עס פרעגט
און וואָס דער פרעגער וויל) איז דאָ אַ יאָ און אַ ניין.
אַביסל ווייטער האָט ריכטער קאַרלין דערציילט קאַרמעלן
אינצידענטן פון „קאָורט״ מיט יידישע יידן און דערציילט אַזוי,
אַז קאַרמעל זאָל איינזען — ער האָט געהאַנדלט רעכט
וואָס ער האָט געהאָלפן אים נאָמינירן. אָט דער „ראַבאַי״ —
דער גוטער יאָר ווייס פאַרוואָס — האָט דאָס אויער פון באָס,
און זיין וואָרט באַשטייט . . . און וואָסביידע אויפגעקומענע,
באַגוצקי מיט זאַרן, הערן זיך צו איז אויך נישט שלעכט:
אַן אייגענער ריכטער קומט אַמאָל צונוץ יעדן איינעם.
אַביסל פאַררוקט — און דאָ שוין אויף יידיש — האָט יעקב רויזמאַן,
דער שול־טוער, געגומען לעבער פון לואי ווייסן,
וואָס ער, אַ ביטערער קלאַסן־קעמפער, איז געגאַנגען אין טעמפּל
און טרינקט לחיים מיט אַלע בורזשויעס. לואי ווייס
האָט אָפּגעצאָלט מיט אַ צוזאָג, אַז ווען ס׳וועט קומען
דער טאָג פון משפט, וועט מען רויזמאַנען זיכער
שטעלן צום וואַנט גלייך מיט אַלע בורזשויעס
און ער וועט שוין דעמלט נישט דאַרפן זשאַלעווען גאָרנישט,
ווייל סייווי וועט פון יידיש קיין סימן נישט בלייבן.
דזשאָו פינק האָט אויסגעהערט ביידן, גאָרנישט פאַרשטאַנען
און אין פיפיקן ענגליש זיך אָנגענומען פאַר ווייסן:
אַז אַ יונג דאַרף מאַכן אַ לעבן ביי זיין קאַזין מאָריס,
האָט ער גענוג, און דזשאָו גייט אין געוועט,
אַז די טאַקסידאָ האָט ווייס געבאָרגט אויף פּראָקאַט . . .
און גאָר באַזונדער זיינען געזעסן היימאַן מינסקער
און שלמה קרינקין — און ביידע געשוויגן. פאַר זיך
איז קרינקין נאָך אַלץ אַ סאָציאַליסט. זיין געוויסן איז ריין,
כאָטש נישט איינמאָל קומט אויס צו פאַרבייגן אַ קלייניקייט,
און ער האָט זיך אויסגעלערנט אויסצוקומען מיט מענטשן...
ער וואָלט אויסגעקומען אויך דאָ. נאָר דער אַלטער דאָקטאָר
פון ווינקל אַרויס קוקט אים נאָך, און ער קען זיין חוזק.
און ס׳ווילט זיך נישט איינשטעלן... און שלעכט איז מינסקערן.
אָט זיצט דאָ באַגוצקי, פאַרצייטן זיין באָס, און שפּעטער —
אַ בלאָטער קונד אין די געשעפטן פון יוניאָן דעלעגאַט.
ער האָט אים דעם ערשטן „געשריבן״ אויף טויזנטער שוועריע,

און אַמאָל, ווען ער כאַפּט אים אַליין, קען מען אויך איצט
זיך אָוועקזעצן שפּילן אַ פּינאָקל — אָבער דאָ איז יענער אַ שררה
און האַלט זיך פון ווייטנס. קרענקט עס אים, מינסקערן,
זיצט ער אַ ברוגזער לעבן קרינקינען — און ביידע שווייגן.

און ס'איז געווען אַזוי. ווען מר. בערנאַרד האָט דערזען,
אַז דער שמועס טעפּעט זיך אויס און מען זיצט ווי פרעמדע,
האָט ער דערפילט, אַז אויף אים, דעם חשובסטן דאָ,
ליגט דער חוב צו באַלעבן דעם עולם, און אַ זאָג געטאָן
איבערן גאַנצן צימער: — האָט עמעצער דאָ באַמערקט,
אַז ווען נישט אייניקע אויסנאַמען קען מען זאָגן —
מיר האָבן דאָ אַן אַגענטישע שמחה? פאַרשטייט זיך —
איך רעכן נישט צווישן אַגענטן דעם חשובן רב.
(אירא בערנאַרד האָט געוואוסט, אַז ר' משה ביאַלער
וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן שרייבן אַ פּאַליסי
און ציט אַ היפּשע הכנסה דערפון). אַלע האָבן זיך אומגעקוקט,
און דער רב האָט אויפגעכאַפּט: — איך שליס מיך נישט אויס,
חלילה, פון כלל. נישט ווייל איך טו אויך אַמאָל
אַביסל געשעפט — אין דעם בין איך היינטערשטעליק
קעגן יעדן איינעם דאָ. נאָר אין אַ העכערן זין זיינען מיר,
רבנים, אויך אַגענטן. מיר גייען אַרום אין נאָמען פון דעם,
וואָס איז איבער אונדז, פאַרקויפן אַסעקוראַציע פאַר אייביק לעבן,
די גרעסטע אַסעקוראַציע, וואָס אַלע זוכן אונטער דער זון,
און אונדזערס אַ פּאַליסי האָט נאָך אדם געהאַט אין גן־עדן,
כאָטש ער האָט זי פאַרלאָרן, ווי ס'איז אַלעמען וואויל באַקאַנט,
צוליב אַ געוויסן לייכטזין. ווען נישט יענער טרויעריקער פאַל,
וואָלט איר קיינער אַצינד קיין געשעפט נישט געמאַכט.
אַלע האָבן געלאַכט, און עזרא סימאָנס האָט זיך צוגעאיילט:
— מיט דער דערלויבעניש פון רב וועל איך אויך זיך אָנשליסן.
אויב מיר פאַרזיכערן נישט קיין לעבן אויף יענער וועלט —
כאָטש צדקה איז אויך דערפאַר אַ גוטע אַסעקוראַציע —
(דער רב האָט מסכים געווען אויפן קול: — אוודאי!)
פאַרקויפן מיר אָבער רואיק געוויסן אויף דער וועלט.
מיר טראָגן גוטסקייט צו מענטשן, מיר זיינען אַגענטן
פון רחמנות — און אונדזערע פּאַליסיס זיינען אויך גאַנץ אַלט.
— בראַוואָ! — האָט גערופן מר. בערנאַרד, און ריכטער קאַרלין
האָט זיך גלייך געמאָלדן ווי אַן אַגענט פון גערעכטיקייט
און איז באַוויליקט געוואָרן. זיינען געבליבן בלויז צוויי:
באָגוצקי און זאַר. האָט זאַר פּראָטעסטירט: ווי קען מען
אַ חשד אויף אים וואַרפן? אַ מענטש, וואָס פאַרקויפט היפּאָטעקס
און פאַרמיטלט אין קניות פון לאַנד איז אַן אַגענט.

און ווער וועט עס לייקענען? קיינער האָט נישט געלייקנט,
און פאַר באָגוצקין האָט מר. בערנאַרד געפונען אַ זכות:
ער קען דאָך נישט גיין אַצינד זוכן אַ פּאָרל צום טאַנצן!
(באָגוצקי איז קורץ און אומבאַוועגלעך געווען,
און כאָטש דער שפּאַס איז אַביסל אַריבער די גרענעץ,
האָט ער עס דאָך פון מר. בערנאַרד אַרונטערגעשלונגען).
— און וואָס וועט זיין מיטן דאָקטאָר? — האָט געפרעגט קאַרמעל.
— איך בין בלויז אַ מחותן — האָט געענטפערט דער אַלטער.
האָט מען איינגעזען, אַז אַ מחותן האָט פּריווילעגיעס,
האָבן אַלע געטרונקען אַ טאָסט לכבוד דער נייער פאַרבינדונג
(דזשאָו פּינק האָט דעם טאָסט געטאָפּלט), און דזשייקאָב קאַרמעל
האָט גענומען דאָס וואָרט: — איך זע אַ טיפן מיין
אין מר. בערנאַרדס באַמערקונג און נאָכמער אין דעם,
וואָס אַלע מיר, מענטשן פון פילע באַרופן, האָבן זיך לייכט
געפונען איין נאָמען: אַגענטן. מיר נעמען דאָס וואָרט —
ווי עס זאָגט דער חשובער רב — אין אַ העכערן זין.
אין העכערן זין איז פאַרמיטלונג דער גרויסער באַרוף
פון אונדזער ראַסע, און נישט אומזיסט האָט אונדז די השגחה
אַרומגעפירט איבער דער ערד. ישראל גייט מיט אַ מיסיע
צווישן די פעלקער, אַ מיסיע פון אמת, פון יושר
און אייביקן לעבן, און מיר אַלע פּערזענלעך, יעדערער
אין זיין באַרוף, טראָגן דעם גורל פון אונדזער ראַסע...
ס'איז געווען ווי אַ פונק פאַר דעם פּאַרטיקן פלאַם פון רב.
די באָרד האָט אַ ציטער געטאָן מיט די גרייטע רייד, —
אַז כאָטש מיר טראָגן אונדזער אמת איבער אַלע לענדער,
האָט זיך דער אמת אַנטפּלעקט אויף די הייליקע בערג,
און פון דאָרט מוז ער ווידער באַלויכטן די וועלט — — —
אָבער פּלוצלינג איז עפּעס געשען: די טיר האָט אויפגעפּראַלט,
ביי דער זייט איז מאָריס פּינק אַ צעשטראַלטער געשטאַנען,
און אין דער אָפענער טיר, באַגלייט פון חתן־כלה,
איז אומגעריכט פאַר אַלעמען אַריין — אַלבערט מאָריסאָן.

2

ס'איז געווען דער גרויסער מאָמענט פאַר מאָריס פּינק.
וויפל יאָר האָט ער געוואָרט, ווי לאַנג זיך געגרייט,
וויפל חלומות געחלומט; און ווי האָט ער געציטערט
היינט אַ גאַנצן אָוונט, אַז טאָמער, חלילה, געשעט עס נישט.
דעריבער האָט ער אפילו זיין ווייב גאַרנישט פאַרטרויט,
ווייל טאָמער, חלילה . . . אָבער ס'איז יאָ געשען:
אַלבערט מאָריסאָן איז געקומען צו אים. צו אים?
אוודאי צו אים! מעג זיין, אַז דאָ איז נישט זיין אייגן הויז

(נאָך אין הויז צו זיך וואָלט ער געדאַרפט אים רופן!),
אָבער אין קלוב איז היינט באַלעבאָס מאָריס פינק
און צו פינקן איז געקומען אַלבערט מאָריסאָן. ווי אַנדערש
וועט זיך עס לייענען אין די צייטונגען מאָרגן פרי
ווען דער צעטל פון די געסט וועט אויסגעציילט ווערן?
מיטן בילד פון דער כלה, מיט דער פולער באַשרייבונג
פון איר אָנטאָן און אויסזען (איר מעגט זיך פאַרלאָזן!),
וועט אויך גיין דער צעטל פון אַלע געסט, און אויבן־אָן —
אַלבערט מאָריסאָן... פון יענער מינוט ווען פינק האָט דערלעבט
צו זיצן אין דירעקטאָריום פון מוריה־שפיטאָל,
האָט ער זיינע אויגן געווענדט צום פּרעזידענט־שטול,
פון וועלכן אַלבערט מאָריסאָן, גרויסער באַנקיר, בעל־צדקה
און יחסן, האָט געהערשט ווי אַ קיניג. ס'איז געווען ער,
פון וועמען פינק האָט איבערגענומען אַ שטיקל אַקצענט,
געלערנט אַלעמאָל טראָגן אַ טונקעלן אָנצוג, געלערנט —
פינטלען אַמאָל מיט אַן אויג בעתן רעדן, כאָטש דאָס אַלץ
האָט אים אויף אַ האָר נישט פאַרברידערט מיט מאָריסאָנען. ער קען
דאָס הויז, דעם פּאַלאַץ זיינעם. ס'איז אמת — ער קען בלויז
אַן איינציקע שטוב דאָרט. קומסט אַריין אין דער טיר
פון גלאָז און אייזן, נעמט דער דינער אָוועק דיין הוט
און גייסט באַלד לינקס אין גרויסן זיצונג־זאַל,
וואו דער טעפּיך איז אַ האַלבן בלאָק די לענג
און דער טיש — די גרויס פון אַ היימישער הויז. רויכערסט
און שמועסט מיט אַנדערע, ביז מאָריסאָן קומט אַרונטער,
פאַרנעמט זיין אָרט אויבן־אָן און די זיצונג הייבט זיך אָן.
נאָך דער זיצונג גייסטו אַרויס. דער דינער וואַרט מיטן הוט.
רעכטס פירן טירן אין ערגעץ. מאַרמאָר־טרעפּ פירן אַרויף
צו די אויבערשטע שטאָקן. מאָריסאָן שטייט ביי די טרעפּ
און געזעגנט זיך — שטייט מיט אַ שמייכל, און דאָך אַ מחיצה
צווישן דיר און די אויבערשטע שטאָקן. דו, וואָס דו קומסט
צו די זיצונגען, וועסט קיינמאָל די טרעפּ נישט באַטרעטן.
אויפן וועג אַהיים האָט ער שוין געהאַט אַ נוסח פון טראַכטן:
ס'מוז קומען אַ צייט, ווען מ'וועט אים פאַרבעטן אויף מיטאָג
אויבן אַהין. דער דינער וועט אַנדערש נעמען זיין מאַנטל,
און ער, אַ מלמדס אַ זון, וועט זיך זעצן צום טיש
אַזוי שטיל און איינפאַך, ווי ער וואָלט פון קינדהייט אָן
געוואוינט געווען צו אַזעלכע טישן... פינק האָט געוואוסט —
ער איז נישט אַליין מיט אַזעלכע מחשבות. דער מוריה־שפיטאָל
און צדקה־פאָנד האָבן געהאַט שוין באַגוצקיס און זאַרס,
און אַלע טראַכטן דאָס זעלבע. נאָר אין מאָריסאָנס שטעל
ביים ערשטן מאַרמאָרנעם טרעפּל, איז געווען אַזאַ קילקייט,

אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אַ געזעץ פון ששת ימי בראשית:
אַרויף קענען קומען נאָר די, וואָס האָבן די יחוס־בריוו.
איז ווי האָט פינק געקענט חלומען זען אים
ביי זיך? דערפאַר האָט ער דאָס שוין אויסגעפּלאַנט:
צו דער חתונה פון זיין ערשטן קינד מוז מאָריסאָן קומען.
אַמאָל, ביי אַ שמועס וועגן שפּיטאָל, האָט ער פאַרוואָרפן אַ וואָרט
וועגן דאָקטאָר ראָס. — מען זאָגט, אַ פעאיקער יונגערמאַן —
האָט געענטפערט מאָריסאָן. האָט ער גענומען פּלאַנעווען
דעם חתונה־מיטאָג אין קלוב און ביי אַ צווייטער געלעגנהייט
געבעטן ביי מאָריסאָנען אַ פּריוואַטע זעאונג: אַן ענין
אַ ריין־פּערזענלעכער, מען קען זאָגן — אַ פאַמיליען־זאַך . . .
אין מאָריסאָנס אָפיס, צווישן ווענט פון רויטן האָלץ,
האָט ער אים דערציילט וועגן דער חתונה אין קלוב,
און צי קען ער האָפן, אַז מאָריסאָן זאָל אים באַשיינען די שמחה?
ניין, צום מיטאָג וועט מאָריסאָן, ליידער, נישט קענען קומען,
אָבער נאָך מיטאָג — באַשטימט. זאָל מר. פינק דעם דאַטום
לאָזן ביי זיין סעקרעטאַר — יענער וועט אים שוין דערמאָנען.
צוויי מאָל האָט פינק טעלעפאָנירט צום סעקרעטאַר,
נאָר קיינעם נישט דערציילט, און די גרויסע הוצאות
פון מיטאָג אין מעטראָפּאָליס־קלוב פאַרענטפערט מיט דעם,
אַז די ביזנעס פאַרלאַנגען עס. אָבער ס'האָט זיך געלוינט.
איצט זעט שוין דאָס ווייב, איצט זעען די הונדערטער געסט,
איצט וועט דערזען די גאַנצע וועלט וואָס עס מיינט אַ שמחה
ביי מאָריס פינק! פון אָט דעם מאָמענט האָט זיך דאָס לעבן
אַ ריס געטאָן העכער — אַן אויסגעוואַקסענער, אַ געמאַכטער
שטייט מאָריס פינק אַצינד, שטייט ביי דער אָפענער טיר.

אַלע אין צימער האָבן זיך אויפגעשטעלט קעגן גאַסט.
מאָריסאָן האָט זיך באַגריסט מיט די, וואָס ער קען,
זיך פאַרנייגט פאַרן רבֿ, אַ פריינטלעכן שמייכל געטאָן
צו יענע דאָרטן, די אומבאַקאַנטע, און איידער וואָס־ווען
איז שוין אַ דינער געשטאַנען מיט משקה און צובייסן,
און מאָריסאָן האָט געהויבן דאָס גלעזל צו חתן־כלה
און געזאָגט לחיים די אַנדערע. אויף אַ קורצע פאַר מינוט
איז דער שמועס אַוועק מיטן גלאַטן און שמייכלדיקן וועג
פון באַגריסונג און נאָכפרעגן. האָט די כלה דערווייל
זיך פאַרגנבעט צום שווער: — ווי גייט עס אייך, פאָטער?
דאָקטאָר ראָזנבוים האָט די שנור אַ גלעט געטאָן מיט די אויגן
און ווייטער געבליבן זיצן — דער איינציקער דאָ אין צימער
צו בלייבן זיצן ביים גבֿירס אַריינקומען. האָט מאָריס פינק
באַמערקט ווי עס ציען זיך בליקן אַהין און אַ שטאַמל געטאָן:

— דעם חתנס פֿאָטער! — מאָריסאָן האָט געוואָרפֿן אַ בליק
אין ווינקל אַהין און דערזען אַן עלטערן מאַן אין אַ שטול
און די כלה מיט אים. האָט ער אַ מאָמענט זיך געישובֿט,
און באַשלאָסן און געמאַכט אַ פּאָר טריט. באַמערקט,
ווי דער פֿרעמדער גייט און אַ סוויטע נאָך אים,
האָט דער דאָקטאָר זיך אויפֿגעהויבן, און פּינק, שוין אָפֿיציעל,
האָט אים פֿאָרגעשטעלט: — דאָקטאָר ראָזנבוים, דעם חתנס פֿאָטער.
מאָריסאָן האָט געשטרעקט אַ האַנט: — זייער אָנגענעם!
נאָר דער אַלטער, שוין מיט יענעמס האַנט אין זײַנער,
האָט אים אַלץ נאָך באַטראַכט און געוואָלט עפּעס פֿרעגן
און די פּאַסיקע ווערטער געזוכט און ענדלעך געפֿונען:
— מיט וועמען האָב איך דעם כּבֿוד?... ס'איז געוואָרן —
ווי אַ דונער זאָל שלאָגן... אָט דאָ, אין דעם צימער
זאָל מען פֿרעגן בײַ אַלבערט מאָריסאָן, ווער ער איז!...
מאָריס פּינקן האָבן די פֿיס גענומען זיך טרייסלען,
אַנדערע האָבן צעעפֿנט די מײַלער, און אַלבערט מאָריסאָן
האָט אַ צאַפּל געטאָן פֿון דער אומגעריכטער באַליידיקונג
און אויפֿגעשרויפֿט אַ צעצויגענעם שמייכל: — מײַן נאָמען
איז אַלבערט מאָריסאָן. (ווי נאַריש עס פֿילט זיך אַ מענטש
ווען ער דאַרף זיך פֿאָרשטעלן!) — איצט געדענק איך —
האָט דער אַלטער געזאָגט: — כ'האָב געזען אייערס אַ בילד
אַמאָל אין אַ צײַטונג... וואָס אַ וואָרט, אַלץ ערגער...
און פּינק שטייט ווי אַן אונטערגעהאַקטער, און קיינער
ווייס נישט וואָס טוט מען... נאָר איירא בערנאַרד
האָט זיך נישט פֿאַרלאָרן. דערזען, אַז פּינק, דער מחותן,
איז אויסגעשפּילט, איז ער אַליין געוואָרן מחותן,
דערלויבט חתן־כּלה זיך אומקערן צו די טענצער,
(דאָס ווײַסע קלייד האָט אַ בלאַנק געטאָן און פֿאַרשוואונדן).
האָט געבעטן זיצן דעם גאַסט און דערנאָך אַלע אַנדערע.
האָט פּינקן אַליין אָנגעוויזן אַ שטול און פֿאָרגעשטעלט
פֿון די נעבנטערע וועמען מען דאַרף: — ווי איר זעט,
זײַנען מיר מערסטנס דאָ פֿון איין פּראָפֿעסיע. און גראָד
פֿאַר אייער אַרײַנקומען — בערנאַרד האָט דערציילט דעם שמועס
און ווי אַזוי דער רבֿ און דער ריכטער און הייזער־בויער
האָבן זיך אַלע דערקלערט פֿאַר אַגענטן, ווער פֿון ערדישע
און ווער פֿון העכערע, גײַסטיקע ווערטן. און קאַרמעל
האָט איבערגעחזרט וועגן דער מיסיע פֿון פֿאָלק ישׂראל
און וועגן דעם ראַסן־באַרוף. פּינק האָט אָפּגעאָטעמט
פֿון די געהויבענע רייד, נאָר דאָס האַרץ האָט אַלץ געציטערט —
צי רירט עס ווידער נישט אָן עפּעס?... אָבער מאָריסאָן
האָט שוין געשמייכלט: — איך האָף, איר וועט מיך נישט אויסשליסן

פון אייער געמיינדע. אויב פאַרמיטלונג איז אונדזער באַרוף,
זיינען מיר, באַנקירן, געטרייע זין פון דער ראַסע.
(— ער פּאַסט זיך אַריין — האָט בערנאַרד אַ טראַכט געטאָן.
און מאָריסאָן האָט געטראַכט: — זאָל זיין אַזאַ מין שפּיל!
מען מוז דאָך עס איבערקומען!) איצט האָט געשלאָגן
די מינוט פאַרן רב ר׳ משה צו רעדן: — זינט די השגחה
האָט אַוועקגענומען ביי אונדז די נכסין דלא ניידא,
די אומבאַוועגלעכע גיטער, און איבער אַלעם — דאָס לאַנד,
איז דער שטיץ פון אונדזער פאָלק אין דערמאַטעריעלער וועלט
די נכסין דניידי און איבער אלע ממון — פינאַנסן.
דעריבער זיינען די גרויסע פינאַנסירן געוואָרן געשטעלט
ווי ממונים איבערן פאָלק, און צו זיי האָט די השגחה
אָפט איבערגעענטפערט דעם גורל פון די געפּלאָגטע.
אין אונדזער ביטערער גלות־געשיכטע האָבן עס זיי, די שרים
און קרובים למלכות געשיצט דאָס פאָלק פון כלערליי גזירות,
און אויך אין אונדזער דור זיינען דאָ די איידעלע גייסטער,
וואָס דער גורל פון פאָלק איז די נשמה פון זייערע מעשים.
און עניוות איז די קרוין פון גדולה. ווען מר. מאָריסאָן
דערקלערט זיך פאַר איינעם פון אונדז, גייט אויף זיין ליכט
נאָך העלער אין אונדזערע אויגן. — קוים צו באַמערקן
האָט מאָריסאָן אויפגעצויגן די ברעמען אין בראַוואָ־געהילך,
וואָס האָט באַגלייט דעם רב, און זיך אָפּגערופן:
— מיר קלייבן נישט אויס דעם שטאַנד וואו מיר ווערן געבוירן.
און יעדערער טוט וואָס ער קען. אויב ס׳איז דאָ צווישן אונדז
איינער, וואָס גיט פון זיין צייט און מי מער ווי ער קען,
איז עס אונדזער בעל־שמחה און גאַסט־געבער.
דער אַפּלאָז איז געוון נאָך שטאַרקער, און פינק, צעטומלט,
איז מיט פייכטע אויגן געבליבן שטיין פאַר זיין גאַסט:
— ווי קען איך זיך גליכן צו אייך, מר. מאָריסאָן?
אָבער דער רב ר׳ משה האָט נישט געטאָרט לאָזן זיך צונעמען
דעם געוואונענעם באַדן: — אַלע קענען מיר וואויל
די מעשים פון אונדזער בעל־שמחה, און גערעכט איז מר. מאָריסאָן,
אַז יעדערער טוט לויט זיין שטאַנד. נאָר די השגחה האָט איינגעטיילט
די מענטשן אין שטאַנדן און יעדער שטאַנד געגעבן זיין פּלאַץ,
און וואָס העכער דער שטאַנד, אַלץ גרעסער די השפעה.
דעריבער קוקט מען אַרויף צו די, וואָס שטייען צום העכסטן
און מען וואַרט, אַז זיי זאָלן די גרויסע השפעה
אַרויפלייגן אויפן וואָגשאָל, וואו ס׳וועגט זיך אַצינד
דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער פאָלק, דער גורל — —
די לופט אין צימער איז געוואָרן געדיכט און טערפּקע.

ווער ס'האָט געקענט דעם מאַגנאַט, האָט געביסן די ליפּן,
נאָר קיינער האָט נישט געוואַגט זיך אַריינמישן
ביז ער אַליין, גאַנץ אומהעפלעך, האָט איבערגעהאַקט:
— וואָס דער חשובער רב לאָזט אונדז הערן איז זייער וויכטיק,
איך גלייב אָבער קוים, אַז דאָ איז דער פּאַסיקער פּלאַץ
פאַר דיסקוסיע־ענינים. מיינט איר נישט, ריכטער?
דער ריכטער קאַרלין האָט נישט פאַרזאַמט צו פּסקענען,
און דער רב, ווי אַ חכם מיט די אויגן אין קאָפּ,
האָט איינגעזען, אַז אפילו די תשוקה צו גרויסע מצוות
קען פירן צו זינד און ס'איז בעסער גובר צו זיין די תשוקה.

איינגעהאַלטן די דרשה פון רב, נאָר דער אינצידענט
האָט געלאָזט אַ ביטערן נאָך־טעם... עס איז נישט דער גאַנג
פון אַ מאָריסאָן צו ווערן אַזוי אומהפלעך, בפרט נאָך
צו אַ פּערזאָן פון רבנישן שטאַנד. ס'איז געווען אַזוי
ווי ער זאָל מיט אַ האַנט אַ צוכעסטער זיך אָפּרייסן
אַ קנעפּל פון ראָק, און ערשט זיצט ער, און אַלע זעען,
אַז עס פעלט אים דאָס קנעפּל און ווייסן פאַרוואָס.
מאָריסאָן וויל זיך נישט מודה זיין, אָבער ער פילט,
אַז ער האָט מורא אַ קוק צו טאָן אין יענעם ווינקל,
וואו ס'זיצט דעם חתנס פאָטער, דער אַלטער דאָקטאָר.
קוקט ער אין צווייטן ווינקל, דערזעט ער די חברה,
וואָס צו זיי האָט ער בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ,
און דערשפּירט, אַז פון זייערע אויגן ציען זיך פעדים
פון פרעמדע מחשבות, וואָס וויקלען זיך אַרום אים —
מחשבות אומפריינטלעכע . . . אַ מאָריסאָן שפּירט בחוש
דעם אָפּשטאַם און קלאַס פון אַ מענטש, מעג יענער טראָגן
די פיינסטע טאַקסידאָ, און אויף די יונגען דאָרט
זעט ער באַשיינפּערלעך, אַז זיי געהערן צום קלאַס
פון די אָנגעשטעלטע ביי אים מיט פופציק דאָלאַר אַ וואָך,
און וואָס פאַר אַ מין דאָס איז — ווייס ער. אויבן אויף
בייגט מען זיך, שטייט מען פאַר דיר מיט גרויס דרך־ארץ,
נאָר אין האַרצן האָט מען דיך פיינט . . . איז דאָרטן ביי אים,
וואו ער איז האַר און הערשער, פאַרגינט מען זיך נישט
די געדאַנקען פון שנאה אַרויסלאָזן אויפן אָפענעם פּנים,
אָבער דאָ די חברה עסט נישט זיין ברויט, און זיי טראַכטן אָפן . . .
סאַראַ ווילדע אומהיימלעכקייט עס באַפאַלט אַ מענטשן
ווען ס'פּלאַצט מיט אַמאָל דער סדר פון זאַכן . . . אַזוי —
איז אַלץ אַרום דיר איינגעשטעלט און באַוואָרנט. דו ווייסט,
אַז מען נאַרט דיך, מ'האָט דיך פיינט, מ'איז דיר מקנא,
מען זוכט דיך אַרויסצושלאָגן, פאַרטרייבן, פאַרטיליקן,

נאָר אַלץ איז פּאַרדעקט מיט געוואויגענע רייד,
מיט מאַנירן געמאָסטענע, און ווי דו ביסט זיכער
אין דער פעסטקייט פון גלאַטן פּאַרקעט אונטער די פיס,
ביסטו אויך זיכער אין סדר פון רייד און באַנעמונג,
און שפּאַנסט איבער אַלץ ווי יענער, וואָס טראַכט נישט קיינמאָל,
אַז טיף אין דער ערד, אונטערן זיכערן פונדאַמענט
פון זיין הויז — איז גאַזן און פלאַמען און זודיקע לאַווע . . .
און פּלוצלינג פּאַסירט אַ נאַרישקייט: עפּעס אַן אַלטער דאָקטאָר
דערקענט דיך נישט מיט אַמאָל און אַ רב אַן איסט־סיידער
וויל אויף דיר עפּעס אָנוואַרפן — און עס פּלאַצט דער סדר . . .
אומזין! . . . מיט איין אונטערשריפט קען מאָריסאָן אָפּקויפן
אָט־די גאַנצע כאַליאַסטרע, מיט די זאַרס און באַגוצקיס
און פינקס און ווי זיי הייסן דאָרט אַלע . . . אַוודאי קען ער . . .
איז וואָס? . . . איז דער כוח זיינער בלויז אין טשעק?
איז ער גרייט זיך מודה צו זיין פאַר זיך אַליין,
אַ ווען ס׳טוט זיך אָפּ פון אים דאָס גרויסע עשירות
און ער בלייבט בלויז מר. מאָריסאָן — גלאַט מר. מאָריסאָן,
אָדער נאָך וויניקער: אַלבערט, פּשוט — איינער אַן אַלבערט,
איז דעמאָלט — גאָרנישט? אויס און אַן עק? . . . מאָריסאָן פילט —
ער מוז זיך באַשיצן . . . אויב נאָכן דאָקטאָר און רב
זאָל עפּעס ווידער געשען, קען נאָך קומען צו דעם, אַז ער,
דער מענטש, וואָס איז אַריין אַהער דער גרויסער מאָריסאָן,
זאָל אַרויס פון דאַנען אַ צעשלאָגענער, נישטיקער . . .
ער מוז זיך אַהייב טאָן צוריק, זיי אַרונטערקוועטשן,
און אויב ער קען עס נישט טאָן ווי ער שטייט אַצינד —
העכער פון אַלע — מוז ער אַליין זיך אַרונטערבויגן,
ווערן גלייך מיט זיי, זיי פאַרנאַרן און דעמאָלט אַ שפּרונג —
און צוריק אַרויף — — —
ס׳איז אַן איינפאַל! און פאַרוואָס טאַקע נישט?
אין זיין לאַנגער קאַריערע פון צדקה און כלל־טוערייַ
האָט מאָריסאָן הונדערטער מאָל געברויכט דאָס דאָזיקע וואָרט:
פאָלק . . . פאָלק! ער האָט געזען קינדער אין יתומים־הייזער
און אַלטע לייט אין מושב־זקנים; ער ווייס, אַז יענע,
פון וועמען זיי קומען, וואוינען אין טענעמענט־הייזער,
אַז די אַלטע גייען דאַוונען אין שול און די יונגע
ווערן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, און מען דאַרף דעריבער
פאַרשטאַרקן ביי זיי דעם אַלטן גלויבן פון זייערע פאָטערס
(ער אַליין גייט אין טעמפּל פון יום־טוב צו יום־טוב,
און די געשעפטן מיט גאָט פירט פון זיינעטוועגן דער ראַביי,
ווי געוויסע געלט־עסקים פירן פאַר אים די לאָיערס),
אָבער מיט פאָלק, מיט אמתן פאָלק איז ער קיינמאָל נאָך נישט

גערעסן אונטער איין דאַך . . . און דאָ זיצט ער מיט זיי,
און זאָל ער באַוויזן פון זיי אַרויסקריגן אמתע רייד,
וועט אים אפשר איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר ווערן —
וואָס טוט זיך אַזוינס צווישן אים און זיי . . . פאַרוואָס
גיט ער אָפּ פאַר זיי טעג און נעכט, געלט און געדולד?
פאַרוואָס האָט ער נישט איינגעפירט שטאַלן מיט פערד?
פאַרוואָס נישט בויען אַ טעאַטער מיט ביליקע פרייזן?
פאַרוואָס נישט אויסשטאַטן אַן עקספּעדיציע, לאָמיר זאָגן,
אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע? פאַרוואָס — ווי אַנדערע —
נישט זוכן דורכצוברעכן די וואַנט, וואָס שטייט אַזוי פעסט
צווישן זיין משפחה און די פון די אַלטע, פאַרפונדעוועטע
און אמתע הערשער פון לאַנד? וואָס בינדט אים מיט אַלע דאָ,
מענטשן פרעמדע און ווייטע, וואָס ער קען נישט פאַרטראָגן
נישט די רייד, נישט די זיטן, נישט דעם טומל פון זיי?
פאַרוואָס איז ער דאָ און פאַרוואָס קען ער דערפון נישט אַוועק?

3.

האָט זיך אַלבערט מאַריסאָן אָפּגערופן און געזאָגט:
— איך קום צוריק צום געדאַנק פון דאָקטאָר קאַרמעל
אַז ס'איז דאָ דער גורל פון אונדזער ראַסע אין דעם,
וואָס מיר זיינען אַוועק צו באַרופן אַגענטישע. אָבער מיר אַלע —
מיר זיינען דאָך נישט בלויז ראַסע. יעדער איינער —
אַ מענטש מיט אַן אייגן לעבן, און וואָס האָט געצוואונגען
דעם מענטש, יעדן באַזונדער, זיך אויסצוקלייבן דעם וועג
פון אַגענט? וואָס איז עס אין יעדן פון אונדז
וואָס בינדט אונדז דאָ אַלעמען? קענען מיר האָבן דעם מוט
זיך דערציילן אָפן דעם „ווי" און „פאַרוואָס" . . . איך בין גרייט
צו מאַכן דעם אָנהויב. נאָר איר ווייסט אַלע וואויל,
אַז איך האָב נישט קיין סך צו דערציילן: נישט געהאַט
די זכיה פון פילע פון אייך צו זיין דער ערשטער.
פאָטער און זיידע האָבן צוגעגרייט פאַר מיר אַ באַרוף,
בין איך אַ יורש, און יורשים האָבן זעלטן מיט עפּעס
זיך איבערצונעמען . . . אָבער איר, ערשטע און אָנהייבער,
איר קענט דאָך עס אויפקלערן — וואָס טרייבט אונדז דערצו?
ס'איז געוואָרן מאָדנע פון דער דאָזיקער ווענדונג.
קיינער וואָס האָט אים געקענט, אפילו די באַקאַנטסטע,
אפילו איירא בערנאַרד וואָלט פון אים נישט דערוואַרט,
ער זאָל אַזוי זיך עפענען און קומען אָפנקייט זוכן —
און וואו? אין אַט־דעם געמיש פון שיכטן און אָפּשטאַם . . .
אָבער אויפשיינען האָט ער אויפגעשיינט און געזאָגט:
— עס איז ווירקלעך אַן איינפאַל! און זאָל זיין דער מוט

צו אַנטפּלעקן זיך אָפן, קענען מיר זיך אַליין
געבן דעם בעסטן מאַטעריאַל פאַר אַ מענטשלעכע שטודיע. —
פון די דאָזיקע ווערטער האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרץ
ביי די מערסטע אין צימער. נישט ביים רב ר׳ משה,
וואָס זיין וועג איז אָפן פאַר גאָט און פאַר לייט,
אויך נישט ביי דזשאָן, וועמען דאָס ביסל משקה
האָט אויפגעהייטערט דאָס האַרץ און ס׳איז אים אַלץ איינס,
נאָר קאַרלין און זאַר, באַנוצקי און מינסקער,
און קרינקין און פינק אַליין — אַלץ פאַרשוינען אַזעלכע,
וואָס דאַרפן נישט גיין אין קעשענע נאָך אַ כשרן ליגן,
ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן געשעפט — אַלע האָבן דערפילט
אַז מען וויל זיי דאָ אויסשטעלן, אַז מען מוז זיך באַשיצן,
אַז מען מוז אויף דער רגע אַריין אין אַן אַנדער פעל
און אַריין אַזוי, עס זאָל ליגן ווי אויסגעגאָסן — אַז נישט
וועט נעמען אַרויסקריכן שווינדל און שקר,
בזיונות און חניפה, פאַרקויפטע אידעען און גלויבן . . .
שרעק האָט אַרומגעכאַפּט און מיט שרעק אויך צאָרן:
— וואָס קומט ער, דער מיליאָנער, דער גליקלעכער יורש
זיך גריבלען אין זייער נשמה? ווי הויך צי ווי נידעריק
עס איז נישט דער שטאַפּל וואו מ׳האָט זיך דערשלאָגן,
האָט יעדער זיך דערשלאָגן מיט פיין און קרבנות,
און זייערס די פאַלשקייט, זייערס דער רויב און שווינדל,
און זיי וועלן צאָלן דערפאַר ווען צאָלונג וועט קומען —
וואָס זוכט ער ביי זיי? אין אַ קורצער מינוט
האָט עס אויפגעקאָכט אונטער אַלע געפּרעסטע העמדער,
אָבער איידא בערנאַרד האָט געוואוסט וואו ער האַלט
און פאַרענדיקט זיין זאָג: — וועלן מיר בעטן דעריבער
אונדזער דאָקטאָר קאַרמעל, ער זאָל זיך אַנטפּלעקן דער ערשטער. —

מ׳האָט אָפּגעאָטעמט. ווייל באַלד נאָכן ערשטן אַריינפאַר:
— וועלל, דזשענטלמען, די מעשה מיט מיר איז געווען אַזוי: —
איז געקומען אַ פּלוס פון אַזעלכע זיידענע רייד,
אַז עס האָט ווי אַ טולענער שלייער געפּלאָטערט
אַרום מר. קאַרמעל און נישט אָנגערירט נישט בלויז דאָס העמד,
נאָר אפילו די זילבערנע ספּינקע אין העמד. פון יוגנט אָן
האָט דזשייקאָב קאַרמעל געשטרעבט צו אַ לעבן פון דינסט
צו זיינע מיטמענטשן, און געצויגן האָט אים צווייערליי:
מיט געטלעכן וועג זיי פירן צו ליבע און יושר,
אָדער מיטן וועלטלעכן וועג צו קעמפן פאַר זייער גליק.
האָט ער אויסגעקליבן דעם ערשטן. יונגע לייט מיט גלויבן
זיינען אַלע מאָל גרייט אויפן שווערסטן ווידערשטאַנד.

נאָר נאָך עטלעכע יאָר פון דינסט אין טעמפל דערפילט,
אַז ער ווערט באַוועלטיקט פון יצר־הרע צו פּאָליטיק,
און נישט געוואָלט פאַרשוועכן דעם אמת פון גאָטס דינער
מיט וועלטלעכע קאַמפן, ווי עס טוען מאַנכע אַנדערע.
(ס׳איז געווען אַ שטאָך אין אַ פּאָליטישן קעגנער,
און די באַהאַוונטע האָבן געוואוסט וואו עס צילט).
געטריי צו זיך, האָט ער דעריבער פאַרלאָזט דעם טעמפל
בייצוטראָגן וויפיל ער קען, אין פּאָליטישן זין,
פאַרן וואוילזיין פון פאָלק. נאָר עסן דאַרף אויך אַ פּאָליטיקער.
האָבן גוטע פריינט זיך משייב געווען און באַשלאָסן
פאַר אים: אינשורענס! — און אָט איז ער דאָ מיט זיין פאַך.

ס׳איז אַריבער גלאַט. מ׳האָט געגומען איינזען,
אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי שווער צו פאַרפּאַסן אַ מעשה,
און ביי דעם און יענעם האָט שוין אין מוח געשפּינט זיך
אַ מוסטער פון אייגענעם לעבן לויטן נוסח קאַרמעל.
און דאָ האָט מר. בערנארד אויפגערופן דעם צדקה־פאַרוואַלטער,
און עזרא סימאָנס האָט עס געמאַכט נאָך בעסער. געהאַט
דעם מוט אפילו צו דערציילן, אַז ער שטאַמט פון פוילן
(נישט קיין לייכטער ווידוי פאַר די מערסטע מיטגלידער
פון מעטראָפּאָליס־קלוב), אַז ער האָט אַהער נאָך געבראַכט
אידעאַלן פון סאָציאַליזם (דאָס איז שוין גאָר געוואַגט!),
נאָר מיט יאָרן פון צייטיקונג איינגעזען, אַז דער מענטש
איז נישט געבאָרן פאַר גלייכקייט — די נאַטור אליין
האָט אַזוי נישט געוואָלט — אַז אַלע מאָל וועלן זיין
געפירטע און פירער, באַהערשטע און הערשער — צי פיזיש,
צי גייסטיק — (אָ, ווען לואי וויס קען אים אַריינזאָגן!),
אָבער די הינטערשטעליקע, די אָרימע און פאַראומגליקטע
טאָרן נישט ווערן פאַרוואַרלאָזט, ווייל אויך דאָס
האָט באַזאָרגט די נאַטור: האָט צוזאַמען מיט ווילן און מאַכט
פאַרפלאַנצט רחמנות אין מענטש, אַזביידע זייטן
פון מענטשלעכן רעכן־בוך זאָלן שטימען. און ער, סימאָנס —
זיין נייגונג איז צו יענעם בלאַט פון רעכן־בוך
וואו ס׳פירט זיך דער חשבון פון רחמנות און ליבשאַפט . . .
סימאָנס׳עס רייד האָבן אַזש אַרויסגערופן אַפּלאָז:
האָט עס גוט געמאַכט, דער הינטישער זון! מיט פוילן,
מיט סאָציאַליזם און אַלץ איז כשר! . . . ס׳האָט גערייצט
אַליין זיך צו פּרוּוון אָפּדעקן, שטעלן אַן אָפענעם פראַגנט:
אָט בין איך וואָס איך בין און קענסט מיך נישט אָפּווישן!
באַנוצקי און זאַר וואָלטן עס אפשר געטאָן . . .
נאָר ס׳איז ניט באַשערט געווען. ווייל אַלבערט מאַריסאָן

האָט גוט געהערט און נישט דאָס האָט ער היינט געוואָלט.
ניין, היינט וועט דער אַלטער פוקס בערנאַרד אים נישט אָפּנאַרן!
ער וועט אים נישט אונטערטראָגן קיין רייד פון באַנקעטן,
באַווירצט מיט אַ ביסעלע הארץ, און הייסן עס אָננעמען
פאַר כשרן אמת . . . מילא — דאָרט מוז מען. באַנקעטן
זיינען דערויף געמאַכט, אַז מענטשן אַנגעלאָפענע, פרעמדע
זאָלן זיך לאָזן פאַרפירן מיט רייד וועגן ברידערשאַפט.
אָבער היינט וויל ער וויסן — פאַרוואָס? פאַרוואָס מוז מען
זיך לאָזן פאַרפירן? פאַרוואָס מוז מען זיין צוזאַמען?
פאַרוואָס קען אַזאַ איינער ווי פינק אַריינשפּרייזן צו אים,
אים לאַדן צו אַ טאָכטער אויף חתונה, און ער, מאָריסאָן,
ער מוז צו אים גיין . . . פאַרוואָס? אָט זיצט דאָרט
איינער אַ לץ מיט אויפגעריסענע אויגן און קוקט —
וואָס האָט ער מיט אים פאַר אַ שייכות? וואָס בינדט אים
צו אַלע זייניקע, ער זאָל אויסשטיין די שנאה צו זיי,
אַ שנאה פון גאָר דער וועלט און רופן זיי ברידער, פאָלק . . .
ניין, מיין ליבער בערנאַרד! דעם קונץ פון גלאַטע רייד —
דאָס קען איך אַליין. אָבער היינט וויל איך עפּעס דערגיין,
מעג עס אייך ניט שמעקן אפילו . . . און אומגעריכט,
טוט מאָריסאָן זיך אַהייב, מאַכט עטלעכע טריט,
בלייבט שטיין קעגנאיבער דזשאָו פינק און זאָגט:
— אַנטשולדיקט! איך האָב פריער פאַרהערט אייער נאָמען.
— פינק איז מיין נאָמען — זאָגט דזשאָו אַ צעמישטער.
— פינק? דער נאָמען פון אונדזער ווירט? אַ קרוב אפשר?
— אַ קאָזין — זאָגט דזשאָו. — אַזוי? זייער אָנגענעם.
(ער דריקט אים די האַנט) און איר זענט אויך אַן אַגענט?
מאָריס פינק שטייט שוין דערביי אַ פאַרצאַפּלטער
און ענטפערט: — אָבער ער איז ניט פון אונדזער פאַך.
און דזשאָו צאַמט קוים דעם בליק מיט קריוודעס פון יאָרן
אויפן רייכן קרוב: — איך בין אַ קליינער אַגענט . . .
פון זינגערס ניי־מאַשינען . . . מאָריס חזרט איבער:
— ער אַרבעט פאַר דער פירמע: זינגער ניי־מאַשינען.
מאָריסאָן זעט די צעמישונג, שפירט די קריוודע פון יונג
און פילט — ער האָט פאַרבראָדזשעט. נאָר גיין אויף חרטה
קען ער נישט מער, זוכט ער: — קומט דאָך אויך אויס
באַזוכן הייזער פון פשוטן פאָלק, פון אָרימע מענטשן,
האָט איר דאָך וואָס צו דערציילן . . . — ווער — איך? פרעגט דזשאָו.
— אַוודאי איר — זאָגט דער גביר. דזשאָו קוקט אויפן קרוב,
זעט די צעשראָקענע אויגן, וואָס ווילן זיין שטרענג
און הייסן אים שווייגן, זאָגט ער: — יאָ, איך זע זיך אָן גענוג!
מאָריסאָן שלעפּט שוין אַ שטול און זעצט זיך נעענטער.

אין צימער ווערט שטיל. ווען ס'ציטערט דאָס האַרץ
און ווען ס'קוועלט מיט שאָדן־פרייד אויף מאָריס פינק,
און דזשאָו ציט די האַנט צום ליקער, גיסט זיך אָן אַ גלעזל,
קערט עס איבער און זאָגט: — כ'וועל דערציילן.

— איר זעט — איך בין אַ קליין מענטשעלע. איר אַלע דאָ —
וויכטיקע לייט, גרויסע אַגענטן, פאַבריקאַנטן, פּאָליטיקער,
קלוגע, געלערנטע — און איך בין אַזוי זיך אַ מענטשעלע,
קיינער נישט . . . איר מעגט זיך אפילו צו מיר נישט צוהערן.
אָבער איך זאָג — ס'איז אַ פּאַסקודנע פּרנסה, אַט־די פּרנסה,
און ביי מיי ערן־וואָרט — איך נעם זיך נישט איבער דערמיט.
מר. מאָריס פינק, מיין קאַזין — ער מעג. ער איז רייך,
האָט געבויט אַ טעמפּל, קומט צווישן גרויסע לייט,
קען ער זיך איבערנעמען — איך נישט. און איך זאָג:
ס'איז אַ געמיינע פּרנסה. — האָט ער דאָס געוואָלט, מאָריסאָן?
אָבער ס'איז שוין צו שפּעט געווען. האָט ער זיך איבערגעבויגן
צו פינקן און אים איינגערוימט: — ס'מאַכט נישט אויס,
זאָל ער רעדן . . . און פינק, פון פאַרשצימעטע ציין,
האָט צוגעשטימט: מיר מאַכט נישט אויס . . . אַוודאי . .
דזשאָו האָט עס אויפגעכאַפּט: — ניש'קשה, ער מעג עס הערן!
מיר האָבןביידע געהאַט איין עלטער־זיידן און כ'געדענק
וויפיל מאָל ס'פלעגט מיך די מאַמע שיקן מיט חלה און פיש
צו זיי אויף שבת . . זיין טאַטע געווען אַ פיינער מאַן
און אַ געלערנטער — אַ מלמד, נאָר קיין ברויט נישט געהאַט.
אָבער ס'האָט נישט צו טאָן . . . איז ווען איך בין געקומען,
בין איך אריינגעפאַלן אין שאַפּ, און וואָס דאָס איז געווען
אין יענע צייטן קען מר. באָגוצקי בעסער דערציילן.
נישט אַזוי גרינג זאַמלט מען אָן מיליאָנען פון קליידלעך
און ווייבערשע רעק . . . מ'האָט געדאַרפט הונדערטער אַזעלכע
אָרימע בעק ווי איך זאָלן אָפּשקלאָפן יאָרן ביי דער מאַשין,
אַז מען זאָל אַזוי רייך ווערן פון אונדזער פראַצע . . .
(באגוצקין איז קאַלט געוואָרן, און אַלע אין צימער
האָבן גענומען אונטערטאַנצן אויף זייערע שטולן.)
איך בין נישט קיין „סאָשעליסט" . . . און אויב אַ מענטש
קען זיך דערשלאָגן, טאָ זאָל ער. איך אויף זיין אָרט
וואָלט מסתמא געטאָן דאָס זעלבע. נאָר איך טויג נישט
צו עקספּלואַטירן עמיצן . . . איז וואָס פאַר אַ לעבן
דאָס איז געווען צווישן אַ פאַבריקאַנט פון איין זייט
און אַ יוניאָן־דעלעגאַט פון דער צווייטער, מאָלט איך אַליין!
(מינסקער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און אָפּגעקערט).
מאַכן אַ סטרייק? איך בין מיט סטרייקער אויך געגאַנגען,

געקראָגן אַ ריפּ אַ צעבראָכענע . . . דאָ האָט דער ריכטער
פריער גערעדט וועגן יושר . . . מיר קענען דעם יושר . . .
די סאָשעליסטס זאָגן: מע דאַרף גיין אין קאַמף, גערעכט!
נאָר אַ מענטש דאַרף האָבן דעם נערוו צו קעמפן,
און איך האָב נישט . . . און דאָ איז אַ ווייב מיט אַ קינד,
מען דאַרף מאַכן אַ לעבן . .. זאָגט זי: ווער אַן אַגענט!
קלער איך: וואָס זאָל איך גיין פאַרקויפן? די איינציקע זאַך
וואָס איך קען, איז די ניי־מאַשין. זאָל זיין די ניי־מאַשין!
אָבער איך זאָג — עס איז פוילקייט. מען זוכט אַ גרינג לעבן,
מען וויל זיך פּאַזשיווען אויף יענעמס בלוט — אמת!
אַז איך זיץ אין שאַפּ — אַרבעט איך. יענער ראַבעוועט מיך,
איך ראַבעווע קיינעם נישט. און דאָ ראַבעווע איך.
יאָ, איך ראַבעווע . . . אַז איך קום צו אַן אָרימע פרוי
און רעד איר איין אַ מאַשין און זי צאָלט און צאָלט,
דערנאָך ווערט קראַנק דער מאַן, צי ער האָט נישט קיין אַרבעט,
קומט די פירמע צוגיין און נעמט צו די מאַשין.
די פירמע האָט אירס געקראָגן און נאָך מיט פּראָצענט.
איך אויך האָב איינגעמאַנט מיינס. נאָר די אָרימע פרוי —
זי האָט געצאָלט און געצאָלט און בלייבט מיט גאָרנישט.
איז דאָס גזלה צי ניין? איך זאָג, אַז יאָ.
ביי אייך אפשר — גרויסע אַגענטן, באַנקירן, ביזנעסלייט,
איז נישטאָ קיין גזלה. ביי מיר איז דאָ. און אַז איך קום
אין אַ שטוב אַזאָ, דערקען איך שוין באַלד: דאָ
וועט זיין אַ מאוסער סוף. ווען איך וואָלט געווען
אַן ערלעכער מענטש, וואָלט איך אליין געזאָגט: נעמט נישט!
אָבער איך רעד פאַרקערט. איך רעד איין. ווייל איך בין נישט
קיין ערלעכער מענטש. ווען איך בין געווען אַן אַרבעטער,
בין איך ערלעך געווען. איצט בין איך נישט מער.
(דזשאָו האָט שוין פאַרגעסן צווישן ווענען ער זיצט,
זיך געהיצט און געוואָרפן דעם קאָפּ און די פויסטן).
און אַז איר ווילט, וועל איך אייך זאָגן נאָך:
אַן אַגענט מוז פאַרלירן זיין כבוד, זיין בושה — אַלץ . . .
איר'ט הערן. ס'איז געווען יענעם חודש. מיינער אַ פריינט —
איז אַ טראָק אַריינגעפאָרן אין זיין מאַשין, אים צעקלאַפּט
און אָוועקגעלייגט. נעם איך איבער זיין דיסטריקט און גיי.
ס'איז צווישן די שוואַרצע. איך קריך אַרויף
אויף אַ פערטן שטאָק — איר ווייסט ווי זיי וואוינען —
עפנט אַ מיידל די טיר. דערצייל איך איר ווער איך בין.
לאָזט זי אריין, און זאָגט — איך זאָל איר נאָכגיין. מיין איך —
זי גייט נאָכן געלט אַהין. ערשט זיך נעמט זיך אויסטאָן.
זאָג איך צו איר: — וואָס טוסטו? ענטפערט זי מיר:

זיי האָבן נישט היינט קיין געלט. פֿאַרשטיי איך אַליין נישט.
קוקט זיך מיך אָן און לאַכט — — —

ס'איז געוואָרן אין צימער אַזוי ווי מ'זאָל עפּנטלעך אָפּטאָן
אָן אומגלויבלעכע זאַך. ווער ס'האָט פֿריער געזוכט
צו באַהאַלטן דאָס פּנים פֿון קלעפּ, האָט אַצינד זיך געמאַטערט
צו דערוואַרגן די נקמה און חוזק, וואָס האָבן געשפּאַרט
פֿון די אויסגעשטאַרצטע אויגן און פֿאַרשטיקטן געלעכטער.
מאַריסאָן האָט דערזען אַ תהום פֿאַר די אויגן, און ווי איינער
וואָס זעט דעם תהום און מוז דאָך אַהין גיין, האָט ער מיטן בליק
אויפֿגעזוכט דעם אַלטן דאָקטאָר און דערזען זיין שמייכל
אין אָן אויסגעקרימטן ווינקל פֿון מויל: — האָסט געוואָלט
זיך דערוויסן וואָס בינדט דיך מיט אים. איצט ווייסטו . . .
געמוזט עפּעס טאָן מיט די הענט, אַרויסגענומען דעם זייגער,
אַ קוק געטאָן, גאַרנישט געזען און אַרויסגערעדט:
— אפשר אַביסל אַריינגיין אַהין, צו יענע געסט . . .
— אוודאי אַריינגיין — איז אויפֿגעשפּרונגען פּינק.
נאָך זיי האָבן איינציקווייז, קייכנדיק, אויסגלייכנדיק
די צעקרימטע פּנימער, די אַנדערע זיך אַרויסגעשאַרט,
און געבליבן מיטן צעטומלטן דזשאָו איז לואי ווייס
און רויזמאַן און דער אַלטער דאָקטאָר. האָט לואי
אַ קלאַפּ געטאָן דזשאָון: — האָסט זיי גוט אַריינגעזאָגט!
און דער דאָקטאָר האָט זיך אויפֿגעהויבן און צו צו אים:
— איז זי עפּעס געווען אַ שיינע? — ווער? — האָט אים דזשאָו
איבערגעפֿרעגט. — איך מיין דאָס מיידל, די שוואַרצע.
נאָך אַלץ אַ צעמישטער האָט דזשאָו ווי אַ תם געענטפֿערט:
— לויט ווי ניגערשע מיידלעך — גאַרנישט קיין מיאוסע.
— הם! . . . — האָט דער דאָקטאָר אָפּגעמאָסטן דזשאָון,
און מער קיין וואָרט נישט געזאָגט און אַרויס פֿון צימער.

אין אַ ווייל אַרום, ווען מאַריסאָן איז שוין אַוועק,
איז פּינק ווידער אַריין אין צימער מיט די דעמבענע ווענט
און דערזען אין ווינקל וואו דזשאָו איז געזעסן
עפּעס אַ פּאָרל — דאָס מיידל כמעט ביים בחור אין שויס.
האָט ער שנעל פֿאַרמאַכט די טיר און זיך אָפּגעטראָגן.
און מער איז גאָרנישט געשען אויף דער חתונה
ביי עוועלין פּינק, וואָס זאָל זיין כדאי צו דערציילן.

1932

לידער

אַ ליד פון אַ מיידל

קומט דער אָוונט נאָר אויף דער וועלט אַראָפּ
גייען מיידלעך פון פאַבריק אַרויס.
און זיי לאָזן זיך מיטן ברייטן וועג
אויפן פרייען פעלד צום שפּאַציר אַוועק.

מיטן אָוונט גלייך אויפן ברייטן וועג
קומען אויך אַרויס יונגע בחורים.
מען באַגעגנט זיך און מען רעדט, מען לאַכט,
און מען ליבט זיך דאָרט ביז אין טיפער נאַכט.

קומט דער אָוונט נאָר אויף דער וועלט אַראָפּ,
גייען מיידלעך פון פאַבריק אַרויס,
אַלע לאָזן זיך אויפן ברייטן וועג —
איך אַליין בלויז גיי אין אַ זייט אַוועק.

קוקט נישט חברטעס, וואָס איך בלייב אַליין,
נישט באַשערט פאַר מיר איז דער ברייטער וועג.
פרעגט נישט, חברטעס, וואוהין פירט מיין וועג —
נישט פאַר איך געדאַכט אין דעם וועג צו גיין.

אויף דער הינטער־גאַס, נעבן פרייען פעלד
שטייט אַ מויער־שלאָס, אַ פאַרפאַרקנטער,
און אַ וועכטער גייט און ער קוקט און הערט,
און עס קלאַפּט די ביקס אין דער קאַלטער ערד.

דאָרט אין מויער־שלאָס פון אַ פענצטערל
ציען בליקן זיך אין דער נאַכט אַריין,
דאָרטן וואַרט אויף מיר מיין געליבטער־קרוין,
און די שוואַרצע שויב שלינגט מיין נאָמען איין.

נאָר דאָס ווייס איך נישט, וואָסער פענצטערל
האָט זיין בלייך געזיכט איינגעהילט פון מיר.
און ס׳איז שטיל די נאַכט, נאָר אין וואָלקן־גראָ
די לבנה שווימט — און איך בעט ביי איר:

— מיין געליבטער בענקט פון דער איינזאַמקייט,
כ׳וויל אים שיקן כאָטש פון דער ווייט אַ קוש.
גיי אַרויס פון וואָלקן, לבנה־ליב,
צו זיין פענצטערל מיר אַ סימן גיב.

קומט דער וועכטער אָן מיט זיין בייזן קול:
— וועמען זוכסטו דאָ, וועמען דאַרפסטו דאָ?
מיט זיין בייזן קול טרייבט ער ווילדן שפּאַס
און ער יאָגט מיך נאָך אין דער הינטער־גאַס.

און איך קום אַהיים — שטייט די מאַמע אויף
פון איר אַלטן בעט, שרייט זי אָן אויף מיר:
— ס'פאַלט מיר נעבעך דאָ ס'האַרץ אַרויס פאַר שרעק,
און זי לאָזט זיך דאָרט ביז אויף טאָג אַוועק.

מאַמע טייערע, ליבע מאַמעניו!
מיין צעבראָכן האַרץ פאַר וואָס זעסטו נישט?
פאַר וואָס וויסטו נישט פון דיין אייגן קינד,
אַז אי נאַכט אי טאָג איז איר ווי און ווינד?

1909.

אַ ליד פון אַ צוריקגעקומענעם

האַלבער נאַכט, דעם קאָפּ געבויגן,
זאַק און שטעקן אין די הענט,
שפּאַנט אַ מענטש אין פינצטער געסל,
שאַרט זיך שטיל ביי שוואַרצע ווענט.

זוכט ער אויף אַן איינזאַם שטיבל,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ — ער קלאַפּט אין טיר.
— אוי, ווער איז דאָרט? — פרעגט אַ שטימע,
און דער פרעמדער ענטפערט איר.

ווערט אַ טירל האַלב געעפנט,
בלייבט דאָרט שטיין אַ בלייכע פרוי.
— דו? . . . און ס'ווערט איר קול פאַרציטערט
און די האָר, ווי מאָרגן־טוי.

— איך . . קלינגט אָפּ זיין שטילער ענטפער.
שטאַרע אויגן קוקן שטום —
איינגעפאַלן איז דאָס שטיבל
און פאַרענדערט אַלץ אַרום.

און אין שיין פון לעמפּל הערט זיך:
— נישט באַוואונדער מיינע האָר!
ס'האָבן שנייען זיי געוואַשן
און געווייסט פון יאָר אויף יאָר.

ס'האָט אַ ווינט מיין קאָפּ געבויגן,
און די אויגן — פרעג נישט מער —
אויסגעקוקט האָב איך די אויגן
אין דער ווייטעניש אַהער.

און געחלומט האָב איר יאָרן
וועגן ווייטער שטילער רו.
ווייסע הענט און ווייכע בליקן
האָט מיין ווייטע פרוי, האָסטו . . .

ווערט זי שטיל מיין קאָפּ פאַרוויגן
אויף דער ברוסט, וואָס ליבט אין שטיל,
און מיין קינד — — — ער קוקט זיך אומעט —
ס'קלאַפּט אין וואַנט אַ האַרטע גריל.

און זי עפנט אירע אויגן
און זי ציט דעם ענטפער בלייך:
ווייסע הענט פאַרשוואַרצט די אַרבעט,
פינצטער מאַכט דעם בליק נישט ווייך.

און דאָס קינד — ביים אַלטן פאַרקאַן
בויגט אַ ברעטל זיך צו דר'ערד,
ס'וואַקסט אַ גרעזל אַרום ברעטל —
קיין מצבה נישט באַשערט.

אינעם טונקל הערט מען כליפּען,
קושן שוועבן אין דער שטיל,
און די שיין פון לעמפּל ציטערט . . .
ערגעץ קלאַפּט אַ האַרטע גריל . . .

1909.

אַ ליד פון אַן אַם

אַ שיף איז דערטרונקען געוואָרן אין ים,
מיין מאַן איז אויף יענער זייט ים.
צען וואָכן, אַז כ'האָב שוין קיין בריוו נישט געהאַט —
אין ים איז פאַרטרונקען דער בריוו.

דאָס נאַכט־לעמפּל ברענט אַזוי ציכטיק און העל —
ס'איז וואַרים ביי לייטן און ריין.
דאָס פרעמדע קינד אָטעמט אין וויגל ביים זייט —
מיט מיין קינד וואָס איז אין דער פרעמד?

עס מאַטערט צום שלאָפֿן, נאָר ס'רוט נישט דער קאָפּ —
גאָט ווייסט, וואָס דאָרט איז מיטן קינד.
ס'איז אפשר פֿון וויגל אַראָפּ, זיך צעקלאַפּט,
און ס'וויינט, נעבעך, ווי איז מיר נישט.

אָט וועט זיך באַלד אויפכאַפּן דאָס ביי דער זייט
און ציען און ציען די ברוסט . . .
צי איז מיר באַשערט נאָך צוריק, ווי אַמאָל
צו זיצן ביים אייגענעם טיש?

צי זען אים ביים וואָרשטאַט געבויגן: קליפּ־קלאַפּ,
אַ וואָרט כאַטש צו הערן פֿון אים.
איך וואָלט דאָך אים, דאַכט זיך, געוואַשן די פֿיס,
דאָס וואַסער געטרונקען פֿון דעם.

עס קלעפּן זיך אויגן, נאָר ס'נעמט נישט קיין שלאָף,
אַלץ טומלט און שווינדלט אין קאָפּ.
אַ שיף איז דערטרונקען געוואָרן אין ים —
מיין מזל אַוועק מיטן ים.

.1910

אַ ליד פֿון אַ יונגער פֿרוי

עס ליגט אַ ביכל אויפגעמישט.
איך האָב די אויגן אויסגעווישט,
נאָר ס'קלעפּט זיי ווידער מידער שלאָף,
און וואָס איך לייען ווייס איך נישט.

וואָס קען אַ ביכל זאָגן מיר?
איך האָב געלאָזט אַן אָפֿענע טיר.
אָט קומט מען באַלד אַריין — און שטיל
אַ גנבה־קוש: גוטן אָוונט דיר!

ס'שטייט אויפֿן וואַנט אַ שאָטן־ריז,
איך ווייס — דו קומסט, דו קומסט געוויס.
איך מיש אַ בלאַט און קוק אַריין:
ווי אומעטיק דאָס ביכל איז!

דאָס לעמפּל צאַנקט — עס ווערט שוין שפּעט.
עס נויגט דעם קאָפּ צום שטילן בעט.
בו, זע, ווי ווייך, ווי ווייס עס איז:
פֿאַר דיר האָב איך עס אויסגעבעט.

וואָס דאַרף איך דען אַן אָרט אַליין?
אין דיינע אָרעמס וועל איך קליין,
אין דיינע הענט באַהאַלט איך זיך,
אַז איך אַליין קען מיך נישט זען.

אַזוי ניט הימלעך איז אַרום.
עס דריקט דער פינצטער קאַלט און שטום.
איך נורע זיך אין ווינקל איין
און אומעט שוועבט אין האַרצן אום.

און זע — עס קומט שוין טאָג אַהער,
איך קען נישט חלומען שוין מער,
איך וועל נישט איינשטילן מיין ליד
און וועל נישט אָפּווישן די טרער.

איך האָב די מידע הענט צושפּרייט —
מוזט קומען דאָך מיט זון באַגלייט,
און אויסטרינקען מיין בענקעניש
מיט ליבע־דורשט און ליבע־פרייד.

עס איז שוין טאָג. עס שיינט די ערד.
ס'האָט וועך מיין בעטן נישט דערהערט.
ס'האָט וועך מיין טרוים פון טאָג און נאַכט,
מיין טאָג און נאַכט מיט ווייַ צעשטערט . . .

.1911

אַ ליד פון אַ זעלנער

דער זייגער איז פינף. דורכן מידיקן שלאָף
טוט וועקן דער זעלנערשער אויסרוף: שטיי אויף!
עס רייסט מיר פון קישן דעם שיכורן קאָפּ,
פון ווייטע חלומות דעם וועב רייסט ער אָפּ —
שלאָף, כלה מיין, וויס נישט דערפון.

דער זייגער איז זיבן. פון מאָרגן־מושטיר
קום איך שוין צוריק, אַ פאַרבענקטער נאָך דיר.
עס גליווערט די פינגער, עס פרירן די פיס —
דו שלאָפסט דאָך אַוודאי — טו שלאָף דאָך מיר זיס,
שלאָף, כלה מיין, וויס נישט דערפון.

דער זייגער איז צען. מיט דער ביקס אין דער האַנט
ביים ציל שטייט דיין חתן און צילט זיך אין וואַנט.

דעם אָטעם פאַרהאַלטן, געשלאָסן דעם מויל.
דו זיצסט דאָך און קעמסט דיינע לאָקן, ווי קויל —
קעם, כלה מיין, ווייס נישט דערפון.

דער זייגער איז צען. מיטן לעמפּל און ברויט
אין עס־שטוב, פאַרשוואומען אין ריח פון קרויט
שטייען זעלנער און קלאַפּן אין בלעכענעם „באַק" —
דאָס היימישע עסן זאָל זיין דיר געשמאַק,
עס, כלה מיין, ווייס נישט דערפון.

דער זייגער איז ווידער שוין זיבן. פון מי
באַפרייט האָט דער אָוונט ביז מאָרגן גאַנץ פרי,
נאָר איצט ווערט געטריבן צום לידער־געזאַנג.
זינג אויך אַצינד אונדזערע לידער פון לאַנג,
נאָר, כלה מיין, זינג נישט דערפון.

דער זייגער איז ניין. דער געלעגער איז האַרט.
כ'האָב קוים זיך אַ ווײַלע צום טראַכטן דערוואַרט —
באַצווינגט מיך דער שלאָף און צעשיידט מיך מיט דיר.
דו גייסט ערשט, אַוודאי, אַרויס צום שפּאַציר —
גיי, כלה מיין, טראַכט נישט דערפון.

און אפשר דער חלום — ער ברענגט מיך צוריק
אַהין, וואו כ'האָב וואַרטן געלאָזן מיין גליק.
און כ'וועל האַלבער נאַכט איבערטרעטן דיין שוועל.
נאָר ניין — ס'וועט נישט קומען דאָס גליק אַזוי שנעל.
ניין, כלה מיין, טרוים נישט דערפון.

.1911

אַ ליד פון אַ גרויסשטאָטישער

די נאַכט פאַלט צו. עס צינדן זיך ווי שטערן
וויטרינעס טויזנטער און טויזנטער לאַמטערן.
עס רופט די נאַכט און וועקט אין בלוט באַגערן
אין רויש און ליכטיקייט פון גאַס באַרוישט צו ווערן —
זיי, מיידל וואַך!

די נאַכט פאַלט צו. ס'איז נאַכט געקומען, שוועסטער,
עס שפּילן שוין אין רעסטאָראַנען די אָרקעסטער.
דיין ליבסטער וואַרט אויף דיר, דער לוסטיקער און בעסטער,
פאַר דיר אַליין אַ גאַנצע וועלט פאַרגעסט ער —
זיי, מיידל וואַך!

עס איז שוין נאַכט. אויטאָמאָבילן שטייען.
זיי וועלן יאָגן אונדז, דעם ווינט אין פּנים ווייען
די גייער שרעקן מיט די הייזריקע געשרייען
און אין דער פינצטער וועט פאַרפירן אונדז נאָר צווייען —
זיי, מיידל וואַך!

ס'איז נאָך די נאַכט, די זיסע, ניט פאַרפלויגן.
דער ווייסער ווײַן — ער שוימט אונדז פאַר די אויגן:
ביים ליבסטן אין די אָרעמס אויסגעבויגן,
די ליפּן אים, צו אים די הענט געצויגן —
זיי, מיידל וואַך!

עס גראָט אַ טאָג. עס שלאָפן טאַטע־מאַמע.
עס חלומט זיי — די טאָכטער שלאָפט מיט זיי צוזאַמען.
די טאָכטער ווייסט אָבער — זי וועט עס נישט פאַרזאַמען.
איר פּנים גליט און אירע אויגן פלאַמען —
זי איז נאָך וואַך!
1913.

אַ ליד פון גענדז

דו אָרימער! וואו קענסטו דען פון זיי אַנטרינען,
אַז אומעטום, וואו ס'זאָל דיין טריט נישט קומען,
איז פול מיט זיי. זיי טומלען זיך און זשומען
ווי פליגן אין אַ זומער־טאָג, און ווי די שפּינען
פאַרציען זיי מיט שפּינוועב יעדן טריט,
אַז ס'איז קיין וועג נישטאָ, קיין אויסגאַנג ניט.

די הענט האָבן זיי ווייך און בוגיג, ווי די צווייגן,
די אַקסל — רירעוודיק צום ברעכן זיך אַ הינטער.
די העלדזער ווייס, ווי שניי אין ווייסן ווינטער,
די ליפּן אָפן אין באַגערן־פולן שווייגן,
און יעדעס אויג אין שמייכלדיקן שיין
פאַרנאַרט דיך אין אַ ליכט־געוועב אַריין.

און ווען זיי עפענען די ליפּן אויף מיט שטילע ווערטער —
איז יעדעס וואָרט אַ פיל־האָרן אַ דינער צו דערטאַפּן
וואו ווייכער ס'איז דאָס האַרץ, כדי ציטריק אָנצוכאַפּן
מיט נעגלעך פאַרהאָניקטע די שוין צעווייכטע ערטער.
און שטעכיק־ליבלעך יעדער האָרן טרעפט,
אַז ס'ווערט אַ האַרץ אין זיסיקייט געפּלעפט.

אַנטלויף אין גאַס פון זיי, אין טומל און געפּילדער.
איז — שפּרייזן זיי, ווי גענדז באַזאַכט אויף אַלע וועגן,
און יעדע גאַנדז איר צאַרטן שנאָבל טראָגט אַנטקעגן,
און יעדערס ריר איז בויגיקער און מילדער.
זיי פּאַרזיכטיק, קלייב פּאַרזיכטיק דיין שטעג,
אַז נישט פאַרגייסטו נאָך אַ גענדזל אויף איר וועג.

און אַז ביינאַכט, ביי זיך אין צימער שוין באַהאַלטן
פאַרמאַכסטו אַלע פענצטער־לאָדן, אַלע טירן —
געפינען זיי אַ וועג צו דיר דורך דיין געהירן,
דורך אַלע שליסל־לעכער, אַלע לאָדן־שפּאַלטן,
און זאָל דער טויט אַליין באַוואַכן דיינע נעכט —
זיי וועלן דיך און אים — אייך ביידן טאָן דאָס רעכט!

.1914

אַ ליד פון אַ כלה

זיינען געפלויגן די מיידלשע יאָרן,
ווי בינען פון בלימל צו בלום.
האָבן דעם זאָפט פון די בלומען געזויגן
און ווידער געפלויגן: זום־זום.

פליט, פליט, יאָרעלעך,
זומט, זומט, בינעלעך —
קלייבט זיך אַ בינענשטאָק אויס.
לאַנג ווערט דאָס קליידעלע,
צייטיק דאָס מיידעלע —
ס'בויט זיך פאַר איר שוין אַ הויז.

האָבן געפלאַטערט די מיידלשע טרוימען
ווי שמעטערלינגס נאַכטלעך אין שיין.
זיינען צום פייער געפלויגן, געבריט זיך,
און ווידער אין פייער אַריין.

הייס גלי, מיידל־טרוים,
פלי־ברען, שמעטערלינג —
ס'פאַנגט דיך אַ פלאַם און פאַרברענט.
העלער די אויגעלעך,
בלייכער די בעקעלעך —
ס'האַרץ האָט שוין ליבע דערקענט.

זיינען געקומען די מיידלשע ליבעס,
ווי פרילינג־צייט שוואַלבן צום נעסט.
ווינטער אין שנייען פאַרוואַגלט, פאַרפלויגן,
און זומער־צייט — ווידער צו נעסט.

בלי אויף, מיידל־האַרץ,
פלי, קום, שוועלבעלע —
באַלד איז די נעסט שוין פאַרמאַכט.
איין קוש, חברטעס,
ווינטשט גליק, טייערע —
מ׳האָט שוין די חופּה געבראַכט.

.1913

לידער פאַרן שפּיגל

אַז מען בלייבט אַמאָל זיצן אַליין
אין דער נאַכט פאַרן שפּיגל צו לאַנג —
קען מען אָפט מאָל אין שפּיגל דערזען,
אַלץ, וואָס קומט נאָר אַריין אין געדאַנק.

בלייב איך זיצן אַמאָל אין דער נאַכט
פאַרן שפּיגל אַליין און איך טראַכט:
אפשר איז מיר באַשערט צו דערזען,
וואָס עס דאַרף מיר אין לעבן געשען.

זע איך — ס׳קוקט מיר פון שפּיגל אַרויס
דאָס פאַרגעסענע היימישע הויז,
און אָט שפּיל איך מיט קינדער אין זאַמד
אינעם גערטל מיט ברעטער פאַרצאַמט.

ווייטער זעט זיך דער גרינלעכער וועג,
און דער טייך — און מיר זיצן ביים ברעג
ערגעץ ווייט מיטן שכנס אַ זון —
עס זאָל קיינער ניט וויסן דערפון.

נאָכדעם זעט זיך די ענגשאַפט אין באַן,
און אַ צימער — אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן.
ס׳ווערט פאַרנאַכט — איך פאַרמאַך די מאַשין,
און איך לאָז מיך און וויים נישט וואוהין.

און אַט זע איך אַ פּנים אַ בלאַס:
כ'האָב אים נעכטן באַגעגענט אין גאַס,
אַט אַ צווייטער — אַ קוק און פאַרביי,
און נאָך איינער, נאָך צוויי און נאָך דריי.

אַלע קוקן מיך אָן אַזוי קאַלט,
און נישט קיינעם דער שפּיגל פאַרהאַלט.
בלייב איך זיצן, מיט אויגן פאַרמאַכט,
און אין חלום פאַרגייט מיר די נאַכט.

⁂

האָט אַ חבר אַמאָל זיך פאַרבענקט
נאָך אַ היימישן מענטש אין דער פרעמד,
איז געזעסן, דערמאָנט, וואָס געדענקט,
און די קרויזן אין שפּיגל געקעמט.

נאָך געפּלוידערט אַ ווייל ביי דער טיר.
גוטע נאַכט! — און דאָס צימער פאַרלאָזט.
איז אַוועק, נאָר אין שפּיגל ביי מיר
זיינע גליאיקע אויגן געלאָזט.

אויגן שוואַרץ און נאָך שוואַרצער די ברעם,
און דער בליק אינעם שפּיגל-גלאָז ברענט.
מוז איך לויפן, אַנטלויפן פון דעם,
פון די אייגענע ענגע פיר ווענט.

ניט פאַרלאָזן דאָס בעט אין דער פרי.
נישט אין אָוונט זיך לייגן אין בעט.
נישט קיין נאַכט, נישט קיין רו נאָך דער מי,
נאָר צו וואַנדלען אין גאַסן ביז שפּעט.

ס'איז אין צימער נאָך עמיצער דאָ,
שטענדיק דאָ און שפּירט נאָך מיינע טריט.
שטענדיק דאָ און איז קיין מאָל נישטאָ,
און פון קיינעם קיין וואָרט הער איך ניט.

⁂

ס'איז מיין שפּיגל געשען עפּעס וואָס.
וויל איך זען דאָס פּנים אין גלאָז —
ווערט מיין בליק מיט אַ שלייער פאַרשפּינט,
ווי אַן אַפּל פון אויג, וואָס איז בלינד.

ווערן האָר אַזוי טרוקן און האַרב,
ווערט פאַרבליט פון די באַקן די פאַרב,
ווערט פאַרווישט פון די ליפּן דאָס רויט
און פאַרצויגן מיט גראָקייט די הויט.

ס׳איז דער שפּיגל מיט פלעקן באַדעקט —
איז מיין פּנים דערפאַר ווי באַפלעקט.
ס׳איז צו קוקן אין פלעקן מיר שווער —
און דעריבער באַווייזט זיך אַ טרער.

כ׳וואָלט אַ נייעם געקויפט, נאָר וואָס לוינט?
ווערט מען דען נישט צו עלטער געוואוינט?
פעלשט ער צו—אויך דער אומגליק נישט גרויס—
כ׳ווייס אַליין, ווי מיין פּנים זעט אויס.

ס׳מאַכט נישט אויס, אויב עס ווערט אַמאָל שווער:
אַלטע פריינט מעגן זען אויך אַ טרער.
עס דערציילט נישט אַ פריינט, וואָס ער זעט,
און פאַרשטייט שטילערהייט, און פאַרשטייט.

.1915

אַזאַ פּאָרל

אַז קיין חופּה־רינגען טראָגןביידע נישט,
און פאַר פרעמדע מענטשן זיינען שטום די ליפּן,
איז קיין חתן־כלה זיינען זיי דאָך נישט —
וואָס־זשע האַלט מען זיך אַזוי ווי צוגעקניפּטע?

אַזאַ חתן איז עס,
אַזאַ כלה איז עס,
וואָס זיי קענען זיך ניט שטעלן אונטער חופּה.

האָט ער ווייב און קינד געלאָזן אויפן ווינט,
צי זיך דורכגעבראָכן דורך אַ טיר פון אייזן?
ווייַנט נאָך איר פאַריתומט אין דער היים אַ קינד
און עס פרירט איר קישן ביי דער זייט פון שפּייזער?

אַזאַ חתן איז עס,
אַזאַ כלה איז עס,
וואָס זיי טאָרן זיך אין זייער היים נישט ווייזן.

וואָס־זשע שפּאַנען זיי מיט טריט אַזוי געצילט,
ווי ער וואָלט זיי צו דער מאַמעס שוועלן פירן?
ס'איז אַ שפּיל דאָס שפּאַנען — בלויז אַ שפּיל אין ציל,
ווייל עס וואַרט אויף זיי אין ערגעץ נישט קיין דירה.

אַזאַ חתן איז עס,
אַזאַ כלה איז עס,
וואָס מען עפנט נישט פאַר זיי קיין טירן.

וואָס־זשע קענען טאָן אַזעלכע צוויי,
אַז מען האָט נישט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן?
וועלן זיי זיך האַלטן ביי די הענט און גיין אַזוי,
תמיד גיין און זיך פאַרקוקן אין די אויגן.

אַזאַ חתן איז עס,
אַזאַ כלה איז עס,
וואָס נישטאָ פאַר זיי אין ערגעץ קיין געלעגער.

.1928

וואָד

פון ווייטע ווייסע בערג דער גאָלד־נעפּל פאַרשוואונדן,
די וואָכעדיקע גאַס דעם טומל־טאָג באַגלייט.
ס'איז ערגעץ דאָ אַ לאַנד, וואו ס'ווערט ערשט ליכט געצונדן,
און שבת קומט אַריין אין העלער זיידנער קלייד.

ס'איז ערגעץ דאָ אַ הויז, וואו ס'שטייט מיין אַלטע מאַמע
מיט ציטערדיקע פינגער איבער ווייסע ליכט.
די טרערן פּערלען זיך אין צאַפּלדיקע פלאַמען
און לעשן זיך אין טיפע קנייטשן פון געזיכט.

אַ, טרערן, צאַנקענדיקע מאַמע־טרערן!
זאָל אייער פּערלדיקייט כאָטש דערזען ווערן
דאָרט, וואו עס קען מיין שטומער צער שוין נישט דערגרייכן!

עס לעשן זיך די לעצטע אָוונט־שטראַלן.
די נאַכט פאַלט צו — און שווערע שאָטנס פאַלן
אויף מיר און אויף די ווייטע נעפּלדיקע הויכן.

ס'האָט זיך פון ווייט ערגעץ אַ קירכן־גלאָק צעקלונגען,
און קלאַנגען זינקען לאַנגזאַם, ווי אין תהום.

צי איז די טונקלקייט נישט דורכגעדרונגען
מיט שטילן שעפטשען: גאָט פון אברהם? — — — —

עס גייט אַ שטערן אויף. אַלץ הילכעדיקער יאָגן
די גלאָקן זייער רוף אין ווייט אַריין.
כ׳צינד פייער אָן. זאָל איך „המבדיל״ זאָגן
און שטומקייט שלינגען שטאָט הבדלה־ווין?

עס קלינגט דער קירכן־גלאָק פאַר די, וואָס גלויבן.
פאַר זיי האָט זיך ערשט יום־טוב אָנגעהויבן,
און ערגעץ ווייט פאַר נאָענטע האָט זיך די וואָך פאַרנומען.

ווער זאָל מיין צייט מיט יום־טוב־בלומען פלעכטן?
ס׳איז גראָע וואָך פאַר מיר געוועזן נעכטן,
און גראָע וואָך איז היינט, און וואָך וועט מאָרגן קומען.

ס׳איז זונטיק דאָ. עס איז נאָר וואָס פאַרגאַנגען
דער לעצטער אָרגל־קלאַנג אין קירכן־רוים,
און יום־טובדיק צופרידן איז מען זיך צעגאַנגען,
אַ תפילה־אָפּקלאַנג צו געדענקען קוים.

שוין פינקלט לוסט פון יוגנט אונטער ברעמען,
שוין הערט זיך וואו פון געסלעך אַ געזאַנג,
נאָר מיינע אויערן אַליין נאָך אַלץ פאַרנעמען
פון „אַווע מאַריא״ דעם ווייטיקלעכן קלאַנג.

אָ, שוועסטער מיין! ווי ווייט פון דיינע ליידן
עס זיינען די, וואָס האָבן אין גן־עדן
אַלס קעניגין דערהויבן דיך צום הימלס רודער.

ווי אייביק נאָענט איז דיין מאַמע־טרויער;
ווי אייביק קלינגט דיין וואָגל־ווויי אין אויער
פון ברודער דיין, פון הימלאָז־צאַנקנדיקן ברודער!

.1914

כ׳זאָל דאָס רעכט

כ׳זאָל דאָס רעכט פון מתים האָבן —
קענען אָנזאָגן מיין ווילן
דורכן חלום,
וואָלט איך צו דעם טאַטן קומען

אים אַזוי צו זאָגן:
טאַטע מיינער!
גיי אַוועק אין יענעם שטעטל,
וואו דו האָסט דיין שטילע יוגנט
אָפּגעוואָגלט,
טאָג אויף טאָג ביים האַרטן שטענדער
און די נעכט אויף בענקלעך האַרטע,
גיי אין קלויז אַריין,
וואו די ווענט, געקריימט פון עלטער
ווען נאָך דיין קול דערקענען,
און זאָלסט בעטן:
ס'האָט מיין זון אַ ווירבל־שטורעם
פון זיין היים אין ווייטער פרעמדקייט
אָפּגעריסן.
פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער
קענען נאָר דעם קאָפּ, דעם מידן
אָפּרו געבן.
אָבער ס'איז נישטאָ קיין ווינקל
אין דער פרעמד פאַר אַ נשמה,
אַ פאַרבענקטער
נאָכן קוואַל פון איר חיונה.
כאָטש איר האָט זיין שטימע קיין מאָל
נישט פאַרנומען,
דאָך פון ווייטענישן אייביק
האָט צו אייך מיין זון גערופן,
ווענט, איר אַלטע,
וואָס איר האָט אַזוי פיל דורות
שטילע ציטריקע נשמות
שוין באַשירעמט. —
נעמט אַריין אויך די נשמה
פון מיין זון, אין פרעמד פאַרוואָגלט,
און באַשיצט זי . . .
זאָלסט אַזוי זיי, טאַטע, בעטן.
און אין ווינקל, וואו דיין יוגנט
איז פאַרגאַנגען
אין אַ פרומען אומעט־ניגון,
זאָלסטו אָנצינדן אַ ליכטל,
אַ נר־תמיד
פאַר מיין היימלאָזער נשמה —
זאָל כאָטש דאָרט אַ פלעמל צאַנקן
פאַר מיין לעבן

אינעם אומעטיקן ווינקל,
וואָס וועט שוין מיין שטימע קיין מאָל
נישט דערהערן.

.1914

דער קוואַל

נעם אַן אייזן און אַ רידל,
שפּאַר זיך אָן אין האַרטן באָדן,
האַק און גראָב.
וואָס דאָס אַקערן און גראָבן
וועט דיר ברענגען מיט די יאָרן
איז דיין האָב.

קלינגט דער שפּיץ פון האַרטן אייזן
און עס בלוטיקן די פינגער
אויפן שטיין.
ס'וועט זיך נאָך די וואונד פאַרהיילן
ביז די יונגע יאָרן וועלן
דיר פאַרגיין.

יאָ, עס קומט אַלץ וייך און ווייכער.
דאַרפסט שוין שלעפן מיטן רידל
פייכטן ליים.
אין דעם זומפּ פון ליים פאַרזונקען
האָסטו פאַר די מיטל־יאָרן
דיר אַ היים.

וואָס? שוין שוואַך דער אַלטער אָרעם?
ס'מאַכט נישט! גראָב און דו וועסט טרעפן
געלן זאַמד.
אונטער אים דער קוואַל איז נאָענט,
שנעלער גראָב, ווייל נאָך אַ ווייל — און
האָסט פאַרזאַמט.

אין דער טויטער האַנט דעם רידל
ביי דעם קוואַל פון פרישן וואַסער
בלייבסטו שטיין,
און די זאַמד און שטיינער קומען
און פאַרדעקן און פאַרשלינגען
דיין געביין.

.1918

11טער נאָוועמבער 1918

אַרויס אין מיטן נאַכט אין שטאָט.
ס'פאַרהאַלט ביים שוועל מיין מידן טראָט
לאַמטערן־פייער, קיל און מאָט,
עס טראָגט אַ קאַלטער ווינט מיר צו
פון וויסטן פּאַרק אַ לעצטן בלאַט,
און רעדער־הילך פון ערגעץ־וואו,
עס איילט אַהיים אַ יונגע פּאָר,
נאָך זיי אַ שאָטן אויפן שטיין,
און נאָכן שאָטן — איך אליין,
און נאַכט אַרום — און דאָס איז גאָר.

איך האָב געזען די זעלבע שטאָט
צעבושעט, כאַרכלענדיק פון פרייד.
און ס'האָט געדאַכט, ווי אין טרומייט
פון ווילד־משוגעדיקער גרויס
זיין ריזן־מויל געעפנט האָט,
און פון זיין גאַרגל ברומט אַרויס
דער הילך פון גאַנצן אָקעאַן,
פאַרזאַמלט אין זיין מעשן לייב.
און ס'הילכט די ערד מיט יעדן שפּאַן,
עס הויבט אין לופטן מאַן און ווייב
און קינד און קייט, און פאָן און קלייד,
און טרייבט זיי ווילד, און ס'גליט פאַרשייט,
און ס'קושט און ווײנט, און ס'טאַנצט און שרייט
די ווילדע שטאָט אין ווילדער פרייד.
איצט שלאָפט זי שטיל, פון שכרות מיד,
און איך קען הערן מיינע טריט.

איך בין אליין. און טיפע נאַכט
אין מיר פאַרזאַמלט האָט אַ וועלט,
וואָס האָט אליין זיך אומגעבראַכט,
און האָט אַליין זיך אויפגעשטעלט.

אין נאַסן גרוב, פאַרפלייצט פון לייז,
האָב איך אַרויסגעקוקט צום טויט,
און ס'האָבן הונגעריקע מייז
געטיילט מיט מיר דאָס קווארע ברויט.

אין שוואַרצער נאַכט, אין רויטן גרויל,
געקראָכן שטיל אויף אַלע פיר,

ביז אַ דערבאַרעמדיקע קויל
האָט אָפּגעטיילט דעם קאָפּ פון מיר.

אין ווייסטע שטעט אין הונגער־לאַנד,
האָב איך פון הונגער שטום געשמאַכט,
ביז ס'האָט אַ העלפנדיקע האַנט
דעם גוטן טויט צו מיר געבראַכט.

איך האָב אָוועקגעשענקט מיין קינד
און האָב געקלאָגט נאַכט־אויס, נאַכט־איין,
ביז ס'האָט מיין אויג, פון טרערן בלינד,
אין נאַכט אַרויסגעוויינט זיין שיין.

איך האָב מיין הויז פון פיינט באַשיצט,
און פון זיין אייגן בלוטיק שווערד
איז ער, מיט ציינער אויפגעקריצט,
מיט מיר געפאַלן אויף דער ערד.

דאַן בין איך אויפגעשטאַנען גרויס
אין העלן טאָג, אין העלער זון,
און בין פון פינצטערניש אַרויס,
דער פינצטערניש איר רעכט צו טאָן.

און וואו געוועלטיקט האָט אַ האַר,
האָב איך געבראַכט דעם רויטן האָן,
און ס'ברענט זיין פלאַמיקער אַלטאַר
דאָרט, וואו געשטאַנען איז אַ טראָן.

איך גיי דורך לענדער און דורך שטעט,
און טראָג צו וואַרטנדע אַ טרייסט.
און איך, פאַרוואָגלט און פאַרשפּעט,
פון אייגן טרייסט ווער אויסגעלייזט.

איך בין אַליין מיין קרוין און לויב,
איך בין אַליין מיין ליבע־ליד,
איך בין אַליין די ווייסע טויב,
וואָס אין די ווייסע וואָלקן פליט.

איך בין אַליין. און טיפע נאַכט
אין מיר פאַרזאַמלט האָט אַ וועלט,
וואָס האָט אַליין זיך אומגעבראַכט,
און האָט אַליין זיך אויפגעשטעלט.

1918.

מאַמעס

אַלע מאַמעס שטייען ביי ימען,
פון אַלע ברעגן גייען אָפּ זעגלען,
מיט אַלע ווינטן שווימען אָפּ קינדער
אין בלינדן ים אַריין.

וואָלט מען געקענט אַזאַ נעץ דערפינדן,
מען זאָל אין איר פאַנגען אַלע ווינטן,
וואָס ווען אַמאָל די זעגלען טרייבן —
אוי, וואָלט עס ווערן וואויל!
וואָלט זיי אַ מאַמע איבערקלייבן,
די גוטע געבענטשט און ארויסגעלאָזן,
און אַלע בייזע אויף קייטן פאַרשלאָסן,
ווי הינט מיט אַ צאַם אויפן מויל.
און אויב ס'וואָלט זיך איינער אַרויסגעריסן,
וואָלט זי דעם וועג אים פאַרלאָפן צו שיצן
איר קינד פון בייזן ווינט —
מאַמע און קאַפּיטאַן.

איז אַזאַ נעץ נישט פאַראַן
לאָזן זיך ווינטן נישט פאַנגען, נישט צאַמען.
מוז ביי דעם וואַך־טורעם שטיין אַ מאַמע,
און היטן דעם שפּיץ מיטן וועטער־הענדל
צו כאַפּן, וואו ווילן די ווינטן ווענדן
די זעגלען פון אירע קינדער,
אַז אויב נישט פאַרלויפן דעם וועג די ווינטן,
זאָל זי כאָטש נאָכיאָגן זיי פון הינטן
און האַלטן אַן אויג אויף די קינדער.

קומען אָן ווינטן פון בערג און פליינען,
ווייטע אַזוינע און פרעמדע אַזוינע.
קומען אָן ווינטן אין שטורעם און ברויזן:
ווער קען זיי וויסן — גוטע צי בייזע?
רייסט זיך און פלאַטערט דאָס וועטער־הענדל —
וואו זאָל אַ מאַמע זיך פריער ווענדן?
צום ווינט פון דרום פאַרוואָרפן די אָרעמס,
צי לאָזן זיך לויפן נאָך דעם, וואָס פון צפון?
און ביז עס קלייבט זיך דאָס האַרץ פאַנאַנדער
זיינען שוין זעגלען אַוועק אין וואַנדער,
און וואָס די פאַרלאָפּענע אויגן גרייכן —
איז פלעקן, וואָס שפּרינגען אין נעפּלען בלייכע.

אַלע מאַמעס שטייען ביי ימען,
מיט אַלע ווינטן שווימען אַפּ קינדער
אין בלינדן ימישן וועג.
נאַרישע מאַמעס ווילן זיי צאַמען
און בלייבן ברעכן די הענט ווי בלינדע
אויף זעגלען וואָס גייען אַוועק.
און קלוגע מאַמעס ווילן זיי קענען
און ווייסן אויך נישט ווער זיי זיינען —
און זעגלען גייען אַלץ איינס אַוועק.

1928.

די באַלעבאָסטע

די באַלעבאָסטע שטייט אין קיך און שיילט קאַרטאָפּל.

דרויסן האָבן סאָסנעס אויף די ברייטע נאָדלדיקע צווייגן
אָנגענומען שניי און פריינטלען זיך מיט זיי צו ווייסער ערד.
פון אונטער אייז פאַרשנייטן ברעכט זיך פון דער אָזערע אַרויס
אַן אימפּעטיקער שטראָם און שווענקט די ראָד פון פּוסטער מיל.
אויף די ווייסע בערגלעך עפּלביימער, באַרנביימער, אַבריקאָסנביימער,
ווי די קינדער אין שפּיטאָל אין ווייסע העמדלעך, ציטערן געגעזענע
מיט די וואונדן אויפן לייב פון גערטנערס שער און זעג —

די באַלעבאָסטע שיילט אַ ציבעלקע אין קיך.

מיטן זומער אויף די בערגלדיקע סעדער
וועלן אויסגעהיילטע עפּלביימער רויטלען זיך מיט רויט און פּערלמוטער,
און די באַרנביימער מיט רויט און זילבער, און די אַבריקאָסן — רויט און גאָלד.
צווישן סאָסנעס די אַלטאַנע וועט אַרומוואַקסן מיט ווילדן ווייַן,
אויף די לאָנקעס וועט זיך ווינטיק וויגן כוואַליעדיקער גראָז,
און די געגנדזלעך וועלן נאָכיאָגן די זון אויף בלאַנקע וואַסערן —
די באַלעבאָסטע מיט די ווייסע־פּוכקע פינגער
בראָקט אַ ציבעלקע אין קיך.

הינטער שטיין־געפּרעסטע מיילן איז די שטיין־געוועלבטע שטאָט,
הינטער שטאָט — דער גרויסער ים, הינטער ים — די שטעט פון נעכטן,
אין אַלע שטעט — בולווארן און קאַפייען, אין קאַפייען — מענטשן,
און מענטשן אין קאַפייען רייסן זיך צום טעלערל פון הימל,
און ס׳טעלערל פון הימל איז אין בלאָע לאַשצנדיקע אויגן,
און בלאָע אויגן זאַפּן איין די שיין פון שטערן און לאַמטערן און פון בוידעמדיקע ליכט
און פאַרגיסן און באַזיסן מיט דער גוטסקייט פונעם בלאָ —

די באַלעבאָסטע מיט די בלאָע לאַשצנדיקע אויגן
שיילט ווייסע מאַנדלען פון דער ברוינער שאָל.

קומט אַריין דער מאַן אין שווערן רעקל, אינם לעדערנעם,
מיט די כאַלעוועס און רימענטן פאַרשטייפט אַרום די ליטקעס,
קלאַפּט ער אָפּ די פיס און פרעגט: — האָסטו עפּעס, האַרץ מיינס?
טרייסלט זי אַראָפּ דעם שניי פון רעקל, העגנט אים אויף צו טריקענען
און זאָגט: — ווילסט אפשר אַ ביסל ציבלקע מיט אייער?
עסט דער באַלעבאָס ביים גרויסן קיך־טיש ציבלקע מיט אייער —

די באַלעבאָסטע מיט די רויטע פלאַמען אויף די ווייסע באַקן
ציט אַרויס די בלעך מיט מאַנדל־קיכלעך פון אויוון.

.1930

ביימער ביינאַכט

אַדען

היינט האָב איך דעם סוד פון ביימער אַנטפּלעקט.
אין האַלב־ליכט פון נאָך דער געזעצטער זון
זיינען שאָטנס געשטיגן באַרג־אַרויף אויף די בערג
און איך האָב געזען, ווי אין גאַנג פון שאָטנס
נעמען ביימער זיך וויגן און שווימען
באַרג־אַרויף, באַרג־אַרויף אויף די בערג.

איז מיר אָפן געוואָרן מיין שטענדיקע רעטעניש:
ווי קענען זיי — לופטיקע, צווייגיקע, גרויסע,
זיך פאַרגראָבן אין באָדן מיט וואָרצלען און אָדערן
און פאַרטריקענען דאָרט, וואו געבאָרן?
כ׳האָב געזען ווי אין טונקל פאַרהוילענע
זיינען ביימער פון בערגלעך, פון טאָלן און פעלדער
געשוואומען אין רייען געקרימטע,
ווי די קרומקייט פון צווייגן און וואָרצלען,
און געוואַנדערט אַ טונקעלן וואַנדער.

ערשט קען איך דיר אַלץ דערציילן, טאַכטער:
פאַרוואָס דער פּחד אין פינצטערן וואַלד,
פאַרוואָס גייען סטעשקעס פאַרלאָרן ביינאַכט,
פאַרוואָס קענסט קיין מאָל אין נאַכט נישט געפינען
דעם בוים, וואָס האָט דיך באַשאָטנט ביי טאָג,
פאַרוואָס מיט דער שיין ווערט אַלץ ווי געווען,
ווי ס׳וואָלט אַן אומהיימלעכער חלום פאַרגיין.

ס'איז נישטאָ קיין פאַרוואָרצלונג! בלויז אין אויג פון טאָג
זיינען ביימער פאַרוואָקסן מיט פינגער אין ערד,
זיינען שטיינער פאַרקנאָטן אין אייביקע לעכער
און טייכן — אין בעקנס און בערג — אין טעלער.
נאָר ווען ס'קען זיי נישט גרייכן דאָס אויג פון טאָג,
הייבט אָן וואַנדערן אַלץ פון זיין האַרטן פאַרזיגלטן גורל
און ס'לעבט אין וואַנדער ווען ס'זעט נישט דאָס אויג.

קומט אַלץ דאָך צוריק אויף זיין פּלאַץ, דעם באַשערטן?
אַוודאי קומט עס צוריק מיט שיין.
איז צו וואָס דער וואַנדער, אַז מען קומט צוריק?
און ווען איז די וואָר: אין פאַרוואָרצלונג פון טאָג
צי באַנאַכט אין דער פינצטער אין אויסוואָרצלונג?

איך ווייס נישט, טאָכטער, וואָס חלום, וואָס וואָר,
נאָר דאָס האָט זיך היינט מיר אַנטפּלעקט:
אַז ווען ס'זעט נישט דאָס אויג, שווימען ביימער אַוועק
פון די וואָרצלען אין באָדן און וואַנדערן.
איז דעריבער נישט זוך דיין בוים אין פינצטער
און די סטעשקע אין וואַלד, וואָס דו קענסט,
ווייל ווי עס וועט דיך אַליין אויך טרייבן
פון דיין האַרטן פאַרזיגלטן גורל
און קיין אויג וועט דיין וואַנדער נישט זען,
אַזוי טרייבט עס אום אויך זיי,
און צו זיי אין נאַכט ווי צו וואַנדערער גיי
און ס'וועט היימלעך דיר זיין, ווי מיר מיט זיי.

אָט איז נאַכט אַרום מיר און וואַלד,
און איך זוך נישט דעם בוים ביי מיין ביידל.
צי וואָס אים זוכן דאָרט, וואו ער האָט זיינע וואָרצלען,
אַז איך אַליין בין נישט דאָרט, וואו איך וואָרצל?

.1929

געסט ביי מיר

אויף ברייטע פעלדער ווינטיקע, אויף שליאַכן און קורגאַנען
האָב איך פון צימער מיט די געלבע ווענט
און וואָלענע דיוואַנען
אַרויסגעפירט מיין שלום מיט דער וועלט,
און בין צוריקגעקומען, ווינט־באַווייט און זון־באַברענט.

און נישט אַליין האָב איך זיך אומגעקערט.
מיט קאַרקן פּאַלדיקע, ווי ליים פאַרדאַרטער,
מיט פּנימער אין שטרויאיק־שטייפע בערד,
מיט פּויסטן קנאָכיקע און האַרטע,
מיט שווערע פעלד־טריט זיינען אָנגעקומען געסט,
געקומען ווייטע געסט מיט מיר צוריק,
און האָבן זיך אין צימער אויסגעזעצט,
די אויגן מיט די פּויסטן אויסגעווישט,
און ס׳שלאָגט זיך אין דער וואַנט דער שאַרפער בליק
און קוקט צעמישט, ווי איך אַליין צעמישט —
זיי קוקן און פאַרשטייען נישט.

וואָס זעט איר דאָ?
עס איז דאָך אייערס דאָ!
אין לופט די דעריקייט פון שאַרפן זאַלץ,
די פראַנזן פון צעטעפּעטן דיוואַן,
די ווענט פאַרטשאַדעטע, די טוכלע פאַרב
פון די גאַרדינען אויף די פענצטער — אייערס אַלץ!
פון יעדן ווינקל דאָ, פון יעדן שפּאַן

האָט זיך דאָס לעבן אייערס, בייז און האַרב
געשלאָגן זיך און דורכגעבראָכן —
און כ׳בין ווי אַ געפּענטעטער אַרומגעקראָכן
אין מיינע דלד אמות דאָ און מיטן שטאָלענעם געוויכט
פון אַלע שטילקייטן געשטיקט און איינגעפּרעסט
דאָס לעבן אייערס. שכורדיק־געדיכט
האָט זיך עס טאָג נאָך טאָג אַזוי געזעצט,
געיוירן ווי אַ סם — און ווענט און צאַם
און מיך אַליין אין צאַם צעבויערט מיטן סם.
נישט איך, דער איינציקער אַזוי.

אַ דור אַזוי!
פון גלאַטן גאַסיקן צעמענט,
פון העלע ווענט, פון ווייכע הענט
האָט זיך אין שטילע הייזער איינגעשטעלט
אַ שלום מיט אַן איינגעשרומפּענער פאַרשטיקטער וועלט,
אַ וועלט — אַ פינגערהוט,
און אַ געוואָרגענע מיט הונדערט פּרעסן
פון שטילע שטילקייטן, ווערט זי צעפּרעסן
פון סם פון אייגענעם, און דורכן בלוט
פון אירע ווערגער רייסט זי זיך
צו ווייט, צו פריי — צו זיך.

דערלייזט ! באַפרייט !
פון אומגעצאַמטער ווייט,
פון הייזער פעלדיקע, פון דאָרף און שטאָט,
פון אַקער און פון האַמער, לאַם און ראָד —
קומט, וועלטיקע, און ברענגט דעם וואַיענדיקן ווינט
פון אייער מחנהדיקן דראַנג
אויף אונדזער שלום דעמפּיק, אויף אונדזער טוכלער זינד
פון רו געוואָרגענער. דאָ האָט געדאַנק
ווי מילב פאַרקליבן זיך אין ווייכקייט וואָלענער,
ווי צימערינג צעמאָלענער
באַשפּרינקלט ווייטיק בלויז דעם זיסן טאָרט,
און פרייד, פאַרשנירעוועט אין גומענעם קאָרסעט,
אָן אָטעם דרייט זיך אויפן זעלבן אָרט,
און אויגן חלשן. ווער וועט
זיי אויסלייזן, אויב ניט דער שטורעם
פון אייער אָנקומען? ווער וועט דעם גאָט פון גבורה
דעם רוימען־אַקערער און זונען־שמעלצער,
באַפרייען פון די שטוביקע געברויכן

פון רייניקן פאַרלייגטע העלדזער
מיט זיסע תפילות און מיט לויב פאַרהאָניקטן,
און אומקערן צוריק אין זיינע בילי־בילאָניקע,
אין זיינע שטורעמדיקע גליווערדיקע הויכן?

1927.

דער זון

ווערסט זיך פון אים נישט באַהאַלטן, מוטער,
ער איז דאָס קינד פון דיין שויס.
ריזיק און טונקל, ווי אַ נישט־גוטער,
גלאָצט ער פון ליידיקע לעכער אַרויס,
האַלט אונדז די פויסטן אין זיינע פאַרקלאַמערט,
און ווילסטו, צי ווילסטו ניט, ביסטו אַ מאַמע,
און ער, דער צער, איז דער זון.

ער האָט אַליין פון דיין לייב זיך געבאָרן,
איידער נאָך דו האָסט געוואוסט.
האָסט נישט געגערט אים, און אויפגעיוירן
איז ער אויף דער מילך פון דיין ברוסט.
איצט שטייט ער, אַ ריז, מיט קעפּ פון אונדז העכער,
און גלאָצט אויף אונדז פון בלינדע לעכער —
ער, דער צער, אונדזער זון.

ער צווישן אונדז — און נישט איבערצעווינדן
די ווייטקייט פון לייב צו לייב.
ער איבער אונדז — און אויף אייביק פאַרבונדן
אָרעם אין אָרעם בלייבט.
וועלן מיר גיין אַלע דריי צוזאַמען:
איך — דער טאַטע און דו — די מאַמע,
און ער, דער בלינדער, דער זון.

.1928

זעלנער אויף דער וואַך

ווי אַ זעלנער ביי די פעסטונג־מויערן,
ווען פון אַלע זייטן לויערן
שונאים אויף זיין לאַנד —
שטייסטו פול־באַוואָפנט ביי דער וואַנט,
וואָס באַשיצט דיין אייגענעם מזבח,
און דו וואַכסט איבער דעם שיכורדיקן ריח,
וואָס גייט אויף אין דיינע נאָזלעכער אריין
פון דיין אייגן בלוט, וואָס טריפט אין פייער.

אַז דאָס לאַנד וועט זיך פון קריג באַפרייען,
וועט דער זעלנער אויסטאָן די כלי־זיין,
מיט דער ביקס, דער אויסגעליידיקטער,
וועלן שפּילן קינדער פריידיקע,
אין די אָרעמס האַרטע —
ווייבער אויסגעגאַרטע,
און עס וועלן אַלע פריידן שפּילן אויף זיין פּנים,
ווען דאָס לאַנד וועט זיך באַפרייען פון די שונאים.

ווער וועט אויפלייזן ביי דיר די שווערע ברעם,
ברודער מיינער?
ווער וועט אָפּלאָזן דיין פּויסט פון קלעם
און די קני פון צוואַנג,
אַז דאָס לאַנד, וואָס האָט דיין בלוט פאַרלאַנגט,
איז דיין לייב געוואָרן,
און דער קריג, וואָס האָט דיין בלוט פאַרלאַנגט,
איז דיין בלוט געוואָרן?

זעלנער שיקט דאָס לאַנד אין קריג,
שיקט פון קריג אַהיים צוריק.
דו אַליין, דיין לאַנד און קריג,
כהן, קרבן, וואַך און וועכטער,

מיטן לאָגל פון דיין האַרצן אין דער רעכטער,
אין דער לינקער איינגעקלאַמערט די כלי־זיין —
ווער וועט אויסלייזן דיין בלוט פון פייער?
ווער וועט דיך פון זיך אליין באַפרייען?
1927.

טרויעריקער גיבור

טרויעריקער גיבור, בייטש אויף אונדזער שאַנד!
האָסט פון דורות בלינדע קוים אַרויסגעשפּאַנט,
קוים אַ בליק געוואָרפן ווי פון שייד אַ שפּיז,
און געמוזט אַ בעזים נעמען אין דער האַנט
און זיך שטעלן ראַמען דורותדיקן מיסט.

וויפל שטאָל און שטייפקייט האָבן דורות צער
איינגעגליט אין בויגן פון דיין שווערן קאַרק!
און דו מוזט מיט גראַבליעס גריבלען זיך אין קויט,
חזיר־שטאַלן ראַמען, אומצוכט הינטער פלויט —
ראַמסטו קויט פון דורות ביז דער אָטעם וואַרגט.

קען די פרייד פון האַמער קנאַלן אין דער מיט
וואו דער קויט פון דורות קלעפּט זיך צו די טריט?
קען דאָס בייז פאַרמיידן צאָרנדיקע הענט,
ווען עס קוואַקען שדים הינטער פוילע ווענט?
ברענען אויף דיין שטערן טרויער און פאַרלעגנד!

טרויעריקער גיבור, הייב די האַנט און קער!
ווער ס'האָט דיר געמאַכט דעם בעזים צום געווער,
וועט מיט דיר דעם צייכן טראָגן אויפן שטערן
און אין בראַנד פון צייכן אויסברענען די שאַנד —
טרויעריקער גיבור, צאָרנדיקע האַנט!

1928.

אַ לויב דעם מייסטער

אַ צאַם האָט דער מייסטער אויפגעבויט
פאַר די שומיקע וואַסערן פון אַ ברייטן שטראָם
און זיי אָנגעזאַמלט הינטערן צאַם.
שפּאַרט דער איבערפלוס אַרויס דורך אַ שליוז
צום בעקן פון נידעריקן, טאָליקן טייך,
און פליסיק טראָגט עס אַוועק דער טייך.
איז פרידן אויבן אויף די שטראָמען געבונדענע,
וואָס שפּאַרן זיך הינטער דעם אייזערנעם שליוז.

און פרידן אונטן אויפן טאָליקן פלוס —
איז פרידן אויבן און אונטן.
און איבער דער דאַמבע אויפן פעלזיקן מויער
גייט אום אַליין דער מייסטער, דער בויער,
גייט אום און וואַכט אויפן פרידן.

— איז וואו אַוועק פון שטראָם דאָס געיעג,
אויב ס'איז אויבן און אונטן פרידן?
און וואו פון די כוואַליעס דאָס שוימיקע זידן,
און די תאווה צו פלייצן און רייסן די ברעגן,
און דאָס רעוועץ אין ווילדן נצחון
ווען שטער און צאָם איז צעבראָכן?
— ס'איז אַלץ פאַראַן:
דער געיעג פון די שטראָמען,
דאָס זידיקע שוימען,
דאָס רייסן די ברעגן, דאָס רעוועץ און וואָיען —
ס'איז אַלץ פאַרזאַמלט אין מייסטער, אין בויער,
וואָס צאַמט זיין טראָט אויפן פעלזיקן מויער
און האַלט אַלע צאַמען אין האַנט.

איז אין אים אַליין, אין איינעם, פאַרזאַמלט
דער אימפעט פון אַלע שטראָמען געצאַמטע,
וואָס שטויסן זיך הינטער דער דאַמבע?
— אין אים, אין אים — און אַ לויב צו אים!
און ווי קען ער מעסטן זיין טראָט אַזוי זיכער,
ווען ס'ברויזט אין אים אַליין ווי אַ וויכער?
— דעריבער דאָך דער לויב צו אים!
— און קען ער נישט איינמאָל אַ הייב טאָן דעם שליוז,
און מילי־מיליאָנען ליטער פון וואַסער
זאָל זיך פלייציק צערעוועט דערלייזטע,
און פאַרטראָגנדיק אויך די בריק מיטן מייסטער,
דערלייזן דעם שטומען געשריי, וואָס צערייסט אים?
— אוודאי קען ער, דער מייסטער!
נאָר אומגיין וועט ער מיט מעסיקע טריט
און ווייטער היטן דאָס, וואָס ער היט ——
און דעריבער — דער גרויסער לויב צו אים!

1928.

צום בויער

אַרויסגיין אויף אַ פעלד,
וואו איינגעקוואַרטע דערנער פון די זאַמדן קריכן,
ווי בינטלעך טויטע האָר פון טויטע פּליכן,
און חלום'ען:
אויף אויסגעגאָסענע, צונויפגעשטראָמטע טייכן־בייטן
אַ זון־צופלייץ פון כוואַליעדיקע ברויטן,
און איבער הייזלעך — זילבערדיקע רויכן
צעשפּרינגען זיך אין בלאָע הויכן, —

אַרויסגיין אין אַ טאָל,
וואו אויף צעטראָטענע פאַרוויסטע לאַנקעס
זיך פּאַשען קי פון טשערעדעס פאַרבלאָנקעט
און חלום'ען:
אַ סעדער־וואַלד, און פון צעוויגטע צווייג און בלעטער
פאַלן עפּל רויטע, באַרן געלבע, פלוימען פיאָלעטע,
און איבער הייזלעך זילבערדיקע רויכן
צעשפּרינגען זיך אין בלאָע הויכן, —

אַרויסגיין צו אַ ברעג,
וואו זאַמד, פון וואַסערן און צייט צעשווענקטער,
האָט שוין פאַרגעסן נאָך אַ גראָז צו בענקען,
און חלום'ען:
אין קלעטערדיקע קנוילן פון געדיכטן גרין
מיליאָסן טרויבן: זילבער, פּורפּור און בורשטין,
און איבער הייזלעך זילבערדיקע רויכן
צעשפּרינגען זיך אין בלאָע הויכן, —

דערנאָך צוריקקומען:
ערשט איבער כוואַלעדיקע טייכן־בייטן
האָט זיך שוין זון צעפלייצט מיט יונגע ברויטן,
און סעדער אָנגעלאָדענע אין וואָגנט פון בלעטער
באַזעצט מיט עפּל רויטע, באַרן געלבע, פלוימען פיאָלעטע,
און קלעטערדיקע קנוילן פון געדיכטן גרין
מיליאָסן טרויבן: זילבער, פּורפּור און בורשטין,
און איבער אַלע הייזלעך — שטיפערישע רויכן, —
גייען אויף צעשפּילטע צו די בלאָע הויכן, —

און נישט קיין צייט האָבן
זיך אָפּצושטעלן ביי די זעאונגען צעבליטע
ווייל הינטער פלייצעס וואַרט דאָס דאַרף־ערשט־ווערנדיקע
אויף אויג־באַלעב און אויפגאַנג קערנדיקן,

און ס׳בענקען רוימען לײדיקע פון בלאָע הויכן
נאָך קוימענס ליימענע מיט שטיפערישע רויכן, —
אָ, מענטש, בן־אדם!
ווען ווייסע שטרייפן אין די האָר
דערמאָנען, אַז ס׳איז צייט געקומען פּאָר אַ וואָר,
וואָס זאָל שוין בלייבן וואָר ביז גאָר דער ענד,
און ס׳קומט אַ וואָר אַזאָ, און יעדער אָטעם ברענט
מיט באַלד און שוין,
ווייל וואָס אַ ווייל — איז פלאַנק, און וואָס אַ שעה איז בוי
און וואָס אַ טאָג איז אויפגאַנג, — אויב מען קען אַזוי —
אָ, מענטש! —

וואָס דאַרף מען ווען נאָך?
וואָס דאַרף מען ווען נאָך?

.1928

סאַקאָ־וואַנזעטי־נאַכט

ווייסע ברעזע־ביימלעך אין דעם נאַכט־ווינט
וואַרפן בונטע פלאַטערדיקע בלעטער
צו די פלאַכטעס ליכט אין שוואַרצן שאָטן.
שפּרינגען בלעטער־היילן, ווי די שוואַרצע גריבער —
זילבער־בלאָקייט איבער גריבער אינעם נאַכט־ווינט.

היינט האָט מען צום טויט פאַרמשפּט
מענטשן צוויי.
אין דער פרי
זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַבריק,
און די, וואָס זיצט מיט מיר אַצינד —
שמאָל און בייגיק ווי אַ ברעזע־בוימל,
און די אויגן ווינטיק־בלאָ,
ווי דער העלער קרייז אַרום לבנה —
האָט געזאָגט אַזוי:
— יעדער איינציקער פון אונדז ביי די מאַשינען
קען זיין אומשולדיקן טויט אַזוי געפינען.
גליווערדיקער האַס
האָט געפיבערט אין די ווינטיק־בלויע אויגן,
און די שמאָלע אַקסל מיט די דינע אָרעמס
האָבן זיך פאַרשנירעוועט, ווי ביי אַ מומיע,
אין דער שטריק פון אומבאַהאָלפנקייט.

איצטער שפּרינגען זילבער־פּלאַכטעס איבער גריבער
און די פיבערדיקע פינגער פון איר קינדער־פויסט
בריען מיט פאַרצערנדיקער בענקשאַפט:
— אַט אַזוי וועל איך פאַרטריקנט ווערן
אין דער זוכעניש פון דעם, וואָס קומט נישט.
וויינען וועט מיין מאַן אויף זיין געלעגער
נאָך דער שטילער שעפּס, מיין לייב,
וויינען וועט מיין קינד נאָך מאַמע,
און דער טאַטע אונטער טלית־דעק וועט וויינען...
ווי דער העלער קרייז אַרום לבנה
נעפּלען זיך די ווינטיק־בלאָע אויגן,
און דאָס בלאָע אָדערל ביים שוואַכן פויסטל
קלאַפּט: איינס־צוויי־דריי־פיר —

שאָקלט זיך דער דינער קערפּער אירער,
ווי צעוויגטע ייִנגלעך חסידישע אויף תּליות,
(וואַרשע. ציטאַדעל. יאָר — ניינצן הונדערט פינף).
ערגעץ וואו צום לעצטן אורטייל גייען
מענטשן צוויי.
קום שוין דו, וואָס קומסטו נישט קיינמאָל,
גיב אַ צי די שטריק אַרום די אַקסל,
זאָל דער האָס פון אויגן איבערגיסן זיך
אין די בלאָע אָדערלעך ביים פויסט —
און זאָל אויפשפּרינגען דער פויסט!

אין אַ נאַכט אַזאַ
וועלן מיר זיך ביידע וויגן,
ווי די חסידישע צעוויגטע ייִנגלעך אויף די תּליות,
ווי די ווייסע ביימלעך אינעם נאַכט־ווינט
צווישן זילבער־בלאָ און שוואַרצע גריבער.
וועלן מאַן און קינד באַוויינען מיך:
אומגליקלעכע! אָפּטריניקע!
אָבער דו, מיין נישט געקומענער,
וועסט די טויטע שטריק פאַרציען ענגער
און זיך ווייגנדיק מיט מיר באַזינגען:
— הייליקע! הייליקע!

הינטער פיבערדיקע פינגער קלאַפּט דאָס בלאָע אָדערל:
איינס־צוויי־דריי־פיר;
ערגעץ וואו צום לעצטן אורטייל גייען
מענטשן צוויי —

— איינס־צוויי־דריי־פיר
שאָקלט זיך דער דינער קערפּער, וויגן זיך די דינע אָרעמס,
ווי די חסידישע צעוויגטע יינגלעך, אינעם נאַכט־ווינט,
ווי די ווייסע ברעזע־ביימער אינעם נאַכט־ווינט
צווישן זילבער־בלאָ און שוואַרצע גריבער:
— איינס־צוויי־דריי־פיר

.1928

פרומע רייד

פרומע רייד און צוגעמאַכטע אויגן,
קול געבראָכענער און טונקעלע כוונות.
איך בין מיד שוין די צוויי־פנימדיקע גלויבן
און די האַלבקייטן פאַרוועבן מיט רחמנות.

אויף די צווייאיקע און שווינדלדיקע שליאַכן
זיך שוין אָנגעהערט מיט רייד פון גלאַטע צינגער,
קען איך מער קיין יום־טוב זיך ניט מאַכן
פון אַ לעקעכל, וואָס קרישלט אין די פינגער.

ברויט פון לעבן וויל איך — קאָרענעם און ברוינעם,
האַרבן ברויט פון מענטשלעכן געוועגען.
איז עס ליבשאַפט — זאָל דער ווירץ פון לייב נישט שוינען,
איז עס פיינטשאַפט — זאָל עס גרין אין ווייסלעך ברענען.

יאָ, איך ווייס: אין גאַסיקן געראַנגל
פאַרן האַרבן שטיקל ברויט און ביסן כבוד
זוכט מען מיטגייער מיט פינגער ווי די צוואַנגען
און מיט הענט אין האַס פון גייציקייט פאַרקאָוועט.

און דערפאַר אין הייליקע שבתים,
איינגעקיטלט אין נשמה יתרה,
קען מען אומגיין ווי אַן אָפּגעפּאַסטער חתן
צווישן שבתדיקע כשרע חברים.

ס'איז געווען אַזוי . . . נאָר אויפן טאַטנס דרכים
וועלן מיר שוין מער קיין שבת־טיש נישט פראַווען.
ווער עס זוכט מיט אונדז דעם ברויט פון אינדערוואָכן
וועט אויך קומען ווי אַ שבתדיקער חבר.

וועסט דעם טאַטנס טאָג נישט מער אויף צוויי צערייסן,
און נישט מער דעם ריס מיט גלאַטע רייד פאַרדעקן.
ס'וועט מיט אייגן בלוט פאַרגיסן דיר די ווייסלעך
און אַרויסשרייען פון אונטער אויגן־דעקלעך.

1928.

מיין שאָדן...

מיין נייע ערד,
וואָס האָט פון הינטער בלינדע ווייטן
געלאָזט זיך אויפדעקן מיט פעטס פון שוואַרצן באָדן,
האָט זיך מיט פעלז און זומפּ אַנטפּלעקט —
און ס'פרייען זיך די שונאים אויף מיין שאָדן.

אָ, וויפל פרייד
עס וואַרט פאַר זיי אויף אַלע ווייטע שליאַכן
וואו כ'האָב צעוואָרפן מיינע דאַנערשטיקס און פרייטיקס,
מיט אַלע אויפגאַנגען, וואָס האָבן נישט דערבליט,
און אלע בליאונגען, וואָס האָבן נישט דערצייטיקט.

איז — קומט און זעט:
פאַר יעדער קלאַפּטער ערד, וואו כ'בין געגאַנגען
מיט גלייכן טראָט איבער געפלאַסטערטע שאָסייען,
האָב איך מיט גריבערדיקע מיילן אָפּגעצאָלט —
און זאָל די שאָדן־פרייד צעוואַקסן זיך אין צווייען.

און אויב איר ווילט,
אין דרייען קען צעוואַקסן זיך די שמחה:
צום היינט און נעכטן אויך אויף מיינע מאָרגנדיקע צערן.
אויב ווייניק נייע ערדן האָבן מיך גענאַרט,
איך זאָג אייך צו — זיי וועלן מער נאָך נאַרן.

עס קומט אַזוי.
די היילונג פון דער נאַרעניש איז — ווידער קריכן
דורך זומפּ און שטיין און פלאַנטערדיקע מאַכן.
און אָן די מיילן נאַרעניש — וואָס וואָלט באַדייט
דער קורצער קלאַפּטער פון געפלאַסטערטן נצחון?

געניסט די פרייד,
און לאָמיר אַלע זיין צופרידן מיט מיין גורל:

די שונאים מיטן גליק פון זען מיך אַ געגאַרטן,
און איך — מיט נייער וואָגלעניש צו צוגעזאָגטער ערד,
וואו הינטער מיילן נאַרעניש בלויז קלאַפּטערס צוזאָג וואָרטן.

.1929

אַ תּפילה

גאָט מיינער!
דו ביסט אַליין,
איך בין אַליין,
זיינען מיר ביידע אַליין.
פלאַקערט דיין עלנט — אַ זון פאַר דער ערד,
מיר אָבער האָט עס די אַקסל באַשווערט,
פאַלט פאַר די פיס ווי אַ שטיין.

גאָט מיינער!
דו קומסט פון דיר,
איך קום פון דיר,
קומען מיר ביידע פון דיר.
דו ציילסט אָן אייביקייט זיך פאַר אַ טאָג
איך — מיינע טעג ווי געליענע טראָג,
וואַרט אויף דיין רוף יעדן טאָג.

גאָט מיינער!
דו ביסט אין דיר,
איך בין אין דיר,

זיינען מיר ביידע אין דיר.
בלייב איך אין דיר מיט מיין עלנט און צער,
גיי איך נאָך דיר, ווי אַ קנעכט נאָך זיין האַר,
גיי, ביז דו רופסט מיך צו דיר.

גאָט מיינער!
דו ביסט פאַר דיר,
איך בין פאַר דיר,
זיינען מיר ביידע פאַר דיר.
זאָל פאַר דיין כבוד זיין אַלץ, וואָס איך טו,
אַלץ וואָס איך לייד ביזן טאָג פון מיין רו
אָננעמען אַלץ פאַר אַ קרבן זאָלסטו,
גאָט מיינער, גאָט מיינער, דו!

.1919

מיט דעם דור

מיט דעם דור

.1

אין די ערשטע וואָכן פון 1906 איז איינמאָל אַ פּרייטיק אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער וואַרשעווער צייטונג „דער וועג" דערשינען אַ ליד אין בלאַנקן פערז — פון דעם ליד געדענק איך בלויז צוויי שורות — פון אַ נייעם מחבר: מנחם. די אָפּטיילונג איז רעדאַקטירט געוואָרן פון י. ל. פּרצן, און נאָך איידער דאָס ליד איז געוואָרן אָפּגעדרוקט איז שוין דער מחבר פון פּרצן אַריינגעפירט געוואָרן אין דער „ליטעראַטור" אויף אַן אינטימען אָוונט וואו שלום אש האָט פאָרגעלייענט זיינע אַ דראַמע. פאַר אַ בחור פון אַכצן איז עס געווען אַ „זיגרייכער" אַריינשפּאַן אין דער ליטעראַטור. דער „זיג" איז געווען נאָך גרעסער צוליב דעם, ווייל ערשט מיט דריי חדשים פריער האָט דער קריטיקער בעל־מחשבות דעם זעלביקן בחור אָפּגעזאָגט דאָס לעבן: געהייסן גיין צוריק צו דער לאַטייניש֊ער גראַמאַטיק. אָבער טאַקע צוליב דער זעלביקער סיבה איז דער „זיג" אינגיכן פאַרזייערט געוואָרן.

אין דער אמתן האָט אויך פּרץ נישט אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע ליד וואָס איך האָב אים געבראַכט. זיין אורטייל ביי דער באַגעגעניש אין רעדאַקציע איז געווען: — דאָס ליד טויג נישט, אָבער איר טויגט. די ערשטע לידער צום דרוקן זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן שפּעטער ביי אים אין הויז. און נאָכן צווייטן ליד, ווען בעל־מחשבות האָט זיך דערוואוסט ווער דער מנחם איז, האָט ער פּרצן אויסגע־חוזקט און צווישן די צוויי איז געוואָרן אַ באַטאַליע. ס'איז דער־גאַנגען צו דעם, אַז בעל־מחשבות האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט־צופאָרן אויף אַן אָוונט אין אַ דערבייאיקער שטאָט, ווייל פּרץ האָט מיך דווקא געוואָלט מיטנעמען. קיין געזונט איז מיר פון דער מלחמה איבער מיר נישט צוגעקומען.

שפּעטער האָט בעל־מחשבות אַליין געדרוקט מיינע לידער און אַרטיקלען — אין „טעלעגראַף", אַ יידישע צייטונג וואָס די „הצפירה" האָט אַ קורצע צייט אַרויסגעגעבן, און אין „פריינד". ער האָט אפילו אין 1913 אָנגעשריבן אַ גינסטיקע רעצענזיע וועגן „פוילן". אָבער וואָס ער האָט געשריבן וועגן די „תפילות" אין אַן איבערזיכט וועגן די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" איז געווען אַ מוסטער פון ראַפינירטן ליטעראַרישן מאָרד. און נישט לאַנג פאַר זיין טויט, אין אַ פערזענלעכן בריוו פון בערלין אין 1920, האָט ער געקרימט מיט דער נאָז אויפן בוך „זאַמד" און מיר ווייטער אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

אויך פּרץ האָט אין די אַכט יאָר פון מיין אריינקומען צו אים אין הויז געהאַט פון מיר — דאַכט זיך — מער צער ווי נחת. ער איז געווען אַ געדולדיקער רבי און האָט פאַרמאָגט אַ שלל מיט ליב־שאַפט. צייטנווייז איז עס דערגאַנגען ביז פאַרליבטקייט, נאָך וועלכער עס פלעגט אַלעמאָל קומען אַ רעאַקציע פון אָפּקערן זיך און איגנאָ־רירן ווי ער זאָל וועלן אי זיך אי מיך פאַר עפּעס באַשטראָפן. אָבער דאָס האָט אים ווי געטאָן און צו לאַנג פלעגט ער נישט קענען אויס־האַלטן. איינמאָל נאָך אַ לענגערן ברוגז אַזאַ האָט ער מיך געכאַפּט אויף דער גאַס, אַוועקגעשלעפּט צו זיך אין אַ וואַלד־געגנט הינטער וואַרשע און אַריינגעפירט צום ווייב מיט די ווערטער: — אָט איז ער, איך האָב אים געבראַכט! . . . נאָר אַריינקנעלן די תורה אין מיר איז אים אָנגעקומען שווער. פון אָנהויב פלעגט ער אליין באַ־אַרבעטן מיינע לידער. אַ פּאָר מאָל האָב איך זיך פּשוט געכאַפּט ביים קאָפּ לייענענדיק דאָס „באַאַרבעטע״. דערנאָך האָט ער אויפ־געהערט. איך האָב אליין געדאַרפט מאַכן „בעסער״. אָבער איך פלעג כסדר קומען אַלץ מיט אַזעלכע זאַכן וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרדייען. איינמאָל איז עס געווען אַ לאַנגע, אין פּראָזע געשריבענע, פּאָעמע וועגן טויט, פול מיט אַבסטראַקציעס און פּאַטאָס. ער האָט מיך — ווי דער שטייגער — געדולדיק אויסגעהערט, צוגעפירט צו דער וואַנט וואו ס׳איז געהאַנגען אַ גרופּע לעוויטאַנ׳ס פּייזאַשן, זיך אָפּגעשטעלט ביי איינעם מיט נאַקעטע ביימער, אַ קאַלטן סטאַוו און אַ פאַרקאַן אַרום אַ כאַטע און געזאָגט:

— איר זעט — דאָ איז טויט און לעבן און אַלץ.

וואָס ער מיינט האָב איך קלאָר געוואוסט. אָבער ס׳איז מיר אויף דעם נישט געלעגן. איך האָב ווייטער געטאָן דאָס מייניקע. ער האָט שפּעטער הנאה געהאַט פון אַ פּאָר זאַכן מיטן נאָמען „שוואַרצע רויזן״ און אליין געדרוקט אין זאַמלבוך „יידיש״ אַ פראַגמענט פון „שלמה״, זאַכן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט איין מאָטיוו — טויט. די אויגן האָבן אים געלויכטן נאָכדעם ווי ער האָט געלייענט „קדוש״ און עס האָט אים ווי געטאָן ווען עמעצער האָט די זאַך פאַרטשעפּעט. אָבער נאָך די „תפילות״ איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער איבערן שטוב, נישט געוואָלט מיר ווי טאָן, און אַ לאַנגע צייט גערעדט אַלץ אויף דער זעלביקער טעמע:

— מען קען נישט דעם יידישן גאָט אַזוי מיט גוואַלד אַראָפּ־שלעפּן אויף דער ערד. ער שטייט נישט אויף סלופּעס אויף דאָרפישע וועגן.

ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט ער מיר אָפן געזאָגט, אַז די זאַך איז אים נישט געפעלן געוואָרן. און איצט, נאָך קנאַפּע פערציק יאָר, זע איך וויפיל ליבשאַפט מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן צו קענען נאָך אַ נישט־געלונגענער זאַך צוגיין צו אַ תלמיד וואָס קריכט אויף די גלייכע ווענט, אים אַרומנעמען מיט אַ וואַרעמקייט.

וואָס מיין אייגענער טאַטע האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן, און זאָגן:
— פאָרט אַהיים (קיין בריסק, הייסט עס) און שרייבט ווייטער! . . .
און אַ פינף יאָר שפּעטער, נאָך דער פּאָעמע „פוילן", איז די קריטיק געווען אַזאַ:

— איך בין נעכטן אַ שטיק נאַכט נישט געשלאָפן. געלעגן, גע־לייענט אייער פּאָעמע. דערנאָך, אַז איך בין איינגעשלאָפן, איז די פּוילישע מאַטקע באַסקע געקומען אין חלום מיך וואַרגן צוליב אייך. מען קען נישט אַזוי ריידן צו אַ גאַנץ פאָלק!

עס איז אים אַ סך גרינגער געווען מיט אַנדערע וואָס זייער וועג עס האָט זיך געצייכנט דייטלעך און קלאָר. מיט מיר האָט ער נישט געוואוסט וואו ער האַלט. האָט עס איינמאָל אָפן דערקלערט אין אַ רעפעראַט וועגן די יונגע: — דער מנחם וועט אָדער קריגן שטאַרקע פליגל און אַ פלי טאָן הויך, אָדער ס'וועט פון אים ווערן גאָרנישט. און אין די טענות מיט מיר האָט זיך איבערגעחזרט איין פזמון:

— לערנט, לערנט! אַנדערע דאַרפן עס אפשר נישט. איר מוזט. איר מוזט אַ סך לערנען.

.2

פאַר בעל־מחשבותן איז דער ענין געווען קלאָר: נישטאָ קיין טאַלאַנט. פאַר פרצן — נישט. ער האָט געוואוסט, אַז עפּעס איז דער מער מיט מיר און מיך געוואָלט היילן מיט וויסן און קונסט, די בעסטע צוויי רפואות וואָס ער האָט פאַרמאָגט. עס האָט מיר גענומען אַ סך יאָרן ביז איך האָב אַליין אַוועקגעשטעלט דעם דיאַגנאָז פון מיין „קראַנקהייט". עס איז מיט מיר פאַרגעקומען אַ פאַטאַלער טעות: איך האָב געדאַרפט זיין מיין טאַטנס זיידע און נישט זיין זון. אַנשטאָט אַריינגעבוירן צו ווערן אין אַ דור מיט אַ גאַנצער אמונה, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ דור מיט אַ צעשטויסענער. האָט דער דור זיך געפונען אין אַנדערע אמונות, געבאָרגטע און צונויפגעשטוקע־וועטע, און די מיט דער פען אין האַנט האָבן זיך געראַטעוועט מיט דער קונסט. פרץ אַליין איז דער בולטסטער מוסטער פון דעם מין ראַטעווען זיך: אין גרויסער בענקשאַפט נאָך אייגענער גאַנצער אמונה האָט ער געבויט קינסטלערישע געשטאַלטן פון גרויס־גלויביקע. ביי מיר זיינען די סוראָגאַטן אַלעמאָל געבליבן ווי בוימל אויפן וואַסער: זיי האָבן זיך מיט מיר נישט צונויפגעמישט, כאָטש אויבן אויף בין איך כלומרשט מיטגעגאַנגען מיט באַוועגונגען און אידייען.

איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן מסתמא צו 13־14 יאָר. דאָס ערשטע וואָס איך געדענק איז אַ לאַנג „געלעגנהייט"־ליד. די גע־לעגנהייט איז געווען אַ טראַגישער אָפּשייד פון אַ מיידל וואָס איז אַוועק פון מיר צו אַן אַנדער בחור, ווייל יענער האָט שוין געוואוסט, אַז ריידן צו מיידלעך איז נישט גענוג — מען דאַרף זיי קושן. דאָס ליד איז געווען אַ געגראַמט שטיק מוסר — אויף רוסיש — וועגן גורל

פון פאָלק ישראל, וועגן אונדזער אייביקער ירושה און וועגן דעם וואָס זי פאַרבייט חיי־עולם אויף חיי־שעה. איך האָב עס איר פאָרגע־לייענט אין אַ ווינטער־נאַכט ביי אַ לאָמטערן אין אַן אָפּגעלעגן געסל. דאָס צווייטע געלעגנהייט־ליד איז געקומען צו 15 יאָר נאָכן קי־שינעווער פּאָגראָם. איך האָב געזען די מערדער ווי עול־רגל צו זייער גאָט וואָס קערט זיך פון זיי אַוועק צוליב בלוט פון זיינע ברידער אויף זייערע הענט. גייען זיי וואַשן די הענט אין ירדן, און דער ירדן וויל דאָס בלוט נישט אָפּוואַשן. עס האָט זיך מיר דערנאָך געעפנט אַ קוואַל פון מוסר־אינספּיראַציע אין געשטאַלט פון אַן אַנדער מיידל, אַ בלייכע מיט לאַנגע צעפּ, וואָס פלעגט שבת בייטאָג פאַרמאַכן פּיסאַרעוון און זיך זעצן ביים טיש וואו דער פאָטער האָט מיט איר ברודער געלערנט דעם „חובת הלבבות". בין איך געוואָרן דער דריטער תלמיד. זי איז נישט געגאַנגען מיט מיר צו די קעלער־פאַרזאַמלונגען וואו איך האָב געהאַלטן דרשות וועגן דעם, אַז אויב יידן וועלן נישט האָבן קיין אייגענע טעריטאָריע, וועלן זיי זיך נישט קענען פּראָלעטאַריזירן על פּי נוסח מאַרקס, אָבער זי האָט שפּאַצירט מיט מיר אויף די „נייע" בולוואַרן (די „אַלטע" זיינען געווען פאַר־נומען מיט פּאַרטיי־בירזשעס), און איינמאָל אַן אָוונט האָבן מיר גלייכ־צייטיק אויסגעפונען, אַז מירביידע גלויבן אין פּלאַטאָנישער ליבע. דער ריס איז געקומען ווען מיר האָבן זיך נישט געקענט אייניקן אויפן טרויער איבער צוויי מתים: זי האָט באַווינט טשעכאָוון און איך — הערצלען. אַ מוסר־ליד איז אויך געווען דאָס ערשטע וואָס איך האָב געבראַכט פּרצן ער זאָל עס פּסלענען: איך האָב געהאַט טענות צו אַ בחור אָדער אַ מיידל פאַרן אוועקגיין אין דער אַלגע־מיינער רעוואָלוציע און פאַרגעסן זייער אייגן פאָלק.

די ערשטע צייט מיט פּרצן האָב איך זיך געבראַכן: געשריבן כלומרשט פּאָעטישע לידער אָדער פאָלקס־מאָטיוון. מיט אַזאַ פאָלקס־מאָטיוו איז איינמאָל געשען אַ צרה. די מאַמע אין דער היים האָט געקראָגן די צייטונג, איבערגעלייענט דאָס ליד און זיך פאַנאַנדער־געוויינט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייבן! אָבער מיידל, ווידער מיידל! . . . האָט איר דער טאַטע געמוזט פאַרטייטשן, אַז וואָס אין כתיב איז מיידל איז אין קרי גאָר שכינה. אַז איך האָב דערנאָך געהערט די מעשה פון טאַטן, האָב איך אין זיך מסכים געווען, אַז ס'איז געווען אויף וואָס צו וויינען. און וואָס מער איך האָב זיך איינגעהיימישט מיט פּרצן, אַלץ פרייער האָב איך זיך דערפילט נישט צו פאָלגן. ווייל ס'איז מיר געווען שווער. עס איז געווען קעגן מיר.

אַז איך דערזע דעם גאַנצן פאַרנעם פון אָט די פערציק יאָר, זע איך פאַר זיך אַ גוואַלדיקן דור. די מיט וועלכע איך בין אַמאָל געזעסן ביי איין טיש — פון מענדעלען, פּרצן, שלום־עליכמען, ביאַליקן ביז דעם יינגסטן פון די לעצטע יאָרן — וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער פאַנאַנדערבלי, וואָס פאַר אַ ליכטיקע שפע! אָבער

צווישן מיר און דעם דור זיינען געשטאַנען מחיצות. זיי זיינען געווען אין מיר, און איך האָב פריער נישט געקענט און דערנאָך אויך נישט געוואָלט זיי בייקומען.

איך בין אַריינגעקומען איר דור אין דער צייט ווען אַ גרויסער טייל פון אים איז געווען פריש פאַרשכורט פון דער רעוואָלוציע, וואָס איראָפּע האָט דורכגעמאַכט מיט דורות צוריק: די באַפרייאונג פון מענטש, וואָס מיינט אייגנטלעך זיין באַפרייאונג פון אונטערן גאָט־הייט־יאָך. אין שפּינאָזאָס פּאַנטעאיזם איז נאָך דער מענטש צונויפגעשמאָלצן מיט דער גאָטהייט. ביי קאַנטן שטייט שוין דער מענטש אין צענטער פון אַלץ און, גאָט איז אַ מין סימבאָל פון עטישער שלימות. ביי אָגיוסט קאָנטן זעצט זיך שוין די מענטשהייט אַליין אַוועק אויפן טראָן פון דער גאָטהייט. דער מענטש איז דער אָנהויב און דער סוף. אין דער קונסט האָט זיך די באַפרייאונג פון אונטערן יאָך פון דער טעאָלאָגיע אָנגעהויבן נאָך אין רענעסאַנס. צו דער צייט ווען די מלוכה האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער קירכע איז די קונסט שוין לאַנג פריי געווען פון איר. אָבער אפילו אונטער דער האַרבסטער דיקטאַטור פון דער קירכע האָט דער מענטש אין דער קריסטלעכער איראָפּע זיך געקענט אַ סך פרייער „אויסלעבן" ווי ביי אונדז אונטערן רעזשים פון אַ גאַנצער אמונה. איז די איבערקערעניש ביי אונדז געווען אַ סך אַ טיפערע.

געזעלשאַפטלעך האָט דער דור זיך געקענט אָנקניפּן אָן נייע אמונות, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, און אין זיי אַריבערטראָגן די יידישע מסירת־נפש, די טאָטאַלע פאַרשלונגענקייט און אומטאָלעראַנץ צו אַנדערע. אָבער הינטער דער פאַרשלונגענקייט אין די נייע אמונות איז געגאַנגען אַן אימפּעטיקער שטראָם פון יחידישער באַפרייאונג און ס'האָט זיך געבויט דער קולט פון מענטש, פון איך, פון דער אויפגעבונדענער פּערזענלעכקייט. אָט דער קולט פון מענטש, פון איך, איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער נייער ליטעראַטור. צום ערשטן מאָל נאָכן תנ"ך און דער אגדה־ליטעראַטור האָט זיך דאָס געשריבענע יידישע וואָרט פאַרנומען מיטן יחיד, מיט זיינע איבערלעבונגען, דראַמעס, גאַרונגען. דאָס איז געווען אין דער דערציילערישער ליטעראַטור. און פאַר דער פּאָעזיע, דערהויפּט דער לירישער, האָט דער קולט פון איך געעפנט צוויי טויערן, וועלכע זיינען אַלעמאָל געווען פאַרמאַכט פאַרן פרומען עניוותדיקן יידישן מענטש: צו נאַקעטקייט און צו עגאָצענטרישקייט. אויב די וועלט דאַרף געזען ווערן דורכן איך און דער איך איז דער צענטער פון איר, ווערט במילא אַלץ וואָס קומט פאָר אין איך דערהויבן צו אַ מדרגה פון אַ קאָסמישער געשעעניש און דער וואָס האָט דעם כוח צו באַזינגען אָט די געשעענישן ווערט דער בחיר היצירה און פאַלט כורעים פאַר זיך אַליין.

אָט דעם שפּאַן צום איך, וואָס שטעלט זיך אַוועק אין צענטער פון דער יצירה, האָב איך נישט געקענט מאַכן. דער יידע אין מיר פלעגט

אויפציטערן פון געדאַנק, אַז מענטשן קענען פון זיך אַליין מאַכן די איספּקלריא דורך וועלכער זיי זאָלן קוקן אויף דער ערד און אויף די הימלען. פאַר דער גאַקעטקייט האָב איך זיך געשעמט און פון דער עגאָצענטרישקייט האָט מיך אַלעמאָל אָפּגעשטויסן אַ פּיינלעך דער־ווידער־געפיל. עס מיינט נישט, אַז איך האָב נישט געהאַט די תשוקה פון דור צו שרייבן איך־לידער. איך פּלעג די לידער פאַרטראַכטן, אָבער נישט אָנשרייבן, אָדער זיך באַנוצט מיטן פאַרטל פון שרייבן כלומרשט פאָלקס־מאָטיוון. ערשט אין שפּעטערע יאָרן זיך דערטראַכט צום מיטל פון געבן זיך פּסעוודאָנימען און שרייבן לירישע לידער פאַר זאַוול רימער און נח מאַרקאָן. דאָס ביסל וואָס איך האָב אָנגעשריבן דירעקט פון איך אַרויס איז מיר פּסיכיש אָנגעקומען כקריעת ים־סוף.

אין וואָס איז באַשטאַנען מיין קראַנקהייט? איך קוק אויף מיין דור און זע: די מערסטע זיינען פון גאָט אַוועק מיט אַ גרינגן גע־מיט, זיינען דערלייזט געוואָרן. איך האָב דאָס אַוועקגיין איבערגע־לעבט ווי אַ ריס און דעם ריס נישט אויפגעהערט צו פילן. קיינמאָל! אין דער פּאָעזיע פון דור, איז דאָס וואָרט „גאָט" געוואָרן אַ מעטאַ־פאָר. ביי מיר קיינמאָל נישט. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלאָרן די יראת ה׳. איך האָב געגאַרט זיך אריינצושטעלן צוריק אין אַ גאַנצער סיסטעם פון אמונה, און כאָטש דער צענטער פון דער סיסטעם האָט געפעלט, האָב איך דעם חוש פאַרן „מקום" וואו דער צענטער דאַרף זיין, נישט פאַרלאָרן. זיינען דעריבער אַלע רעגונגען און מאָטיוון, וואָס זיינען געלעגן אויפן שטח פון איך, געווען בבחינת עולם הזה. אויב עולם הזה, קען מען שרייבן טעקסטן פאַר אָפּערעטעס. עס האָט מיך געטריבן צום מה למעלה און ס'איז ליבער געווען צו קריכן אויף די גלייכע ווענט, פאַלן און געניזוקט ווערן איידער גיין מיטן „גע־זונטן" וועג. ביי אַ געטרייען רבין ווי פּרץ האָט עס אַרויסגערופן צווייפל און צער. ביי אַנדערע — ביטול און חוזק. אָבער איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט. דאָס קריכן אויף די גלייכע ווענט איז אין מיר געווען אַן אימפּעראַטיוו פון יענעם זיידן, וואָס האָט פון מיר געמאָנט די גאַנצע אמונה.

איך האָב עס אין יענע יאָרן נישט געזען מיט דער איצטיקער קלאָרקייט, אָבער געזען, און אין אַן עסיי מיטן נאָמען „זינגער", גע־דרוקט אין 1912, אַזוי געשריבן:

„פון וואָס זינגט דען נישט דער זינגער? האָט דער האַרבסט־ווינט פון בוים אַ בלעטל אָפּגעריסן — מאַכט ער אַ ליד, האָט זיך דער ערשטער שניי באַוויזן, האָט אים אַ מיידל געקושט, אַ מיידל אַוועקגעוואָרפן — פון אַלץ ווערט אַ ליד . . . זאָל פאַר אים אַ שטאָט חרוב ווערן, זאָל פאַר אים אַ פאָלק פאַלן אָדער אויפשטיין — אויך פון דעם ווערן לידער . . .

„דאָס אַלטע פאָלק האָט קיינמאָל נישט געקענט אונטערשיידן צווישן דיכטונג און געדאַנק. און איך, וואָס איך האָב דאָס בלוט פון

פאַלק אין זיך, בלייב שטיין פאַר די לידער פון די נייע זינגער און קען נישט אָפּטרייבן פון זיך די נאַרישע פראַגע: וואָס גייט עס מיך אָן?

„נישט דאָס זינגער־פאַלק, נאָר דאָס דיכטער־פאַלק זיינען מיר . . . און עס דאַכט זיך מיר, אַז מיר אַלע — די וואָס שרייבן און די וואָס לייענען — גייען אַרום אין אַ וועלט פון פרעמדע באַגריפן און פאַרשטעלונגען, מעסטן זיך מיט אַ געליגענער מאָס און ווילן זינגען לויט אַ פרעמדן טאָן. צו שווער ליגט נאָך אויף אונדז די האַנט פון די ביי וועמען מיר האָבן געלערנט. מיר הערן נאָך אָפּט מיט זייערע אויערן, זעען מיט זייערע אויגן און רעדן אויף זייער שפּראַך. אפשר פילט מען עס נישט, אפשר ווייסט מען עס נישט אומבלאַנדזשענדיק מיט אַ פרעמדער תורה אין קאָפּ — איך אָבער שפּיר עס . . .״

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען בלינד־אומגערעכט צום ליד. אָבער מענטשן פון 24 יאָר צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבער־פלוס פון אָביעקטיווער צוגאַנג צו זאַכן, בפרט ווען זיי אַליין קענען דעם וועג צו זיך נישט אָנטאַפּן.

3.

די צווייטע מחיצה צווישן מיר און דעם דור איז געווען דער קולט פון קונסט.

דער סיכסוך צווישן יידישקייט און העלעניזם האָט נישט גע־האַט צו טאָן מיט שיינקייט אָדער פאָרם. וואָס איז שייך צום געשרי־בענעם וואָרט איז דער תנ״ך אַ גוואַלדיקער מאָנומענט פון סטיל, פון ריטם, פון מייסטערשאַפט. דער צעפלאַקטענער סטיל פון דער שפּעטערדיקער רבנישער ליטעראַטור איז מסתמא נישט ערגער פון סטיל אין דער פילאָזאָפישער און יורידישער ליטעראַטור פון די זעלביקע יאָרהונדערטער ביי גויים. און ווידער האָט זיך דער סיכסוך נישט באַצויגן אויף דער שטוביקער, טאָג־טעגלעכער קונסט, וואָס באַצירט, באַשיינט און ברענגט אַריין יום־טובדיקייט מיט פאָרם און פאַרב און קלאַנג. דער שאַרפער קאָנפליקט האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט וואו די שיינקייט האָט זיך פאַרמאָסטן אַריבערצושטייגן אָדער אַרויס־צושטויסן די אַנדערע אַטריבוטן פון געטלעכקייט. לא תעשה לך פסל האָט געוואָרנט קעגן דעם, אַז די געשטאַלטן, וואָס די קונסט שאַפט, זאָלן נישט ווערן קיין געטער און די קונסט אַליין — קיין עבודה זרה.

דער קולט פון קונסט האָט געמוזט קומען ביי אונדז מיטן קולט פון באַפרייטן איך. ער איז געווען אַ טייל פון דער עמאַנציפּאַציע, פון דער פאַרוועלטלעכונג. אין אידעען־טרעגער, אין פאַרטיי־פירער, האָט דער רעליגיעז־אויסגעליידיקטער מענטש געפונען דעם מנהיג, דעם פוסק. אין קינסטלער — דעם בעל־מופת, דעם מענטש פון איב־ספּיראַציע, פון רוח הקודש. דעריבער האָבן אַלע אונדזערע באַפריי־אונג־באַוועגונגען — סאָציאַלע ווי נאַציאָנאַלע — איינגעטיילט דעם

קינסטלער אַזאַ חשובן פּלאַץ אין זייער פּלאַן פון באַהערשן דעם מענטש. דאָס זעלביקע האָבן אויך געטאָן ביט־יידישע באַפרייאונג־באַוועגונגען. דער בולטסטערביישפּיל — די סאָוועטן וואָס זיינען מער ווי טאָלעראַנט אויף צו „ריינע" קינסטלער. אָבער אין ערגעץ איז נישט געווען אַזוי שאַרף ווי ביי אונדז די נויט צו שטילן דעם מופת־דורשט און קדושה־דורשט פון רעליגיעז־אויסגעהוילטן מענטשן.

עס איז געווען גרינג ביי אונדז צו שאַפן דעם קולט פון קונסט, ווייל, ערשטנס, איז ער געווען אַ המשך פון פאַרוואָרצלטן קולט פון ספר, און, צווייטנס, האָט ער זיך איינגעשטעלט בהדרגהדיק: פון רעליגיעזן מוסר־ספר און געזאַנג צום השכלהשן, רעוואָלוציאָנערן און פאָלקסטימלעכן. ביז היינט צו טאָג זיינען קונסט און ליטעראַטור ביי אונדז כמעט ווי סינאָנימען. מאָלעריי, מוזיק זיינען „אויך" — קונסטן. און אויף וויפל ביים עולם איז דער קולט געוואָרן אַ טייל פון זיין נייעם וועלטלעכן שטייגער, איז עס ביים שרייבער פון מיין דור געוואָרן אַ כהונה אין אַ נייעם היכל. קונסט איז געוואָרן אַן עבודה לשמה, אַן אידעע, אַן ענדציל. אירע כהנים, אויב זיי האָבן אפילו קיין לאַנגע האָר נישט געטראָגן און זיינען קיין נזירים נישט געוואָרן, האָבן אי זיך אי די כלים, מיט וועלכע זיי האָבן געפּראַוועט די עבודה, איינגעוויקלט אין מאַנטלען פון אומבאַרירלעכקייט און זיינען געוואָרן אַ קאַסטע.

דער מוסטער פון אַ יידישן פּאָעט אין אַ סביבה וואָס איז פאַרשווענקט מיט אַ פרעמדער וועלטלעכער קולטור איז ר' יהודה הלוי. ער האָט אין דער פּאָעזיע אָפּגעצאָלט דעם צינז דער וועלטלעכקייט אין אינהאַלט ווי אין פאָרם, אָבער אין תוך איז ער געבליבן נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאָעט און צוזאַמען דערמיט — נישט אָפּגעשיידט — אויך דער בויער און באַפעסטיקער פון אמונה. ביי זיינע דירעקטע יורשים פון אונדזער צייט — פּרץ, ביאַליק, ליעסין, יהואש — לאָזן זיך אַלע דריי יהודה הלוישע עלעמענטן דערקענען. דאָס יחידיש־וועלטלעכע גייט אין דער דיכטונג אַלעמאָל פּאַראַלעל מיטן נאַציאָנאַלן, און דאָס וואָס ביים שפּאַניער האָט אָנגענומען די פאָרם פון „כוזרי", נעמט דאָ אָן די פאָרם פון פלאַמענדיקער פּובליציסטיק, פון אגדות־זאַמלונג, פון תנ"ך־איבערזעצונג. ערשט נאָך אָט דער גרופּע דירעקטע יורשים שטייגט אויף מיט אירע שטרענגע מאָנונגען די ריינע קונסט, און ווען איך קוק צוריק אויף די פּאָר צענדליק יאָר פון מיין אייגענעם דור זע איך אַ ביטערן גרעאַנגל: פון איין זייט די ריינע קונסט, פון דער צווייטער — אַ צעברויזטע וועלט, אין וועלכער עס האָט געזוכט אַ נייעם אַנהאַלט ישראל סבא.

אויבן אויף קען עס אויסזען היינט צו טאָג, אַז געוואונען די שלאַכט האָבן ביידע. די אינטעלעקטועלע ברוויזענישן אין דער וועלט, די סאָציאַלע איבערקערענישן פון דער צייט, די נאַציאָנאַלע קאַטאַס־

טראָפּעס און צעטרייסלונגען, דאָס איינלעבן זיך אויף נייע קאָנטי־נענטן, די משיחישע רעגונגען און באַוועגונגען — אַלץ האָט גע־שטויסן צו דעם, אַז די „ריינע" פּאָעזיע זאָל ווערן אידעאיש און די יחידישע — כּלליש. די פּאַרעקשנט־יחידישע פּאָעזיע איז סוף כּל סוף געבליבן נישט מער ווי אַ פּאַרלאָזטע פּראָווינץ אין גרויסן לאַנד פון אונדזער דיכטונג. דאָס איז געווען דער נצחון פון ישראל סבא. פון דער צווייטער זייט איז די קונסט באַשטאַנען אויף דעם, אַז די כּללישע, אידעאישע מאָטיוון זאָלן דורכגעלאָזט ווערן דורך דער זיפּ פון עמאָציע, פון יחידישער איבערלעבונג; זי האָט זיי געכשרט מיט בילד און וויזיע; זי האָט זיי פאַרוואַנדלט אין געזאַנג; זי האָט געלייטערט און ראַפינירט אירע כּלים — שפּראַך, ריטם, פערז, גראַם. אָבער זי האָט געוואונען אַ סך מער ווי דאָס: זי איז פון איר היכל נישט אַרויס און האָט אויפגעהאַלטן איר פולע סואווערעניטעט. זי האָט דעם דריטן יהודה הלוישן עלעמענט, די אמונה־בויאונג, כּמעט ווי באַוויזן צו האַלטן אין דרויסן.

אין דער ליטעראַטור פון מיין דור — דער פּאָעזיע ווי דער פּראָזע — איז דאָ אַ שלל עלעמענטן פון קדושה, פון אמונה און בטחון, פון משיחישע וויזיעס. אין דער ליריק קוואַלן זיי אָפּט אַרויס פון פּאָעט גופא. אָבער אין דער עפּישער און דראַמאַטישער פּאָעזיע און אין דער פּראָזע האַלטן זיי זיך בלויז און אויסשליסלעך אויף געשטאַלטן פון פאַר דעם ריס מיטן בית־המדרש. פּרץ האָט דער ערשטער אָנגעהויבן שטילן זיין אייגענע אמונה־דורשט מיט בויען געשטאַלטן פון גרויס־גלייביקע פון שטיבל, בית־המדרש און רביישן הויף, און אַזוי האָט געטאָן דער גאַנצער דור נאָך אים. וואָס שטאַר־קער עס איז געוואָרן דער אימפּעראַטיוו פון דער ירושה און די מאָנונג פון שלימות, אַלץ אָפטער איז דער פּאָעט געגאַנגען צו דער געשיכטע, צו זיין טאַטן, זיידן און עלטער־זיידן. אפשר וועט אַ סינטעטיקער אַמאָל צונויפנעמען די אַלע אמונה־עלעמענטן, וואָס לייכטן אַרויס פון אונדזער ליטעראַטור, און צונויפשטעלן פון זיי אַ סיסטעם. דער דור אַליין האָט עס נישט געקענט. און נישט געקענט נישט ווייל ס'האָט אים געפעלט די וויזיע. זעלטן ווען אַ דור האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל וויזיע — קאָלעקטיוו — ווי דער דור וואָס האָט געשאַפן אונדזער נייע ליטעראַטור. נישט געקענט האָט ער, ווייל צווישן אים און דעם מוט צו אַן אייגענער גאַנצער אמונה־וויזיע איז געשטאַנען — אויסער די אידעאישע חילוקי־דעות — אויך די עבודה זרה פון דער ריינער קונסט. נישט געקענט, ווייל נישט געטאָרט אַ פּוס אַרויסשטעלן פון יענעם גדר וואו די סואווערענע קונסט האָט געוועלטיקט איינציק און אַליין. אין דעם איז דער נצחון פון דער קונסט געווען אַ סך גרעסער ווי דער נצחון פון ישראל סבא. אויב דער „נהיה ככל הגויים" האָט אין אונדזער ליטעראַטור געוואונען אַ

סך ווייניקער ווי אין דער געזעלשאַפטלעכקייט און דער פּאָליטיק, האָט ער זיך אָבער אויך דאָ געגוג פעסט פאַרוואָרצלט דורכן קולט פון קונסט.

אין יענע ערשטע יאָרן ווען איך האָב געזוכט פאַר זיך צו פאַר־מולירן דעם חילוק צווישן „געזאַנג" און „דיכטונג" איז דער ענין בכלל נישט געשטאַנען אַזוי שאַרף. ווי אַלע פון מיין דור האָב איך די מלאכה פון פערז געלערנט ביי פרעמדע. אָבער דירעקטן איינ־פלוס האָבן אויף מיר געהאַט בלויז צוויי: דער קאַטוילישער תפילה־דיקער יאַן קאַספּראָוויטש, און דער אימפּעטיקער, גרויס־באַריידעוו־דיקער וואָלט וויטמאַן. ביידע — נישט קיין זינגער, נאָר זאָגער. די „אַקאַדעמישע" פּאָעטן זיינען נישט געווען פון מיין בלוט און ס'איז מיר בשעתן שרייבן די „תפילות" נישט אָנגעגאַנגען, צי דאָס איז פּובליציסטישע פּאָעזיע אָדער פּאָעטישע פּובליציסטיק, ווי ש. ניגער האָט שפּעטער כאַראַקטעריזירט דאָס בוך „זאַמד". איך האָב זיך גע־דאַרפט אויסטענהן, האָב איך זיך אויסגעטענהט — איינמאָל אין ווייסן פערז, איינמאָל אין גראַם. אלא וואָס פרצן זיינען די „תפילות" נישט געווען צום הארצן, וואָס בעל־מחשבות איז באַגאַנגען אַ מאָרד איבער מיר און וואָס די רעדאַקציע פון דער „אידישער וועלט" אין ווילנע האָט מיר דעם מאַנוסקריפּט פון „פּוילן" צוריקגעשיקט — איז פאַרפאַלן. בין איך נישט קיין קינסטלער. עפּעס האָט גע־רופט פונדעסטוועגן און צווישן איין אומקינסטלערישער זאַך און דער צווייטער האָב איך זיך פאַרמאָסטן אויך אויף „פּאָעטישע" לידער צו באַווייזן אי זיך אי אַנדערע, אַז איך קען די „קונץ", אָבער נישט אין דעם גייט עס מיר. ערשט אין אַמעריקע בין איך אַריינגעפאַלן אין ברען פון דער מלחמה וואָס די ריינע קונסט האָט געפירט קעגן אידעאישקייט אָדער יידישקייט און געמוזט נעמען אַ „שטעלונג": האָב איך דען געהאַט אַן אַנדער ברירה ווי בלייבן דער „אומקינסט־לער", דער פּאָעטישער פּובליציסט, דער גריבלער, דער זוכער פון אַ נייער קדושה?

יאָ, איך בין געבליבן אין דרויסן פון דעם קונסט־היכל און מיין ערשטער באַוואוסטזיניקער ענטפער די „ריינע" פּאָעטן איז געווען דאָס בוך „זאַמד", אַ בוך מיט אַ נאַציאָנאַלער אידעע וואָס איז געלעגן אָפן אויסגעשפּרייט אויף יעדן ליד. פּראָסט־פּשוט — אַ מוסר־בוך. ש. ניגער האָט די קריטיק אויפן בוך אָנגערופן: „כנסת ישראל". און עס איז געווען חסד אין דער באַהאַנדלונג. ווייל דאָ האָט אַ מענטש ביודעים זיך פאַרקירעוועט צוריק צו טענדענץ און מוסר. האָט גע־נומען די מיטלען פון דער קנוסט און זיי אָפן אויסגענוצט אויף צו פּרעדיקן אַן אידעע. איז עס אים געלונגען? עס האָט נישט געקענט געלינגען: אין דער פּאָעזיע פון יענער צייט איז עס געווען דער ערשטער פּרואוו אַרויסצוברענגען די נאַציאָנאַלע אידעע נישט דורך

דער גאַנצקייט פון די זיידעס, נאָר דורך דער צעבראָכנקייט פון די איינציקלעך; דער לייזונג איז געווען צו גרויס, אַז די איינצעלנע געשטאַלטן זאָלן קענען אָננעמען לייב און לעבן; דער מוסר און די ליריק האָבן זיך כסדר געשלאָגן; און עס האָט נישט געקענט געלינגען אויך צוליב דעם ווייל דער דור האָט די עצם פאַרשווערונג אויף דער קונסט נישט געקענט סובל זיין. אָבער פאַר מיר איז עס געווען אַן אָנהייב פון אַ מלחמה מיט דער קונסט, אַ מלחמה, וואָס נעמט זיך פון פאַרוואָרצלטן וויסן, אַז פונקט ווי ס'איז אַנדערש אונדזער גורל און גאַנג אין דער וועלט, מוז אויך אַנדערש זיין אונדזער באַנעם פון קונסט, און אַז דער נהיה ככל הגוים איז אויך אין דער ליטעראַטור אַ שקר. ווי אין יעדער מלחמה האָב איך געקראָגן קלעפּ און פון די קלעפּ געלערנט. געלערנט, אַז כדי בייצוקומען די קונסט, דאַרף מען קענען איר באַנוצן די גאַנצע אַמוניציע אירע פון וואָרט־געשטאַלטונג ביז מענטש־געשטאַלטונג. אָבער אין תוך קיינעם נישט אָפּגענאַרט, נישט די געשוואָרענע כהנים פון קונסט־היכל און אוודאי נישט זיך אַליין. פאַר מיר וועט זיך די מלחמה נישט ענדיקן ביז איך וועל — מיט אָדער אָן די קונסט־מכשירים — נישט דערזען פאַר זיך אַזאַ פולע וויזיע פון מיין גאַנג אין דער וועלט פון היינט, ווי עס האָט געזען מיין עלטער־זיידע אין זיינער. און אויב איך זאָל עס נישט זוכה זיין, אפשר וועט פאַר אַן אַנדער דור מיין עקשנותדיקער גאַנג צום נישט־דערגרייכטן זיין בולטער ווי די בלאָנדזשענישן, דורך וועלכע איך האָב זיך געפּלאָנטערט.

.4

דורך די יאָרן פון ווייקן זיך אין וואָרט און ראַנגלען זיך מיטן וואָרט האָט זיך ביי מיר אויסגעלייטערט אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם צו וואָס די דיכטונג דאַרף צילן. איך האָב עס אין „גייער" געזאָגט אין פערז (קוואַלן פון רייד, זייט 142). איך מיין — איך בין שולדיק זיך אַליין אַ מער זאַכלעכע פאָרמולירונג.

ווי דערמאָנט, בין איך געווען בלינד־אומגערעכט צום ליד פון די „זינגער". קודם כל איז נישטאָ ביי אונדז דער זינגער וואָס רייסט זיך נישט צו דיכטונג. און ווידער איז אויך דאָס „ריינע" געזאַנג נישט קיין קלענערער יחסן ווי אַלע שיינקייטן וואָס שפּראָצן פון דער ערד. אויב זיין ליבן נאָמען איז ניחא אָוועקצולייגן אַזוי פיל טרחה אויף דער פאָרם — לאָמיר זאָגן — פון אַ כריזאַנטעמע אָדער אַן אַנדער קאָמפּליצירטער בלום, פאַרוואָס מעג דער פּאָעט נישט שוויצן אויף דער פולקאָמענקייט פון אַ סאָנעטן־רינג? דאָס זעלביקע איז חל אויף מאָלעריי, שניצערייי, מוזיק, טעפּיך־וועבעריי און אַלע אַנדערע קונסטן. איך אַליין מעג זיין אַ יורש פון אַ נאַציאָנאַלער חולאת וואָס איז מבטל שיינקייט צוליב שיינקייט ווי עולם הזה, אָבער איך בין נישט מחוייב

דאָס צו מאָגנען פון אַנדערע. אין דעם איז דאָך באַשטאַנען די גאולה פון דער וועלטלעכקייט, אַז מען זאָל זיך פון דער נאַציאָנאַלער חולאת אויסהיילן. און אויף וויפל די שיינקייט וויל זיין סאָווערען אין איר אייגענער מלוכה, זאָל זי. האָב איך דען אַליין נישט קיין הנאה פון געמאָלענעם בילד וואָס „דערציילט" נישט, פון דער סימפאָניע וואָס „שילדערט" נישט און פון לירישן ליד וואָס זאָגט נישט קיין מוסר?

אָבער די נאַציאָנאַלע חולאת לערנט מיך איינצוטיילן אויף מיינע הנאהס אין צוויי קאַטעגאָריעס: עולם־הזהדיקע און עולם־הבא־דיקע, און וואָס העפּטיקער די קונסט מאָנט סאָווערעניטעט אין איר אייגענער מלוכה, אַלץ מער דאַכט מיר, אַז די הנאה וואָס זי פאַרשאַפט איז עולם־הזהדיק. די גרענעץ צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס גייט איבער דער אַלטער ליניע פון גויאישקייט און יידישקייט. אין אַלטערטום איז גוייש געווען פיל־געטעריי און יידיש — אחדות הבורא. אלא וואָס אַריסטאָטעל איז אויך דערגאַנגען צו זיין מאָנטעאיזם, איז, ערשטנס, דער דרך זיינער געווען אַן אַנדערער און, צווייטנס, האָבן זיך טאָקעביידע מאָנאָטעאיזמען, דער אַנטפּלעקטער און דער לאָגי־שער, געפילט זייער קרוביש. אין די מאָדערנע דורות איז גוייש דער דראַנג פון כלערליי וויסנשאַפטן און קונסטן צו סאָווערעניטעט, צו אָפּזונדערונג, און יידיש איז דער דראַנג צו סינטעז, צו אַ מאָניס־טישן וועלט־באַנעם. אלא וואָס אויך היינט האָבן מיר נישט קיין מאָ־נאָפּאָל אויף מאָניזם, זיינען אָבער די מאָניסטן נאָענטע קרובים מיט אונדז אין דעם דרך וואָס ציט צו יחוד, צום איינציקן מקור און שורש. די אָפּזונדערונג פון די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן און קונסטן איז בלויז אַן אָפּזונדערונג פון פאַרשיידענע וועגן צו איין אוניווערסאַלער דערקענטעניש פון מענטש און וועלט. און די גרענעץ, וואו עס ענ־דיקט זיך די עולם־הזה און עס הייבט זיך אָן די עולם־הבא אין דער קונסט, איז דאָרט וואו די קונסט קומט צום באַוואוסטזיין, אַז זי איז נישט מער ווי אַן איינצעלנע סטעזשקע צו אַן אוניווערסאַלן ציל. וואָס איינגעשרענקטער, „פּראָווינציעלער", סאָווערענער עס איז די קונסט אין אירע אייגענע גרענעצן, אַלץ עולם־הזהדיקער איז זי. וואָס ווייטער זי רייסט זיך אַרויס פון איר אייגענער טעריטאָריע, אַלץ הע־כער, עולם־הבאדיקער ווערט זי.

עס איז אפשר אַביסל צו פּאַטעטיש צו דערקלערן — ווי עס האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק געטאָן דער יונגער, באַגייסטערטער שעללי — אַז „פּאָעזיע איז אי דער צענטער אי די פולע אויס־שפּרייטונג פון אַלע מינים וויסן", אָבער אָפּזונדערן די פּאָעזיע פון רעליגיע, פון פילאָזאָפיע, פון געשיכטע, ווי אייניקע האָבן עס גע־פּרואווט טאָן ביי אונדז, איז מער ווי פּראָווינציעל. גיי און מאַך אַ דאַנטע און מילטאָן, אַ שעקספּיר און געטע מיט „ריינער" פּאָעזיע. און ווער וועט אָפּזונדערן דעם ראָמאַן פון דער פּסיכאָלאָגיע, די ליי־

טעראַטור בכלל פון די אידעען פון דער צייט און יעדע מין קונסט־שאַפונג פון די פאָרשונגען און אַנטדעקונגען פון דער צייט? ערשט אין דער שותפות מיט אַלע סוד־אַנטפּלעקער און וועלט־דערקענער גע־פינט די פּאָעזיע איר אמתע שליחות.

דער גאַנג צום סוד ציט איבער צוויי וועגן וואָס זיינען זיי באַזונדערע און אָט פלעכטן זיי זיך צונויף: דער וועג פון פאָרשן, גרונטעווען, חשבונען — פון „קאַלטן שכל", און דער וועג פון דער־שפּירן, דערזען, אַנטפּלעקן — פון דער אַזוי גערופענער אינטואיציע, פון רוח הקודש. מיט איינעם גייט דער יחידישער אָדער קאָלעק־טיווער אַריסטאָטעל — דאָס „עקזאַקטע" וויסן, מיטן צווייטן — דער יחידישער אָדער קאָלעקטיווער משה — די אַנטפּלעקונג, די וויזיע. וואָס משה דערזעט נישט, דערחשבונט אַריסטאָטעל. וואָס אַריסטאָטעל דערפאָרשט נישט, אַנטפּלעקט משה. ווען זיי באַגעגענען זיך נאָכדעם ווי זיי זיינען דערגאַנגען, בויען זיי ביידע דאָס זעלביקע — הלכה, עטיק, איינשטעל פון מענטש אין וועלט. און איידער זיי לאָזן זיך אַרויס אויף די באַזונדערע וועגן, ווערן זיי ביידע גע־שטויסן פון איין דראַנג, וואָס שטאַמט פון זעלביקן מקור.

וועגן דעם מקור דערציילט די מעשה מיטן מלאך וואָס גיט דעם קינד אַ שנעל אונטערן נאָז איידער עס ווערט געבאָרן, און די גאַנצע תורה, וואָס איז געלערנט געוואָרן אין דער מאַמעס בויך, ווערט פאַרגעסן. וואָס עס מיינט איז, אַז אין טראָפּן זאָמען, דעם טראָפּן קאָסמאָס, פון וועלכן מיר דאַרפן געבוירן ווערן, איז פאַרלייגט דאָס גאַנצע וויסן וועגן וועלט און מענטש. מיר באַהערשן דאָס פולע וויסן איידער מיר ווערן געבוירן, ד. ה. אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען אין „אַין", אין נישט. ווייל „נישט" מיינט אייגנטלעך אומגעשטאַל־טיקייט, פאַרמלאָזיקייט. ווערן מיר געבוירן און נעמען אָן די גע־שטאַלט מענטש, — ווערן מיר אַריינגעוואָרפן אין דער תפיסה פון אַ פאַרענדיקטער פאָרם, טיילן זיך אויס פון אומענדלעכן קאָסמאָס און שניידן זיך אָפּ פון זיין פולן וויסן. דאָס וויסן בלייבט אין אונדז אויף וויפיל דער אייביקער „נישט" לעבט אין אונדזער פאַרגענגלעכער פאָרם. אָבער עס בלייבט מאחורי הפרגוד, אין אַ „הינטער־באַוואוסט־זיין". עס בלייבט אַ „פאַרגעסנס". אונדזער גאַנג צום וויסן איז דע־ריבער אַן אייביקע מלחמה בייצוקומען די גרענעץ צום „פאַרגעסע־נעם", דורכצוברעכן די ווענט פון דער תפיסה פון אונדזער פאַר־ענדיקטער געשטאַלט און דורך דעם קאָסמישן וויסן וואָס אין אונדז צוריק אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיטן גרויסן וויסן וואָס אויסער אונדז.

דער גרעסטער נצחון, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אין אָט דער מלחמה, איז דער באַגריף „גאָט". אליין אַ קאָסמיש־אומענדלעכער און פאָרמלאָזער, אַליין „אַין", נישט, איז גאָט דער שאַפער פון אַלע פאַרענדיקטע פאָרמען און געשטאַלטן. הינטער אים איז דאָס אומ־

ענדלעכע און פאַר אים, דאָרט וואו מיר זיינען, דאָס געשטאַלטיקטע. איז ער דאָס אין־סופיקע וואָס גיסט זיך אַריין אין די ערדישע כלים. ווערט ער פאַר אונדז דער טויער, דורך וועלכן מיר קענען אין אונדזער באַגרעניצטער פאָרם צוריק אַרויס אין דער אומענדלעכער פריי פון אומבאַגרעניצטן. דערגייען מיר צו דעם דאָזיקן טויער עפנט זיך פאַר אונדז דער אין־סוף און דאָס „פאַרגעסענע" הייבט אָן צוריק אַרויסצושווימען פון אונדזער קאָסמישן זכרון. איז דעריבער אומפאַר־מיידלעך, אַז סיי אַריסטאָטעל, דער לאָגיקער, סיי משה, דער זעער, זאָלן צו דעם טויער דערגיין.

אַ ייד וועט אין דער וועלט־פּאָעזיע נישט געפינען קיין פונדאַ־מענטאַלער בילד ווי דאָס בילד פון פּאַסטעך אין דער מדבר וואָס דערזעט דעם ברענענדיקן דאָרן. און אין די עטלעכע שורות וואָס דערציילן וועגן דער וויזיע, אין דער שטים וואָס האָט זיך דערהערט פון דאָרן, איז אויך אויף אייביק אַנגעצייכנט דער באַרוף פון שעפע־רישן וואָרט: אהיה שלחני אליכם. די שליחות איז פון אייביקן זיין צום מענטש, כדי מענטש זאָל זיך צוריק געפינען אין אייביקן זיין. און דער ציל פון פאָרם־שאַפונג ביים מענטש דאַרף דעריבער זיין דער היפּוך פון דעם וואָס ביים בורא עולם: ביים בורא עולם איז פאָרם — קאָנקרעטיזירונג, פאַרקערפּערונג פון רוח, פון תוהו ובוהו, פון „אין"; ביי מענטש דאַרף פאָרם־שאַפונג זיין אַ מיטל אויפצולייזן דאָס קערפּערלעכע און עס צוריק באַהעפטן מיטן אין־סוף.

משהס וויזיע פון ברענעדיקן דאָרן איז געוואָרן דער יסוד פון יידישער שאַפונג, און וואָס פּאָעזיע זאָל נישט זיין פאַר אַנדערע, פאַר אונדז וועט איר באַרוף אַלעמאָל בלייבן — גאַנג צום סוד דורך אַנטפּלעקונג. אַנטפּלעקונג איז נישט „איבערנאַטירלעך". זי איז אין סדר העולם פונקט אַזוי לעגיטים ווי טראַכטן אָדער חשבונען, און דער רוח הקודש, די וויזיע פון טויער צום „פאַרגעסענעם", איז פונקט אַזוי איינגעשטעלט מששת ימי בראשית ווי די כופל־טאַבעלע. קליינע אַנטפּלעקונגען באַגלייטן יעדן שעפערישן מענטש אויף שריט און טריט ווי עס באַגלייטן יעדן מענטשן קליינע „ניסים". פאַרן פּאָעט קען נישט בלויז דער ערשטער אויפלויכט פון אַ וויזיע זיין בבחינת אַנטפּלעקונג — אפילו ווענדונגען, אימאַזשן, מעטאַפאָרן, גראַמען קענען קומען ווי קליינע אַנטפּלעקונגען. צו גרעסערע אַנטפּלעקונגען, צו אמתער גלוי שכינה מוז מען זוכה זיין, און בלויז געציילטע זיינען זוכה. נישט בלויז „אהיה שלחני אליכם" ווערט געזאָגט איינמאָל אין טויזנטער יאָר — אַ סך וויניקער ליכטיקע פּסוקים ווערן געזאָגט זייער זעלטן. טאָ וואָס טוען יענע וואָס ווילן זיך אַריבערהייבן איבער די קליינע אַנטפּלעקונגען און קענען זיך צו קיין אייגענער גרויסער נישט דערשלאָגן? שטעלן זיי זיך אַריין אין דער אַנטפּלעקונג פון

יענעם וואָס האָט דערזען דעם טויער און אין זיך זכות און מיט זיינע אויגן ברייטערן זיי אויס זייערע אייגענע אַנטפּלעקונגען.

דאָס האָבן געטאָן די נביאים. אליין מעכטיקע זעער און שעפער, רעדן זיי פון זייערע דורות און נאַציאָנאַלע קריזיסן אַרויס, אָבער די אוניווערסאַלע אַנטפּלעקונג פון וועלכער עס שטראָמען זייערע רייד איז משהס. די פּערזענלעכקייטן ווערן דורכדעם נישט אָפּגעווישט. יעדער איינער איז בולט מיט זיין טעמפּעראַמענט, וויזיע, סטיל. אָבער אַלע האָבן איין שליסל צום ריטם פון זייערע רייד, און דער שליסל איז אַ גרייטער. ביי משהן, וואָס איז מיטן ברענעדיקן דאָרן געווען היימיש, איז דער שליסל אַ זאַכלעכער, אַ פּראָזאַאישער: ויאמר ה'. ביי זיינע יורשים איז שוין די היימישקייט נישטאָ און דער שליסל ווערט אַ געהויבענער, אַ העראַלדישער: כה אמר ד'. די ליריקער פון תהילים פּרעטענדירן שוין גאָרנישט אויף קיין אייגענער אַנטפּלע־קונג אפילו דאָרט וואו עס איז דאָ ביי זיי די גרויסע וויזיע פון ברכי נפשי, אָבער די גאַנצע ליריק זייערע איז באַזירט אויף דער ערשטער גרויסער אַנטפּלעקונג. און אַזוי אַרונטער צו די בעלי־אגדה, ביז צו די פּייטנים פון די שפּעטערדיקע דורות.

די גרויסע אַנטפּלעקונג דערגייט צום רעאַלן, ערדישן מענטשן דורך אומצייליקע „אויסשטראַלונגען". ביים געזעצגעבער ווערט דער־פון די פּיראַמידע פון דער הלכה, וואָס איר באַזע האַלט זיך אין איין אויסברייטערן: פריער די עשרת הדיברות, דערנאָך דער קאָדעקס פון ספר „דברים", דערנאָך דער ברייטערער קאָדעקס פון דער משנה, פון דער גמרא, פון די אחרונים. ביי דער קבלה צעשפּליטערט זיך דער אין־סוף אין די צען ספירות, וואָס האַלטן זיך אין איין אַרונ־טערלאָזן און פאַרחומרן ביז זיי פלעכטן זיך צונויף מיט די ער־דישסטע מצוות. אָבער דער גאַנג אַרונטער פון בלענדיקן ליכט פון וואָרט „אהיה" ביז צו נטילת ידים איז פאַרן מענטש אַ גאַנג אַרויף פון נטילת ידים ביז צום זין פון „אהיה". אַזוי אויך מיט די איינצעלנע אידעעס וואָס שטראַלן אַרויס פון דער צענטראַלער אידעע פון „אנכי": גאָט און פאָלק, גאָט און מענטש, היסטאָרישע שליחות, זינד און שטראָף, אחרית הימים. און ווייטער: נאַציאָנאַלע געבונדנקייט, מסירת נפש, צדק, רחמים — אַלע עיקרים פון דער נאַציאָנאַלער און פערזענלעכער עטיק. יעדע פון די אידעעס קען ווערן אַ צינדער פון וויזיעס און יעדע קען ווערן אַ שטאַפּל פון לייטער וואָס פירט אַרויף צו דער צענ־טראַלער אידעע. אַזוי ווערט געשאַפן גרויסע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע דיכטונג. דער פּאָעט ווערט איינס מיטן מאמין, מיטן דער־הייבער און דערלייזער און דורך דעם זיווג ברענגט ער תיקון אי זיך אי דעם וואָרט.

.5

דאָס אויבן געזאָגטע איז מיין פאָרשטעלונג וועגן דעם וואָס יידי־שע פּאָעזיע דאַרף זיין כדי צו פאַרדינען דעם זכות איינגעגלידערט צו ווערן אין יענער קייט פון היסטאָרישע שאַפונגען, וואָס האָבן געליי־טערט דעם זין פון יידישן זיין. די רעליגיעזע העברעאישע פּאָעזיע האָט זיך צום טייל אַזוי איינגעגלידערט. פאַר יענע פּאָעטן איז אָבער די שליחות געווען זייער אַ גרינגע: זיי זיינען געווען מיט לייב און לעבן איינגעטונקען אין יידישער גלייביקייט און זיי האָבן גע־דאַרפט בלויז אַרויסזינגען זייער רעליגיעזן עקסטאַז אָדער באַציאָנאַלן צער. אַ סך קאָמפּליצירטער ווי די רעליגיעזע ליריק און דעריבער קינסטלעריש־נעענטער צו אונדז זיינען די מעשיות פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער: ר׳ נחמן אָפּעריִרט מיט ראַפינירטע קינסטלערישע כלים וואָס טייטשן אויס אידעעס און אַבסטראַקטע פאָרמולעס מיט בילדער און דראַמאַטישע קאָנפליקטן און ער נוצט פאַר דעם דעם רויען מאַטעריאַל פון דער מאָדערנער פּראָזע: מענטשן, זייערע תשוקהס, זייערע געראַנגלען און לעבן. אַליין אָבער האָט ר׳ נחמן געברענט מיט גרויסער אמונה און האָט בלויז געדאַרפט פאַרמאָגן די מייס־טערשאַפט צו קענען מיט דער אמונה באַלייכטן אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט. מיר אין אונדזערע טעג האָבן זיך דעראַרבעט צו דער מייסטערשאַפט, אָבער פון דער אמונה זיינען געבליבן ביי אונדז בלויז שפּליטערס. אַנשטאָט איין גאַנצער האָבן מיר אַ סך שטיקלעך אמונה: אין מענטש, אין פאָלק, אין דערלייזונג, אין צדק א. אַז. וו. כדי צו קענען ווערן דאָס וואָס די פּאָעזיע דאַרף זיין, מוז זי פון די שפּליטערס צוריק צונויפשטעלן אַ גאַנצקייט און דורך די שטאַפּלען פון די ספירות צוריק אַרויפשטייגן צום קוואַל זייערן — צום כתר.

איך גלייב, אַז דאָס וועט געשען. עס קען נישט נישט געשען. היינט, אין די ערשטע טעג פון 1946, קען מען שוין זען מיט גרוילי־קער קלאָרקייט, אַז די 150 יאָר עמאַנציפּאַציע מיט אַלע אידעעס, שעפערישקייטן, חורבנות, פאַנאַנדערבלי און פאַנאַנדערפאַל וואָס זיי האָבן אונדז געבראַכט, זיינען געווען נישט מער ווי נאָך אַ נסיון, דער האַרבסטער און טראַגישסטער, וואָס דער יידישער גאַנג האָט איבער־געלעבט. אויב מיר אַליין אין אונדזער עגאָצענטרישקייט זיינען נאָך נישט מסוגל צו באַנעמען, אַז די גוואַלדיקע שפע פון אונדזער שאַפונג איז נישט מער ווי רוי־מאַטעריאַל פאַר אַ באַזינטן בנין וואָס דאַרף ערשט אויפגעשטעלט ווערן, וועט עס אַ צווייטער דור, מיט מער פּערספּעקטיוו, יאָ באַנעמען. וואָס דער נסיון האָט געלערנט און לערנט נאָך אַלץ מיט מערדערישע פויסטן איז, אַז אויב נצח ישראל דאַרף ווערן רעאַליטעט, וועט עס ווערן נאָר דעמאָלט ווען ישראל וועט

דורך דעם איבערגעלעבטן און געלערנטן אין די 150 יאָר ווידער דערזען דעם ברענעדיקן דאָרן. קען זיין, אַז אויך משה וואָלט דעם דאָרן נישט דערזען ווען עס וואָלטן אים נישט געבריט די יאָרהונ־דערטער פון עינויים קשים אין מצרים. אויך מיר וועלן דערקענען אי די שקרים און אילוזיעס, וואָס האָבן אונדז צעבראָכן, איז די אמתן און תורות וואָס מיר האָבן איינגעזאַפּט, און דורך זיי ווידער אויפ־צינדן דאָס ליכט וואָס זאָל זיך ציען פון דעם זין פון „אהיה״, ביז נטילת ידים.

ביים ראַנד פון דער נאָר וואָס איבערגעלעבטער קאַטאַסטראָפע, אין אָנגעזיכט פון דער אָרעמקייט און צעשפּליטערטקייט פון די לעבן־געבליבענע, וואָס איז אַליין אַ המשך פון דער קאַטאַסטראָפע, זעט מען ערשט די שליחות פון פּאָעט. פאַרוואָס פון פּאָעט? ווייל ער איז דער יורש פון נאַציאָנאַלער וויזיע און כוחות פון אַנטפּלעקונג, דער יורש פון אמונה און בטחון, דער יורש פון דראַנג צו קדושה. אַלע צייכנס פירן צו דער צייט ווען דער דריטער יהודה הלוישער עלעמענט — די אמונה־לייטערונג — וועט ווידער באַהערשן דעם דיכטערישן מענטש און די געבענטשטע יורשים פון שעפערישקייט וועלן זיך ווידער שטעלן אונטערן צייכן פון „אהיה שלחני אליכם״. דעמאָלט וועט אונדזער דיכטונג ראוי ווערן צו זיין אַ המשך פון תנ״ך.

יאַנואַר, 1946.

אינהאַלט:

זייט

פון מחבר — 3

I קדוש

קדוש — 7
תפילות — 9
על חטא — 17
פון אַ בריוו — 20
שלמהס טויט — 23
עלטער — 30
רחב — 34
אין שענק — 45
לייב — 46
אַבו־עדין — 49
אַלכעמיקער — 53
„ער" — 54

II לאַוראַ

לאַוראַ — 59
דאָס הויז — 60
דאָך איינמאָל... — 63
דאָס ליד פון די יתומים — 64
צו לאַוראַן — 65
צו דעם... — 65
דער גורל — 66
אַז מען קען ניט צאָלן — 67
אין האָטעלן — 69
בלעטער פאַלן — 70
ווער זי איז — 71
דו ביסט רייך — 71
ווילסטו זיין — 72
ווי פרעמד — 74
כ'האָב פאַרגעסן — 74
אין אונדזער גאַס — 75

זייט
אומעט — — — — — — — — — — — — 76
די צייט — — — — — — — — — — — 77
הייליקע באָבעס — — — — — — — — — 78
דו — דאָ — — — — — — — — — — — 80
זאָגט לאַוראַ — — — — — — — — — 81
זייער ליבע — — — — — — — — — — 82
די שפּראַך — — — — — — — — — — 84
אַ מעסער — — — — — — — — — — — 85
איך ווייס אַז דו וועסט אונטערגיין — — — — 86
דער משפּט — — — — — — — — — — 87
גיט שעלט — — — — — — — — — — 88

III היימיש

ביים שוועל — — — — — — — — — — 91
פּוילן — — — — — — — — — — — 92
אין אַ פּוילישן דאָרף — — — — — — — — 99
די נייע שול — — — — — — — — — 103
די גאָלדענע פּאַווע — — — — — — — — 107
שלום בער — — — — — — — — — — — 110
ריין בלוט — — — — — — — — — — 112
דאָקטאָר לוקאַוו — — — — — — — — 115
יענעם טאָג — — — — — — — — — — 129
דאָס ליד פון אונדזער ברויט — — — — — 130

IV דער פרעמדער

אויף די קאַלטע בוידעמער — — — — — — — 137
דער פרעמדער (מאָמענטן פון דער הערצל־ביאָגראַפיע) 138
די צוויי — — — — — — — — — — — 169
דער האָלץ־העקער — — — — — — — — 178

V מעטראָפּאָלים

ביים ים — — — — — — — — — — — 183
דער מאַרש — — — — — — — — — — 188
דער דיכטער — — — — — — — — — 192
אַ פּאָר פאַלק — — — — — — — — — 197
אַן איסט־סיידער באַלאַדע — — — — — — 199
אַ קאַמין אין מאַי — — — — — — — — 202
וואָלטער — — — — — — — — — — — 206
פון טורעם — — — — — — — — — — 210

זייט
דער ליימענער גולם — — — — — — — — — — 214
פיל בענסאָן — — — — — — — — — — — — 216
אַ חתונה אין קלוב מעטראָפּאָליס — — — — — — 232

VI לידער

אַ ליד פון אַ מיידל — — — — — — — — — — 253
אַ ליד פון אַ צוריקגעקומענעם — — — — — — — 254
אַ ליד פון אַן אַם — — — — — — — — — — 255
אַ ליד פון אַ יונגער פרוי — — — — — — — — 256
אַ ליד פון אַ זעלנער — — — — — — — — — 257
אַ ליד פון אַ גרויסשטאָטישער — — — — — — — 258
אַ ליד פון געגנדז — — — — — — — — — — 259
אַ ליד פון אַ כלה — — — — — — — — — — 260
לידער פאַרן שפּיגל — — — — — — — — — — 261
אַזאַ פּאָרל — — — — — — — — — — — 263
וואָך — — — — — — — — — — — — — 264
כ׳זאָל דאָס רעכט — — — — — — — — — — 265
דער קוואַל — — — — — — — — — — — 267
נאָוועמבער 11, 1918 — — — — — — — 268
מאַמעס — — — — — — — — — — — — 270
די באַלעבאָסטע — — — — — — — — — — 271
ביימער ביינאַכט — — — — — — — — — — 274
געסט ביי טיר — — — — — — — — — — — 274
דער זון — — — — — — — — — — — — — 275
זעלנער אויף דער וואַך — — — — — — — — 276
טרויעריקער גיבור — — — — — — — — — — 277
אַ לויב דעם מייסטער — — — — — — — — — 278
צום בויער — — — — — — — — — — — — 279
סאַקאָ־וואַנזעטי־נאַכט — — — — — — — — — 280
פרומע רייד — — — — — — — — — — — — 282
מיין שאָדן — — — — — — — — — — — — 283
אַ תפילה — — — — — — — — — — — — — 284

VII מיט דעם דור — — — — — — — — — — 287